ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# משניות

מסכת

# בבא מציעא

בלשון הקודש
ואידיש

**271**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# משניות
## מסכת בבא מציעא

עם פירוש הנשר הגדול רבינו עובדיה מברטנורא

והוספנו גם כן פירוש המשנה בלשון אשכנז עברי טייטש בשולי היריעה המפרש ומבאר כל דברי רבותינו ז"ל בעלי המשנה בקיצור נמרץ, עם פירוש הרע"ב, למען יבינו כל עם בני ישראל את התורה שבעל פה הנמסרה לנו על הר האלקים על ידי משה נביאו נאמן ביתו.

והתועלת הפירוש ועל מה ראינו על ככה לעשות את הפירוש הזה כבר מלתנו אמורה והודענו זאת בשבטי ישראל על ידי המודעה אשר הוספנו בלשון הקודש וגם על עברי טייטש, גם נדפסה הקדמה בהתחלת כרך א'.

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

ומטלית שהיא שלש על שלש הרי אלו של בעל הבית. מה שהחרש מוציא במעצד הרי אלו שלו. ובכשיל. של בעל הבית. ואם היה עושה אצל בעל הבית. אף הנסורת של בעל הבית:

סל״ק מסכת בבא קמא

המחט: ומטלית שהיא שלש על שלש גרסינן. חייט שהשוה את תפירתו וקולט ממנה מטלית קטנה שלש אצבעות על שלש אצבעות חייב להחזיר לבעל הבגד: מעצד. כלי שמחליק בו הנגר את פני הלוח ושפאין שהוא מוציא דקין הן: כשיל. קרדום ומפיל שפאין גסין: אצל בעל הבית: בשכיר יום: אף הנסורת. דק דק היוצא מתחת המקדח שהם דקים מאד של בעל הבית:

סליק מסכת בבא קמא

# בבא מציעא פרק א

**שנים** אוחזין בטלית. זה אומר אני מצאתיה. וזה אומר אני מצאתיה. זה אומר כולה שלי וזה

שנים אוחזין בטלית. בגמרא מוקי למתניתין כגון שאחד מהם תופס בחוטין שבשפת הבגד מצד זה. והאחד תופס בחוטין שבשפת הבגד מצד זה. אבל אם הם אדוקים בבגד עצמו. זה נוטל עד מקום שידו מגעת וזה נוטל עד מקו׳ שידו מגעת והשאר חולקים בשוה ובשבועה: זה אומר כולה שלי. אני קניתיה ולי מכרה המוכר ולא לך. והמוכר לאחד מהם ולקח המעות משניהם. מאחד מדעתו. ומאחד בעל כרחו ואינו יודע מהי מדעתו ומהי בעל כרחיה. דאילו ידע והיה אומר לזה מכרתי. היה כאן עד אחד והיה שכנגדו חייב שבועה (זו) דאורייתא להכחיש העד. עכשיו שאינו יודע שניהם נשבעים שבועה האמורה במתניתין ודין הוא שיהו חולקים בלא שבועה. אלא שתקנו חכמים שלא יטול שום א׳ מהם אלא בשבועה כדי שלא יהא כל אחד הולך ותוקף בטליתו של חברו ואומר שלי הוא. ואצטריך תנא לאשמועינן בזה אומר אני מצאתיה דהיינו במציאה. ובזה אומר כולה שלי דהיינו מקח וממכר. אי תנא מציאה. הוה אמינא מציאה הוא דרמו רבנן שבועה עליה משום

---

לאנג וויא דיא נאדיל (עתי״ט). גיהער דיא שטיקול פאדים צום בעל הבית (ומטלית שהיא שלש על שלש) אונ אז עס איז געבליבן אשטיקיל צייג גרוים דרייא פינגער די לייגנ אויף דרייא פינגער דיא ברייט (הרי אלו של בעל הבית) גיהער דאס צום בעל הבית (מה שהחרש מוציא במעצד) וואס דער סטאלאר נעמט אראפ פון דיא ברעט מיט דעם הובעל (הרי אלו שלו) דאס גיהער צו אים (ובכשיל) אונ וואס דער סטאלאר טשעשעט אפ פון דעם האלץ מיט דיא האק (של בעל הבית) דאס גיהער צום בעל הבית. דאס איז נאר אז דיא האלץ איז ביא דעם בעל מלאכה אין דער היים (ואם היה עושה אצל בעל הבית) אויב דער בעל מלאכה ארבעט ביא דעם בעל הבית אין דער היים (אף הנסורת של בעל הבית) אפילו דיא דינע וואס גייט ארויס פון העגבער גיהער אויך צום בעל הבית:

פרק א א (שנים אוחזין בטלית) צוויי מענטשין האלטין אקלייד. דר האלט די פעדים וואס אין ברעג קלייד. אונ דער אנדערער האלט אויך דיא פעדים וואס אין ברעג קלייד (זה אומר אני מצאתיה) דער זאגט איך האב גיפונען דיא קלייד (וזה אומר אני מצאתיה) אונ דער אנדערער זאגט איך האב גיפונען דיא קלייד. אדער (זה אומר כולה שלי) דער זאגט דיא גאנצע קלייד איז מיינע. איך האב איר גיקויפט (וזה אומר כולה שלי) אונ דער אנדערער

אומר כולה שלי. זה ישבע שאין לו בה פחות מחציה וזה ישבע שאין לו בה פחות מחציה ויחלוקו. זה אומר כולה שלי וזה אומר חציה שלי. האומר כולה שלי ישבע שאין לו בה פחות משלשה חלקים. והאומר חציה שלי ישבע שאין לו בה פחות מרביע. זה נוטל שלשה חלקים וזה נוטל רביע:

היו

דמורה היתרא לאחוז בה שלא כדין דאמר חבראי לאו מידי חסר בה אי אזיל ותפיס ואפליג בהדיה. אבל מקח וממכר דאי לא הוה צריך לה. לא הוה מהדר אבתרה למזבנה וזה שבא לחלוק עמו וליתן חצי דמיה שלא כדין מתחסרו וליכא למימר דמורי היתרא. אימא לא רמו רבנן שבועה עליה. ואי אשמועינן במקח וממכר. הוה אמינא מקח וממכר הוא דרמו רבנן שבועה עליה משום דמורי היתרא ואמר חבראי דמי קא יהיב ואנא דמי קא יהיבנא. השתא דצריכא לדידי אשקליה אנא. וחבראי לערק וליזל ולזבין אחריתי. אבל מציאה דליכא למימר הכי אימא לא. צריכא: ישבע שאין לו בה פחות מחציה. ואינו נשבע שכולו שלו כדקא טעין מעיקרא. דהא לא יהבי ליה כולה. ואי משתבע שחצי׳ שלו כדקא יהבי ליה. הוה מרע ליה לדבוריה קמא דאמר כולה שלי. הלכך ישבע שאין לו בה פחות מחציה דמשמע הכי. כולה שלי כדקא אמינא מעיקרא ולדבריכ׳ שאין אתם מאמינים לי בכולה. שבועה שיש לי בה.

אנדערער זאגט די גאנצע קלייד איז מיינע. איך האב איר גיקויפט (זה ישבע שאין לו בה פחות מחציה) דער זאל שווערין איך האב אין די קלייד ניט וויניגער וויא העלפט (וזה ישבע שאין לו פחות מחציה) אונ דער אנדערער זאל אויך אזוי שווערין איך האב אין די קלייד ניט וויניגער וויא העלפט. יעדער מיינט אזוי. די קלייד איז אין גאנצין מיינע אזוי וויא איך האב פריער גיזאגט. נאר ווייל איר גלויבט מיר ניט אויף אין גאנצין. נאר העלפט. שווער איך. אז איך האב אין די קלייד אונ וויניגער וויא העלפט האב איך געוויס ניט אין די קלייד. אונ דער אנדערער מיינט אויך אזוי (ויחלוקו) אונ זייא זאלין צוא טיילין די קלייד אויף צווייא גלייכע העלפטין. דר זאל נעמען אהאלבע קלייד אונ דער אנדערער זאל אויך נעמען אהאלבע קלייד (זה אומר כולה שלי) ראובן זאגט די גאנצע קלייד איז מיינע. איך אליין האב איר גיפונען (וזה אומר חציה שלי) אונ דער אנדערער (שמעון) זאגט אהאלבע קלייד איז מיינע. מר ביידע האבין די קלייד גיפונען. (אין האלבע קלייד גיהער דאך געוויס צוא ראובן. זייא קריגען נאר אויף אהאלבע קלייד. דארף מען די האלבע קלייד צו טיילין. ראו[ב]ן זאל נעמען צוזאמען אהאלבע מיט אפערטיל אונ שמעון זאל נעמען נאר אפערטיל. איז דר דין אזוי (האומר כולה שלי) דר וואס זאגט די גאנצע קלייד איז מיינע (ישבע שאין לו בה פחות משלשה חלקים) זאל ער שווערין איך האב אין די קלייד ניט וויניגער וויא דרייא פערטיל (דאס הייסט. איך זאג די קלייד איז אין גאנצין מיינע אזוי וויא איך האב פריער גיזאגט. נאר ווייל איר גלויבט מיר ניט אויף אין גאנצין. שווער איך. אז איך האב אין די קלייד. אונ וויניגער וויא דרייא פערטיל האב איך געוויס ניט אין איר (והאומר חציה שלי) אונ דער וואס זאגט אהאלבע קלייד איז מיינע (ישבע שאין לו בה פחות מרביע) זאל ער שווערין איך האב אין די קלייד ניט וויניגער וויא אפערטיל (דאס הייסט. איך זאג די קלייד איז אהעלפט מיינע אזוי וויא איך האב פריער גיזאגט. נאר ווייל איר גלויבט מיר ניט אויף אהעלפט. שווער איך. אז איך האב אין די קלייד. אונ וויניגער וויא אפערטיל האב איך געוויס ניט אין איר (זה נוטל שלשה חלקים) ראובן נעמט דרייא טייל פון די קלייד (וזה נוטל רביע) אונ שמעון נעמט אפערטיל פון די קלייד:

היו

**ב** היו שנים רוכבין על גבי בהמה או שהיה אחד רוכב ואחד מנהיג. זה אומר כולה שלי וזה אומר כולה שלי. זה ישבע שאין לו בה פחות מחציה. וזה ישבע שאין לו בה פחות מחציה ויחלוקו. בזמן שהם מודים או שיש להן עדים חולקי' בלא שבועה: **ג** היה רוכב על גבי בהמה וראה את המציא'. ואמר לחברו תנה לי. נטלה ואמר אני זכיתי בה. זכה בה. אם משנתנה לו אמר אני זכיתי בה תחלה. לא אמר כלום: **ד** ראה את המציאה. ונפל עליה ובא אחר והחזיק בה. זה שהחזיק בה

ואין לי בה פחות מחציה: **ב** היו שנים רוכבים על גבי בהמה. הא קמשמע לן דרוכב קני. ואע"פ שאינו מנהיג שלא זזה הבהמה ממקומה: או שהיה אחד רוכב ואחד מנהיג. בזמן שרוכב מנענע ברגליו כי היכי דתיזל הבהמה מחמתיה. הוא דשוים רוכב ומנהיג ואם לא היה אלא רוכב בלבד. מנהיג קנה. רוכב לא קנה ואם הודו או באו עדים אפי' לאחר שנפסק הדין עליהם שיחלוקו בשבועה חולקי' שלא בשבועה:

**ג** אמר לחבירו תנה לי וכו'. אבל אמר זכה לי בה קנה הרוכב. ואין המגביה יכול לומר אני זכיתי בה: לא אמר כלום. שקנאה זה שמשכה מיד חברו. וכל זמן שהיתה ביד המגביה הפקר היתה: **ד** זה שהחזיק בה זכה בה. ודוקא שהיתה המציאה ברה"ר שאין ארבע אמות של אדם קונות לו ברשות הרבים. לפיכך המחזיק בה זכה. אבל בסמטא שהוא שביל יחיד או בצדי רשות הרבים שאין רבים דוחקים

---

ב (היו שנים רוכבים על גבי בהמה) צוויא האבין גריטען אויף א בהמה (או שהיה אחד רוכב ואחד מנהיג) אדער איינער האט גריטען אויף דיא בהמה אונ האט איר גישלאגין מיט דיא פיס זיא זאל גיין אונ איינער האט גיפירט דיא בהמה (זה אומר כולה שלי) דער זאגט דיא גאנצע בהמה איז מיינע (וזה אומר כולה שלי) אונ דער זאגט דיא גאנצע בהמה איז מיינע (זה ישבע שאין לו בה פחות מחציה) דר זאל שווערין אז ער האט אין דיא בהמה ניט ווייניגער וויא א העלפט (וזה ישבע שאין לו בה פחות מחציה) אונ דער אנדערער זאל שווערין אז ער האט אין דיא בהמה ניט ווייניגער ווי א העלפט ווייא אין משנה א (ויחלוקו) אונ זייא זאלין צוא טיילין דיא בהמה. דער זאל גיעמען העלפט אונ דער זאל גיעמען העלפט (בזמן שהם מודים) אז זייא זענען מודה איינער צום אנדערין אז דיא בהמה גיהער צוא זייא ביידע (או שיש להם עדים) אדער זייא האבין עדות אז דיא בהמה גיהער צוא זייא ביידע (חולקים בלא שבועה) צוא טיילין זייא דיא בהמה אויף צווייא טייל אן א שבועה: ג (היה רוכב על גבי בהמה) איינער האט גריטען אויף א בהמה (וראה את המציאה) אונ ער האט דער זעהן א מציאה עס ליגט א זאך אויף דיא ערד) (ואמר לחברו תנה לי) האט ער גיזאגט צוא זיין חבר גיב מיר דיא זאך וואס ליגט אויף דיא ערד (נטלה) אונ זיין חבר האט גינומען דיא זאך פון דיא ערד (ואמר אני זכיתי בה) אונ ער זאגט איך האב זוכה גיוועזן דיא זאך פאר מיר אליין (זכה בה) האט ער זוכה גיוועזן דיא זאך. אונ ער דארף זיא ניט געבין צוא דעם וואס רייט (אם משנתנה לו אמר אני זכיתי בה תחלה) אויב דער נאך ווי א ער האט שוין דיא זאך אוועק גיגעבין צוא דעם וואס רייט. זאגט ער איך האב זוכה גיוועזן דיא מציאה פאר זיך. באלד וויא איך האב זיא אויף גיהויבין. איידער איך האב זיא דיר גיגעבין. וויל ער דער וואס רייט זאל אים דיא מציאה צוריק געבין (לא אמר כלום) האט ער גאר ניט גיזאגט. איז זיינע רייד גאר ניט. דיא מציאה בלייבט בייא דעם וואס רייט: ד (ראה את המציאה) ער האט גיזעהן אין גאס ליגט א זאך (ונפל עליה) איז ער ארויף גיפאלין אויף דיא זאך (ובא אחר והחזיק בה) אונ איין אנדערער איז גיקומען אונ האט אן גינומען דיא זאך

בה זכה בה. ראה אותן רצין אחר מציאה. אחר צבי שבור. אחר גוזלות שלא פרחו. ואמר זכתה לי שדי. זכתה לו. היה צבי רץ כדרכו או שהיו גוזלות מפריחין ואמר זכתה לי שדי. לא אמר כלום: **ה** מציאת בנו ובתו הקטנים מציאת עבדו ושפחתו הכנעני׳. מציאת אשתו הרי אלו שלו. מציאת בנו ובתו הגדולים מציאת עבדו ושפחתו העברים. מציאת אשתו שגרשה אף על פי שלא נתן כתובתה הרי אלו

שם. ארבע אמות של אדם קונות לו כל מציאה וכל ספק שסמוך לו בארבע אמות ואין אחר רשאי להפסו. ותקינו ליה רבנן כי היכי דלא ליתי לאנצויי: אחר צבי שבור. שאינו יכול לרוץ ומשתמר בתוך השדה אם לא יעלוהו אחרים והוי כמציאה: זכתה לו. שדהו והוא שעומד בצד שדהו וכגון שיכול לרוץ אחריהן ומגיען קודם שיאחז משדהו: **ה** הקטנים. כל שסמוך על שלחן אביו אפי׳ הוא גדול קרי ליה קטן ומציאתו לאביו משום איבה. והבת בין קטנה בין נערה. מציאתה לאביה דהכורס זכתה כל שבח נעוריה לאביה: עבדו ושפחתו הכנענים. שהרי גופן קנוי לו כדכתי׳ (ויקרא כה) והתנחלתם אותם: מציאת אשתו. רבנן

---

זאך (זה שהחזיק בה) דער וואס האט אנגינומען דיא זאך (זכה בה) דער האט זוכה גיוועזן דיא זאך ודאס איז נאר אז דיא זאך ליגט אין גאס. אבער אז דיא זאך ליגט אין נגעסעלע אדער אויף אזייט פון גאס. אלין וואס עס ליגט אין דעם מענטשינס פיר איילין גיהער דאס צוא דעם מענטש. אונ קיינער קען דאס ביא אים גיט צוא גענמען: (ראה אותן רצין אחר מציאה. ער האט גיזעהן מענטשין לויפין נאך אמציאה. אונ דיא מציאה איז אין זיין פעלד. וואס איז דיא מציאה (אחר צבי שבור) נאך אהערש וואס האט אצובראכענעם פוס. אונ ער קען גיט לויפין. אז קיינער וועט אים גיט חאפין. וועט ער בלייבין ביא אים אין פעלד (אחר גוזלות שלא פרחו) אדער זייא זענען גילאפין נאך טויבין וואס קענען גיט פליהען. אז מען וועט זייא גיט חאפין. וועלין זייא בלייבין ביא אים אין פעלד (ואמר זכתה לי שדי) אונ ער האט גיזאגט מיין פעלד זאל זוכה זיין פון מיינטוועגין דעם הערש אונ דיא טויבין (זכתה לו) האט דיא פעלד זוכה גיוועזן פון זיינט וועגין. איז שוין דער הערש אונ דיא טויבין זיינע. קיינער קען זייא גיט צוא נעמען פון אים גאר ער מוז זיין אין פעלד אונ אז ער וועט לויפין נאך זייא וועט ער זייא חאפין איידער זייא וועלין ארויס גיין פון פעלד (היה צבי רץ כדרכו) אויב דער הערש האט גיט גיהאט קיין צוא בראכענעם פוס. אונ ער איז גילאפין וויא זיין שטייגער איז צוא לויפין (או שהיו גוזלות מפריחין) אונ דיא טויבין האבין גיקענט פליהען. אפילו קיינער וועט זייא גיט חאפין וועלין זייא אויך גיט בלייבין דא אין פעלד (ואמר זכתה לי שדי) אונ ער האט גיזאגט מיין פעלד זאל זוכה זיין פון מיינטוועגין (לא אמר כלום) האט ער גאר גיט גיזאגט. איז זיינע רייד גאר גיט. האט ער גיט זוכה גיוועזן דעם הערש אונ גיט דיא טויבין. אונ ווער עס חאפט זייא צו דעם גיהערין זייא: ה (מציאת בנו ובתו הקטנים) וואס זיין קליינער זוהן אונ זיין קליינע טאכטער געפינען גיהער צום פאטער (אונ אפילו דער זוהן איז גרויס נאר ער עסט ביי זיין פאטערס טיש. הייסט ער אויך אקליינער. וואס ער געפינט גיהער אויך צום פאטער) (מציאת עבדו ושפחתו הכנענים) וואס דער קנעכט אונ דיא דינסט דיא כנענים געפינען. גיהער צום בעל הבית (מציאת אשתו הרי אלו שלו) וואס איין ווייב געפינט גיהער צום מאן (מציאת בנו ובתו הגדולים) וואס אגרויסער זוהן אונ אגרויסע טאכטער געפינען. גיהער צוא זייא (מציאת עבדו ושפחתו העברים) וואס איודישער קנעכט אונ איודישע דינסט געפינען גיהער צו זיי (מציאת אשתו שגרשה אף על פי שלא נתן כתובתה) אאשה וואס דער מאן האט איר גיגעט

אפילו

תקינו ליה משום איבה: ך אחריות נכסים. שעבוד קרקעות שיגבה מהם: לא יחזיר. דחיישינן לפרעון ולקנוניא שמא שטר פרוע הוא ומן סלוה כל. והא דקא מודה לא פרעתי. טעות סופר הוא. וחיישינן לפרעון ולקנוניא והלכה כחכמים. ודוקא בשטר שאין נזכר בו אחריות אמרו חכמים דטעות סופר הוא. וגבי ממשעבדי כאילו היה שהאחריות כתוב בו. אבל אם פירש בשטר שאינו רוצה לקבל עליו אחריות. מודים חכמים דיחזיר דהשתא ליכא למיחש לקנוניא:

עלה של רמאות היא ביניה' לטרוף את הלקוחות שלקחו ממנו קרקע שלא באחריות ויחלקום ביניהם: בין כך ובין כך לא יחזיר. דשטר שאין [בו] אחריות ממשעבדי מי גבי דאחריות

**שלהן: ך מצא שטרי חוב אם יש בהן אחריות נכסים לא יחזיר. שבית דין נפרעין מהן. אין בהם אחריות נכסים יחזיר שאין ב"ד נפרעין מהם דברי רבי מאיר. וחכמים אומרים בין כך ובין כך לא יחזיר. מפני שבית דין נפרעין מהן: ז מצא גטי נשים. ושחרורי עבדים.**

ז דייתיקי. צוואת שכיב מרע דא תהא

דייתיקי

אפילו ער האט איר נאך ניט גיגעבין דיא כתובה. וואס זיא געפינט (הרי אלו שלהן) גיהער צו איר וועת"ט: ו (מצא שטרי חוב) איינר האט גיפונן אין גאס א וועקסיל. אז ראובן איז שולדיג געלט צוא שמעון. אפילו ראובן איז מודה אז ער האט נאך ניט בצאהלט דעם וועקסיל (אם יש בהן אחריות נכסים) אויב אין וועקסיל איז געשריבען אז ראובן וועט ניט בצאהלין דעם רוב. זאל שמעון מעגין צוא נעמען פאר דעם חוב זיינע פעלדער ווא שמעון וועט זייא געפינען. און ראובן האט פאר קויפט פעלדער צוא אנדערע מענטשין (לא יחזיר) זאל מען דעם וועקסיל ניט געבין צו ראובן און ניט צו שמעון. צו ראובן ניט. ער איז דאך מודה אז דער וועקסיל איז נאך ניט בצאהלט. און צו שמעון ניט. טאמער אין אמת האט ראובן בצאהלט דעם וועקסיל. און ראובן האט אנגירעט צו שמעון. ער זאל מאנען מיט דעם וועקסיל (שבית דין נפרעים מהן) וועט דאך בית דין צוא נעמין דיא פאר קויפטע פעלדער און געבין צוא שמעון וועלין זייא בידע צוא טיילין דיא פעלדער צווישן זיך (אין בהם אחריות נכסים) אויב אין וועקסיל שטייט ניט אז שמעון מעג צו נעמען די פעלדער פון ראובן פאר זיין רוב. און ראובן איז מודה אז ער האט נאך ניט בצאהלט דעם הוב (יחזיר) זאל מען געבין דעם וועקסיל צו שמעון (שאין בית דין נפרעין מהן) בית דין וועט דאך ניט צו נעמען די פאר קויפטע פעלדער (דברי רבי מאיר) אזוי זאגט רבי מאיר (וחכמים אומרים) און די חכמים זאגין (בין כך ובין כך) סיי אזוי און סיי אזוי. סיי עס שטייט געשריבין אין וועקסיל אז די פעלדער פון ראובן גיהערין צו שמעון פאר זיין תוב. און סיי עס שטייט ניט געשריבין אז די פעלדער פון ראובן גיהערין צו שמעון פאר זיין חוב. פון דעסטוועגין (לא יחזיר) זאל מען ניט אוועק געבין דעם וועקסיל צו שמעון (מפני שבית דין נפרעין מהן) ווייל בית דין וועלין צו נעמען די פאר קויפטע פעלדער און וועלין געבין צו שמעון. אפילו מען האט ניט געשריבין אז דיא פעלדער פון ראובן גיהערין צו שמעון. ווארום דיא חכמים האלטין שמעון האט געוויס אנדערש ניט גיבארגט דאס געלט צו ראובן סיידין ראובן האט אים צו גיזאגט ער זאל קענען נעמען דעם חוב פון זיינע פעלדער. נאר דער שרייבער וואס האט געשריבין דעם וועקסיל האט פאר געסין דאס איין צו שרייבין אין וועקסיל און ווייל ראובן ווייס אז שמעון וועט צו נעמען די פאר קויפטע פעלדער זאגט ער אז דער חוב איז נאך ניט בצאהלט. ער זאל זיך צו טיילין מיט שמעון אין די פעלדער: ז (מצא גיטי נשים) איינער האט געפונען אגט פון אשה (ושחרורי עבדים) אדער ער האט גיפונען

# בבא מציעא פרק א

דייתיקי מתנה. ושוברים. הרי זה לא יחזיר. שאני אומר כתובים היו ונמלך עליהם שלא ליתנם: ח מצא אגרות שום. ואגרות מזון. שטרי חליצה. ומיאונין. ושטרי בירורין. וכל מעשה

תסה למיקס ולסיות: ושוברים. פעוסס מלוס ללוס שנפרע ממנו סטר חוב: ח אגרות שום. שסמו בית דין נכסי לוס למלוס בחובו: ואגרות מזון. שקבל עליו לזון את בת אשתו. פ"א שימכרו מקרקע סבעל. למזון סאשס וסבנות: ומיאונין. שכותבים בשטר בפנינו מאנס פלונית בפלוני בעלס. ובקטנס שסשיאוס אמס ואחיס שאינס צריכס גט: שטרי בירורין. זס בורר

אפאפיר וואס אויף אים איז געשריבען אז ראובן מאכט פריי זיין קנעכט (דייתיקי) אדער ער האט געפונען א צוואה פון א קראנקען אז ער שיינקט זיין פארמעגן צו שמעון (מתנה) אדער ער האט געפונען אפאפיר וואס אויף אים איז געשריבען ראובן שיינקט צו יהודה א פעלד (אדער איין אנדער זאך) (ושוברים) אדער ער געפינט אפאפיר וואס אויף אים איז געשריבען אז ראובן האט אפ גענומען זיין חוב פון לוי (דער פאפיר הייסט „שובר" ער צו ברעכט דעם וועקסיל וואס ראובן האט אויף לוי). אונ דיא אשה ייל דעם גט. דער קנעכט וויל זיין פאפיר אז ער איז פריי. שמעון וויל דיא צוואה. יהודה וויל דעם שטר מתנה. לוי וויל דעם שובר (הרי זה לא יחזיר) זאל מען קיינעם ניט געבען (שאני אומר כתובים היו) וואָרום איך זאג דיא זאכין האט מען געשריבען. מען האט געוואלט געבין. (ונמלך עליהם שלא ליתנן) דר נאך האט ער חרטה גיהאט אונ וויל ניט געבען. דער מאן איז גיוועזען אין כעס אויף זיין ווייב. האט ער געשריבען א גט. איצט וויל ער איר ניט געבין. דער בעל הבית האט געוואלט פריי מאכין זיין קנעכט. האט ער געשריבען דעם פאפיר. איצט האט ער חרטה אונ וויל אים ניט פרייא מאכין. דער קראנקער האט געוואלט שיינקען זיין פאר מעגין צו שמעון. האט ער געשריבין דעם פאפיר. איצט האט ער חרטה. ראובן האט געוואלט שיינקען יהודה א פעלד. האט ער געשריבען דאס פאפיר. איצט האט ער חרטה. לוי האט גיזאגט צו ראובן ער וועט אים ברייננען געלט אויף דעם חוב. האט דער ווייל ראובן געשריבען דעם פאפיר אז לוי האט בצאלט זיין חוב. ווען לוי וועט ברייננען דאס געלט זאל ער אים באלד געבין דעם פאפיר. לוי האט אבער קיין געלט נאך ניט גיבראכט. אונ דער גט איז נאך קיין מאהל ניט גיוועזען ביי די אשה אין האנט. דער שטחור איז נאך קיין מאהל ניט גיוועזען ביי דעם קנעכט אין האנט. די צוואה איז נאך קיין מאהל ניט גיוועזען ביי שמעון אין האנט. דער שטר מתנה איז נאך קיין מאהל ניט גיוועזען ביי יהודה אין האנט. דער שובר איז נאך קיין מאהל ניט גיוועזען ביי לוי אין האנט. דריבער זאל מען זיי ניט אוועק געבין: ח (מצא אגרות שום) ער האט געפונען אפאפיר וואס אויף אים איז געשריבען. אז בית דין האט אפ גישאצט דאס פארמעגין פון לוה צום מלוה פאר זיין חוב (ואגרות מזון) ער האט גיפונען אפאפיר וואס אויף אים איז געשריבען אז ראובן מוז געבין עסין זיין ווייבס טאכטער וואס זיא האט פון איין אנדער מאן. אונ בית דין איז אונטער געשריבין אויף דעם פאפיר אז פאר זיי איז דאס גימאכט גיווארין (שטרי חליצה) בית דין האט געשריבען אפאפיר אז פאר זיי האט די אשה גינומען חליצה (ומיאונין) בית דין האט געשריבין אפאפיר אז פאר זיי האט די אשה ווען זי איז גיוועזען קליין (אונ איתומה וואס די מוטער אדער אירע ברידער האבין איר חתונה גימאכט) גיזאגט זי וויל ניט דעם מאן. אונ זי דארף ניט קיין גט (ושטרי בירורין) אפאפיר וואס איז אויף געשריבין ראובן האט אויס געקליבין דעם

לו אחד וזה בורר לו אחד שידוהו לשם: מצא שטרות בחפיסה. חמת של עור קטנה: ודלוסקמא. כלי עור שהזקנים מניחים בה כלי תשמישם שלא יצטרכו לחפש אחריהם: תכריך של שטרות. שלשה שטרות או יותר כרוכין זה בזה: אגודה. מושכבים זה על זה. ארכו של זה על ארכו של זה: הרי זה יחזיר. דדבר שיש בו סימן הוא. שהכלי סימן כשיאמרו שבעלים בכלי פלוני מצאת אותם. וכן תכריך ואגודה סימן הוא: אחד הלוה משלשה. הם

שלשה שטרות של לוה אחד כן שלוה משלשה בני אדם. יחזיר. המוצא ללוה. דודאי מידו נפלו. שאם מידם נפלו מי קבצם למקום אחד. ודוקא שהשטרות מקויימים בבית דין. אבל אם אינם מקויימים חיישינן דלמא לקיומינהו הוליכום שלש׳ המלוים אצל סופר הדיינים. ונפלו מיד הסופר. ואין לחוש שמא לאחר שקיימו אותם. נפלו מיד הסופר. דלא מהדר איניש קיומיה בידא דספרא: ואם ג׳ לוים הם. שלוו מאדם אחד: יחזיר. המוצא: למלוה. שהדבר ידוע

בית דין. הרי זה יחזיר. מצא בחפיפה. או בדלוסקמא. הכריך של שטרות או אגודה של שטרות. הרי זה יחזיר. וכמה אגודה של שטרות. שלשה קשורין זה בזה. רבי שמעון ב״ג אומר אחד הלוה משלשה יחזיר ללוה. שלשה הלוין מאחד יחזיר למלוה.

---

מענטש. אונ שמעון האט אויס געקליבן דעם מענטש. אונ דיא ביידע מענטשין זאלין אויס גלייכין די קריג וואס צווישין ראובן אונ שמעון (וכל מעשה בית דין) אונ אלע זאכין וואס עס איז גיטאהן גיווארין ביי בית דין אונ דאס איז געשריבן גיווארין אויף אפאפיר. אז מען געפינט דעם פאפיר (הרי זה יחזיר) זאל מען געבן דעם פאפיר צו וועמען ער גיהער. אונ איך האב ניט מורא טאמער האט מען גישריבן אונ ברטה גיהאט. ביא בית דין איז ניטא קיין חרטה (מצא בחפיסה) אז ער האט גיפונען אשטר ליגט אין אקליינעם טייסטער (או בדלוסקמא) אדער אין אגרויסין טייסטער. אדער ער האט גיפונען (תכריך של שטרות) דריי וועקסלען אדער מעהר. פאר וויקולט יעדער בזונדער. אונ איין געוויקולט אין איין וועקסיל (או אגודה של שטרות) אדער ער האט גיפונען דריי וועקסלען אדער מעהר ליגען גלייך איינער אויף דעם אנדערין. אונ אלע גלייך צו זאמען פערוויקולט (הרי זה יחזיר) זאל ער געבן דיא וועקסלען צו דעם וואס וועט זאגין אסימן אויף דעם טייסטער אדער ווי זייא זענען גיוועזן פארוויקולט (וכמה אגודה של שטרות) ווי פיל וועקסלען זאלין ליגען פארוויקולט איינער אין אנדערין וואס דאס זאל הייסין אגודה (שלשה קשורין זה בזה) דריי וועקסלען וואס ליגען איינער אין אנדערין פארוויקולט דאס הייסט אגודה. אונ מעהר ווי דריי הייסט אויך אגודה. נאר ניט ווייניגער. רבי שמעון בן גמליאל זאגט (אחד הלוה משלשה) אויב דיא דריי וועקסלען זענען פון איין לוה וואס ער האט ניבארגט פון דריי מענטשין. אונ די וועקסלען זענען שוין אונטער געשריבן פון בית דין אונ זייא זענען פאר וויקלט איינער אין אנדערין (יחזיר ללוה) זאל מען דיא וועקסלען אוועק געבן צום לוה. געוויס זענען זיי פון אים פארלארין גיווארין. ער האט בצאהלט אלע דריי וועקסלען אונ האט זייא אפ גינומען פון דיא מלוים אונ האט זייא פאר וויקולט אלע דרייא בעזאמען. וואורום אז זייא וואלטין ארויס גיפאלען פון דיא מלוים. ווייא אזוי זענען פאר וויקולט אלע דריי צו זאמען (שלשה הלוין מאחד) אויב דיא דריי וועקסלען זענען פון דרייא מענטשין וואס האבען גיבארגט געלט פון איין מלוה. אונ זייא זענען פאר וויקולט איינער אין אנדערין אונ ניט איין שרייבער האט זייא געשריבן נאר דריי שרייבערס (יחזיר למלוה) זאל מען זייא געבן צום מלוה. געוויס זענען זייא פון אים ארויס גיפאלען. אונ דיא

וועקסלען

שממנו נפלו. ואם היו שלשתן כתיבת סופר אחד חיים כן שמא מיד הסופר נפלו ולא לוו מעולם. ולפיכך לא יחזיר: מצא שטר בין שטרותיו ואינו יודע מה טיבו. אצלו אם הלוה הפקידו אצלו או המלוה או שמא מקצתו פרוע ומסרוהו לו להיות שליש ביניהם: יהא מונח. בידו. ולא יחזיר לא לזה ולא לזה: אם יש עמהן סמפונות. הנמצא בין שטרותיו שובר שנכתב על אחד משטרותיו: יעשה מה שבסמפון. והשטר בחזקת פרוע. ואע"פ שהיה ראוי לשובר הזה להיות מונח ביד הלוה. ולא ביד המלוה. אמרי' שהאמינו הלוה למלוה ואמר למחר תכתבו לי ושכח. והוא שמצא המלוה השטר הזה שנכתב עליו השובר. בין השטרות קרועים. אע"פ שלא נקרעו:

מצא שטר בין שטרותיו ואינו יודע מה טיבו. יהא מונח עד שיבא אליהו. אם יש עמהן סמפונות יעשה מה שבסמפונות:

פרק ב **אלו** מציאות שלו ואלו חייב להכריז. אלו מציאות שלו. מצא פירות מפוזרין. מעות מפוזרות. כריכות ברשות הרבים. ועגולי דבילה. ככרות של נחתום.

פר"ב **אלו** מציאות: מצא פירות מפוזרים. שהמן נתייאשו הבעלים והפקר הם: מעות מפוזרות. הואיל ואין להם סימן ניכר כבר איאושי איאוש והפקר הן והיינו טעמא דכולהו: כריכות. עמרים קטנים: ברשות הרבים. שהכל דשין עליהן ואפי' היה בהן סימן נפסד: של נחתום. אין בהם סימן

---

װעקסלען זענען נאך ניט בצאהלט. װארום אז די לוים װאלטען בצאהלט די װעקסלען. װאלט דאך יעדער לוה גינומען זיין װעקסיל צו זיך. װיא אזוי זענען זיא פאר װיקולט איינער אין אנדערין (מצא שטר בין שטרותיו) ראובן האט גיפונען צװישען זיינע װעקסלען איין װעקסיל װאס עס שטייט אין אים שמעון איז שולדיג געלט צו לוי (ואינו יודע מה טיבו) אונ ראובן װייס ניט װאס מיט דעם װעקסיל איז. װער אים האט גיגעבין דעם װעקסיל. דער לוה אדער דער מלוה. אדער עס קען זיין דער לוה האט אביסול איין גיצאהלט אויף דעם חוב. האט ער ניט גיװאלט גיטרויען דעם מלוה דאס װעקסיל. האט מען דעם װעקסיל איין גילייגט ביא ראובן (יהא מונח עד שיבא אליהו) זאל דער װעקסיל ליגען ביי ראובן ביז אליהו הנביא װעט קומען. װעט ער זאגין װאס מיט דעם װעקסיל איז (אם יש עמהן סמפונות) אויב ראובן געפינט צװישען זיינע װעקסלען אפאפיר אויף געשריבען. אויף אװעקסיל װאס אין אים שטייט אז שמעון איז אים שולדיג געלט. אז ער איז בצאהלט (יעשה מה שבסמפונות) זאל ראובן טאהן װאס אין דעם פאפיר שטייט. אז דער װעקסיל איז בצאהלט. נאר אז דער װעקסיל ליגט צװישען די צעריסענע װעקסלען אפילו דער װעקסיל איז ניט צעריסען:

פרק ב א (אלו מציאות שלו) דיא זאכען אז מען געפינט זיא זענען זיא זיינע (ואלו חייב להכריז) אונ דיא זאכען אז מען געפינט זיא דארף מען אויס רופען איך האב עפים גיפונען. אונ װער עס װעט זאגין אסימן װעט מען אים אװעק געבין (אלו מציאות שלו) דיא זאכען אז מען געפינט זיא זענען זיא זיינע (מצא פירות מפוזרין) אז ער געפינט אין גאס פירות פאר שפרייט. אויף דעם ארט איינע אונ אויף דעם ארט איינע. מען דער קענט אז מען האט זיא פאר לארין. מעג ער זיא געמען פאר זיך (מעות מפוזרות) אז ער געפינט אין גאס געלט פאר שפרייט (װיא פריער) מעג ער זיא געמען פר זיך (כריכות ברשות הרבים) אז ער געפינט קליינע בינטלאך תבואה אין גאס (ועגולי דבילה) אונ גיטרעטענע פייגן גימאכט קיילעכדיג אזוי װיא אברויט (ככרות של נחתום) גאנצע ברויט

שכלם בוים אבל של בעל הבית יש להם סימן : שאין לבעלים בהן טביעות עין אינו חייב להכריז והלכה כר' שמעון בן אלעזר . ואימתי רבאות במדינתן . לאפוקי הבאות מבית האומן כדקתני סיפא : ולשונות של ארגמן . בזמן שמלאן אחד אחד . אבל מלאן שנים שנים גמר לבוש ארגמן ומשוך כמין לשון : מצא עגול . חייב להכריז . דמגילה הוי סימן : **ב** בכלי . של דבלה : אנפוריא . כלים חדשים שלא שבעתן העין ואין לבעלים בהם טביעת עין שפעמים שמחזירי' אבדה בטביעות עינא כגון לצורבא מרבנן דלא משני בדבורים . ואלו הכלים שידוע וכלי יש בו סימן: כמות שהוא . ריקן : צבורי פירות . סימן מנין או מקום : שלשה מטבעות זה על גב זה . או יותר והמכריז מכריז מטבעות מצאתי . חס בא ואומר כרוכך היו

**מחרוזות של דגים וחתיכות של בשר וגיזי צמר הבאות ממדינתן . ואניצי פשתן ולשונות של ארגמן . הרי אלו שלו (דברי רבי מאיר) רבי יהודה אומר כל שיש בו שנוי חייב להכריז . כיצד מצא עיגול ובתוכו חרס . ככר ובתוכו מעות . רבי שמעון בן אלעזר אומר כל כלי אנפוריא אין חייב להכריז : ב ואלו חייב להכריז . מצא פירות בכלי או כלי כמות שהוא . מעות בכים . או כים כמות שהוא . צבורי פירות . צבורי מעות . ג' מטבעות זע"ג . כריכות ברה"י**

---

פון אבעקער (מחרוזות של דגים) פיש אויף גיצויגן אויף אשנירל (וחתיכות של בשר) שטיקער פלייש (וגיזי צמר הבאות ממדינתן) אונ געשוירענע וואל . אויב זייא זענין אזוי וויא מען ברייננט זייא פון זייער מדינה ווא מען שערט זייא . זייא זענין ניט גיענדערט גיווארען ביי קיין בעל מלאכה (ואניצי פשתן) אונ שטעקלאך פלאקס (ולשונות של ארגמן) אונ רויטע וואל אוים גיפארשטין וויא אצונג (הרי אלו שלו) דיא אלע זאכין זענען זיינע . רבי יהודה זאגט (כל שיש בו שינוי) אלע זאכען וואס אין זייא איז דא אענדערונג . אז מען געפינט זייא (חייב להכריז) מוז מען אוים רופען וויא פריער (כיצד) וויא מיינט מען (מצא עגול ובתוכו חרס) ער האט גיפונען פיינין צו זאמען גיטרעטענע קיילעכדיג וויא אברויט . אונ אינווייניג ליגט אשארבין (ככר ובתוכו מעות) אברויט אונ אינווייניג ליגט געלט . דארף ער אוים רופען איך האב עפעס גיפונען . אונ ווער עס גיט דעם סימן פון דעם שארבין אדער פון דיא געלט . דעם גיט מען אוועק דיא פייגין אדער דיא ברויט . רבי שמעון בן אלעזר זאגט (כל כלי אנפוריא) אז מען געפינט אנייע כלי וואס אין איר איז גיטא קיין סימן . אונ דער בעל הבית האט איר נאך ניט גוט אן גיקוקט ער זאל איר דער קענען . אפילו ער זעט זיא זעהן וועט ער אויך ניט וויסען אז דאס איז זיין כלי (אין חייב להכריז) דארף ער ניט אוים רופען . נאר ער גענמט דיא כלי פאר זיך . אבער אז ער געפינט צווייא כלים צו זאמען . מוז ער אוים רופען . ווארום דער צאהל אז זייא זענין צווייא צו זאמען דאס איז דער סימן : ב (ואלו חייב להכריז) דיא זאכען אז מען געפינט דארף מען אוים רופען (מצא פירות בכלי) אז ער האט גיפונען פירות אין אכלי . אונ דיא כלי האט אסימן (או כלי כמות שהוא) אדער ער הט גפינן אליידיגע כלי . אונ זי הט אסימן (מעות בכים) געלט אין אבייטל אונ די בייטל הט אסימן (או כים כמות שהוא) אדר אליידיגע ביטיל . אונ זי הט אסימן (צבורי פירות) פירות ליגט חוי אבארג (צבורי מעות) געלט ליגט ווי אבארג . איז דר סימן דר ארט ער זאל זאגין ווא מען האט זייא גיפונען . אדער דער צאהל וויא פיל זייא זענען גיוועזן . (שלשה מטבעות זה על גב זה) דריי מטבעות (אדער מעהרו) ליגען איינע אויף דיא אנדערע . איז דר סימן וויא פיל מטבעות אונ וויא אזוי זייא זענען גילעגין (כריכות ברשות היחיד) קליינע בינטלאך תבואה אין אפארזייטע פעלד . וואס קיין פיל מענטשין גייען ניט דארט . נאר אביסול מענטשין

גייען

וככרות של בעל הבית. וגיזי צמר הלקוחות מבית האומן. כדי יין. וכדי שמן. הרי אלו חייב להכריז: ג מצא אחר הגפה או אחר הגדר גוזלות מקושרין או בשבילין שבשדות הרי זה לא יגע בהן. מצא כלי באשפה אם מכוסה לא יגע בו. אם מגולה נוטל ומכריז. מצא בגל או בכותל ישן הרי אלו שלו. מצא בכותל חדש. מחציו ולחוץ שלו. מחציו ולפנים של בעל הבית. אם היה משכירו לאחרים אפילו בתוך

והיו מוכחים זה על זה : ג אחר הגפה. סתימת כותל של עץ או של קנים : גדר. של אבנים : גוזלות מקושרין. בכנפיהן דכולי עלמא הכי מקטרי להו. וקשר כזה לא הוי סימן : לא יגע בהן. דאמרינן הני איניש אנחינהו ואי שקיל להו לית להו למרייהו סימנא בגווייהו. הלכך לשבקינהו עד דאתי מרייהו ושקיל להו : מכוסה לא יגע בו. דאין זה אבדה שיהא מוזהר עליה בלא תוכל להתעלם דמשתמר הוא : מצא בגל ובכותל ישן הרי אלו שלו. מפני שיכול לומר לבעל הגל ולבעל הכותל של אמוריים שהטמינו אבותיו היה. ובלבד שיהיה בו חלודה רבה שניכר שמזמן הרבה היה טמון שם : מחציו לחוץ. בלא' מחורי כותל הסמוכים לרשות הרבים אם מצאם מחצי עוביו של כותל ולחוץ שלו. דאמרינן אחד מבני רשות הרבים נתנו שם ושכח. והחלודה שעליו מוכחת שמזמן הרבה היה שהסובודאי

---

גייען ה"ט (וככרות של בעל הבית) אונ ברויט פון א בעל הבית. וואס א בעל הבית האט זייא גיבאקט (וגיזי צמר הלקוחות מבית האומן) אונ גישוירענע וואל וואס זייא זענין גינומען גיווארען פון א בעל מלאכה. איז דא אין זייא א סימן (כדי יין) קריג וויין (וכדי שמן) אונ קריג אייל (הרי אלו חייב להכריז) דיא אלע זאכען אז מען געפינט זייא דארף מען אויס רופען: ג (מצא אחר הגפה או אחר הגדר גוזלות מקושרין) אז ער האט געפונען טויבין צו זאמען געבונדענע אונטער דיא פליגול אונ זענען גילעגין ביא א הילצערנע וואנט אדער ביא א שטיינערנע וואנט (או בשבילין שבשדות) אדער דיא טויבין זענען גילעגין אין דיא שמאלע וועגין וואס צווישען דיא פעלדער (הרי זה לא יגע בהן) זאל ער זייא גיט אן רירען. ווייל דס איז ניט פאר לארין נאר איינער האט זייא אוועק גילייגט. אונ קיין סימן איז ניטא אין די טויבין. אז ער וועט זייא צוא נעמען. וועט דאך דער בעל הבית פון זייא שאדין האבען. דריבער זאל ער זייא לאזין ביז דער בעל הבית וועט קומען וועט ער זייא נעמען (מצא כלי באשפה) אז מען געפינט א כלי אויף דעם מיסט (אם מכוסה לא יגע בו) אויב דיא כלי איז צוא גידעקט. זאל ער זיא ניט אן רירען (אם מגולה) אויב זיא איז אפ גידעקט (נוטל ומכריז) נעמט ער דיא כלי אונ רופט אויס. אונ ווער עס ניט א סימן דעם ניט ער אוועק דיא כלי (מצא בגל או בכותל ישן) אז ער געפינט א כלי אין א בארג אדער אין אן אלטע וואנט. אונ די כלי איז שטארק פאר ראסט. וואס מען דער קענט אז זיא ליגט שוין דארט פון א לאנגע צייט (הרי אלו שלו) איז דיא כלי זיינע (מצא בכותל חדש) אז ער געפינט א זאך אין א נייע וואנט אונ דיא לאך איז פון דיא גאס ביז אינווייניג אין שטוב (מחציו ולחוץ שלו) אויב דיא כלי ליגט אין דיא העלפט נערעב פון דיא וואנט צוא דיא גאס. גיהער די כלי צוא אים (מחציו ולפנים) אויב דיא כלי ליגט אין דיא העלפט נערעב פון דיא וואנט אינווייניג צוא (של בעל הבית) גיהער דיא כלי צום בעל הבית פון דיא שטוב (אם היה משכירו לאחרים) אז דער בעל הבית פלעגט פאר דינגען דיא שטוב צוא אנדערע מענטשין. אונ פיל מענטשין האבען גיוואהנט אין דיא שטוב איינער נאך דעם אנדערן (אפילו בתוך הבית) אפילו

נתיאשו הבעלים ודין זה דוקא בלשון זהב ותחיכת כסף וכיוצא בזה. אבל אם היה כלי ובתוכו מעות אם פי הכלי לחוץ הרי הוא שלו. ואם פי הכלי לפני' הרי הוא של בעל הבית: אפי' בתוך הבית הרי אלו שלו. דלא ידע דמאן נינהו ובעליו נואשו:

ד' בחנות הרי אלו שלו. בדבר שאין בו סימן מיירי דהשתא דנפל מיניה מייאש שהכל נכנסים לשם: בין התיבה. שהחנוני יושב לפניה ותמיד נוטל ממנה ונותן לפניו ומוכר. ומעות שנותנין לו נותן בתוכה ולא נפל שום דבר אלא מיד חנוני: לפני שולחני הרי אלו שלו.

דאמרינן מן הבאים להחליף מעות נפלו. שהרי השלחן מפסיק בין שולחני למעות שנמצאו. ואם מן השולחני הם היה להם להמצא בין ולכסא שהשלחן מונח עליו: הלוקח פירות מחבירו וכו'. וכגון שחברו זה תגר שלקח תבואה זו או פירות הללו מאנשים הרבה ולא ידיע דמאן נינהו. וכיון דלית בהו סימן נתיאשו הבעלים. אבל אם זה שמכר את הפירות לקטן הוא עצמו מן הקרקע שלו שודאי המעות שלו הן חייב להחזיר: ואם היו צרורים. הקשר או המנין שלהם הוי סימן: ה בכלל כל

בתוך הבית הרי אלו שלו: **ד** מצא בחנות הרי אלו שלו. בין התיבה ולחנוני של חנוני. לפני שולחני הרי אלו שלו. בין הכסא ולשולחני הרי אלו לשולחני. הלוקח פירות מחברו או ששלח לו חברו פירות ומצא בהן מעות הרי אלו שלו. אם היו צרורין נוטל ומכריז: **ה** אף השמלה היתה בכלל כל

---

אפרעמדער מענטש איז אריין גיגאנגען אין דיא שטוב ווען זיא איז געוועז ליידיג) אונ האט עפעס גיפונען (הרי אלו שלו) גיהער דיא זאך צו אים. ווארום מען ווייס ניט ווער איינוואהנער האט די זאך פאר לארין: ד (מצא בחנות) אז איינער גייט אריין אין אפרעמדע קראם אונ געפינט דארט אמטבע (הרי אלו שלו) גיהער דאס צו אים. ווארום דיא מטבע איז פאר לארען גיווארען פון דיא וואס קומען קויפען. ניט פון בעל הבית (בין התיבה ולחנוני של חנוני) אבער אז ער געפינט אויף דיא אנדערע זייט קאסטין (טישו. דארט ווא דער קרעמער זיצט גיהער דאס צום קרעמער (לפני שלחני) אז איינער זיצט ביי אטיש אונ טאהשט געלט צוא דיא מענטשין וואס קומען טאהשין. אונ אפרעמדער מענטש קומט צום טיש אונ געפינט אמטבע אויף דיא ערד ביי דעם טיש. אדער אויף דעם טיש (עיין תרט) (הרי אלו שלו) גיהער דיא מטבע צו אים (בין הכסא ולשלחני) אבער אז ער געפינט אויף די אנדערע זייט טיש. ביא דיא שטוהל וואס דארט זיצט דער וואס פאר טאהשט דיא געלט (הרי אלו לשלחני) גיהער דאס צו דעם וואס פאר טאהשט דיא געלט. עס איז געוויס פון אים ארא גיפאלען (הלוקח פירות מחברו) ראובן האט גיקויפט פירות פון שמעון (או ששלח לו חברו פירות) אדער שמעון האט געשיקט אמתנה פירות צוא ראובן (ומצא בהן מעות) (אז ראובן האט גיפונען געלט אין דיא פירות (הרי אלו שלו) זאל ראובן געמען דיא געלט פאר זיך. ודאס איז נאר אז שמעון האט גיקויפט דיא פירות פון עטליכע מענטשין. וויים מען ניט פון וועמען דיא געלט איז. גיהער דיא געלט צוא ראובן. אבער אז דיא פירות איז פון שמעונס אייגענע פעלדער אונ שמעון אליין האט אפ געשניטען דיא תבואה אדער דיא פירות. איז דאך געוויס דיא געלט פון שמעון. מוז ראובן אוועק געבין דיא געלט צו שמעון) (אם היו צרורין) אויב דיא געלט זענין גיוועז איינגיבונדין אין אפאטשיילע אדער אין איין אנדער זאך. אפילו די תבואה איז גיקויפט גיווארן פון עטליכע מענטשין (נוטל ומכריז) זאל ראובן נעמין די געלט אונ אוס רופן. דר סימן וועט זיין ווי פיל געלט. אדר ווי זיי זענען גיוועזן פר בונדין: חאף



השמלה

כל אלה. בכלל כל אבדת אחיך: ולמה יצאת. וכן תעשה לשמלתו: מה שמלה מיוחדת. התם שמלה יש בה סי' וכל שמלה יש לה בעלי' תובעי' אותה. שנעשית בידי אדם ולא באת מן ההפקר: אף כל שיש לו תובעים. למעוטי מידי דמיאש. ויאוש הוא דשמעינן דאמר ווי ליה לחסרון כיס: ן שכניו. שכני מקום שנמצאת בו האבדה שמא שלהן היא: כדי שילך כל אחד לביתו בג' ימים: משמע ההכרזה וידע אם אבד לו כלום ואם ירא' שאבד יחזור ג' ויכריז יום אחד אני אבדתי ואלו סימנים. והאי כר' יהודה. ומשחרב ב"ה התקינו שיהיו מכריזין בבתי כנסיות ובבתי מדרשות. ומשרבו האנסין

כל אלה. למה יצאת להקיש אליה לומר לך מה שמלה מיוחדת שיש בה סימנים ויש לה תובעים אף כל דבר שיש בו סימנים ויש לו תובעים. חייב להכריז: ן ועד מתי חייב להכריז עד כדי שידעו בו שכניו דברי ר"מ. רבי יהודה אומר שלש רגלי' ואחר הרגל האחרון שבעה ימים כדי שילך לביתו שלשה ויחזור שלשה ויכריז יום א':

אמר

---

(השמלה היתה בכלל כל אלה) אקלייד איז אויך געווען אין כלל פון אלע פארלארענע זאכן. אז אין דיא תורה שטייט "כל אבדת אחיך" אלץ וואס דיין ברודער וועט פארליערן. מיינט מען דאך אקלייד אויך (למה יצאת) צו וואס האט דיא תורה ארויס געשטעלט אקלייד באזונדער. "וכן תעשה לשמלתו" אזוי זאלסטו טאהן צו זיין קלייד (להקיש אליה) מען זאל גלייכן אלע פארלארענע זאכן צו אקלייד (לומר לך) צו זאגן דיר (מה שמלה מיוחדת) אזוי וויא אקלייד איז געווים (שיש בה סימנים) אז דער בעל הבית האט אויף איר צייכונגם צו געבן אז דאס איז זיינע (ויש לה תובעים) און עס איז דא אויף איר אבעל הבית וואס זאל איר מאנען. זיא איז ניט קיין הפקר. ווייל דער בעל הבית וויים צו געבן אסימן אויף דיא קלייד. דריבער רעכינט ער אז דיא קלייד איז נאך זיינע. ער וועט זיא נאך געפינען (אף כל דבר שיש בו סימנים ויש לו תובעים) אזוי אלע זאכן וואס עס איז דא אויף איר סימנים. און עס איז דא אויף איר אבעל הבית וואס זאל מאנען דיא זאך (חייב להכריז) דארף מען אוים רופן אז מען געפינט דיא זאך. אבער אז מען געפינט אזוי אזאך וואס אויף איר איז ניטא קיין סימנים. ווייל אויף איר איז ניטא קיין סימנים איז אויף איר ניטא קיין בעל הבית. דער בעל הבית רעכונט דיא זאך איז שוין פון אים פארלארין ווייל ער וויים ניט קיין סימן צו געבן ניהער דיא זאך צו דעם וואס געפינט איר: ו (ועד מתי חייב להכריז) ביז וויא לאנג דארף ער אוים רופן (עד כדי שידעו בו שכניו) ביז דיא אלע מענטשין וואס וואוינען נאנט צו דעם ארט וואס דיא זאך איז געפונען געווארין. וועלין וויסען אז דא האט מען געפונען אזאך (דברי רבי מאיר) אזוי זאגט רבי מאיר. רבי יהודה זאגט (שלש רגלים) דרייא ימים טובים וואו יודין קומען אין ירושלים אויף יום טוב. זאל ער אוים רופן. ער האט אזאך געפונען ואויב קיינער האט זיך ניט אפגערופין דעם ערשטין יום טוב. רופט ער אוים דעם אנדערין יום טוב. און אויב קיינער האט זיך ניט אפגערופין דעם אנדערין יום טוב. רופט ער אוים דעם דריטען יום טוב) (ואחר הרגל האחרון) און נאך דעם לעצטין יום טוב אויב קיינער האט זיך ניט אפגערופין (שבעה ימים) זאל ער ווארטין זיבען טעג (כדי שילך לביתו שלשה) יעדער זאל גיין דרייא טעג ביז אהיים. און זעהן וואס אים פעלט (ויחזור שלשה) און דרייא טעג ביז ער זאל קומען צוריק אין ירושלים (ויכריז יום אחד) און איין טאג זאל ער אוים רופן דיא זאך האב איך פארלארין און דאס זענען איהרע

סימנים

דאמרי אבדתא למלכא אתקינו היא מודיע לשכיניו ולמיודעיו ודיו: ז כל דבר שעושה ואוכל. אם האבדה דבר הראוי להשכילו את השכר מעשיו כגון שור וחמור: יעשה ויאכל. ולא ימכור אותו שמא יאמר שכל אדם נוח לו בבהמתו שמכירה בו כבר ולמדה לרצונו. ואינו חייב להטפל בה לעולם אלא תרנגולת ובהמה גסה מטפל בה י"ב חדש. עגלים וסייחים של רעיה כלומר שאין מגדלים אותם לפטם. וכן גדיים וטלאים מטפל בהם ג' חדשים ועגלים של פטום מטפל בהם ל' יום. אווזין ותרנגולים זכרים. הקטנים מטפל בהן שלשים יום. והגדולים שאוכלים הרבה מטפל בהן ג' ימים. מכאן ואילך לוקח אותם הוא לעצמו בשומא כפי שויין. או מוכרן לאחרים ומניח הדמים אצלו: לפיכך אם אבדו חייב:

ז אמר את האבדה ולא אמר סימניה לא יתן לו. והרמאי אע"פ שאמר סימניה לא יתן לו. שנאמר (דברים כב) עד דרוש אחיך אותו עד שתדרוש את אחיך אם רמאי הוא אם אינו רמאי. כל דבר שעושה ואוכל יעשה ויאכל. ודבר שאין עושה ואוכל ימכר. שנאמר (שם) והשבותו לו ראה האיך תשיבנו לו. מה יהא בדמים. רבי טרפון אומר ישתמש בהן לפיכך אם אבדו חייב באחריותן. ר"ע אומר לא ישתמש בהן. לפיכך אם אבדו אין חייב

---

סימנים. וועט מען אים אוועק געבן. און אויב נאך זיבען טעג רופט קיינער ניט אויס. גיהער דיא זאך צוא דעם וואס געפינט איר: ז (אמר את האבדה ולא אמר סימניה) ער זאגט וואס ער האט פארלארין (א קלייד) און מען האט גיפונען א קלייד ער זאגט אבער ניט קיין סימנים אויף דיא קלייד (לא יתן לו) זאל מען אים ניט געבן דיא קלייד (והרמאי) אויב מען ווייס דער מענטש איז א פאלשער (אף על פי שאמר סימניה) אפילו ער האט גיזאגט סימנים אויף דיא קלייד (לא יתן לו) זאל מען אים ניט געבן דיא קלייד. ווארום עס קען זיין ער האט נאר גיטראפין טרעפינדיג אבער דיא זאך איז ניט זיינע (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (עד דרוש אחיך אותו) ביז דיין ברודער וועט פארשטין דיא זאך. געוויס וועט מען קיינעם ניט געבן איידער ער פארשטט. נאר אזוי מיינט דער פסוק (עד שתדרוש את אחיך) ביז דוא וועסט אויס פארשטין דיין ברודער וואס גיט סימנים אויף דיא זאך (אם רמאי הוא אם אינו רמאי) אויב ער איז א פאלשער אדער ער איז ניט קיין פאלשער (כל דבר שעושה ואוכל) אז ער האט גיפונען אזוי א זאך וואס ארבעט און עסט (אקס אפערד) (יעשה ויאכל) זאל ער ארבעטין און פאר זיין ארבעט זאל ער עסין (ודבר שאין עושה) אז ער האט גיפונען אזוי א זאך וואס ארבעט ניט (ואוכל) און ער עסט (ימכר) זאל מען דאס פאר קויפין. און דיא געלט זאל ליגען ביז איינער וועט געבן א סימן אויף דיא זאך. וועט מען אים געבן דאס געלט (ועיין בברטנורה) (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (והשבותו לו) דוא זאלסט אוועק געבן וואס דוא האסט געפונען (ראה האיך תשיבנו לו) דוא זאלסט זעהן וויא אזוי דוא זאלסט טאהן מיט דיא זאך וואס דוא האסט גיפונען אז דוא זאלסט האבין וואס אוועק צוא געבן דיין חבר (מה יהא בדמים) וואס זאל מען טאהן מיט דעם געלט וואס וועט ליגען. רבי טרפון זאגט (ישתמש בהן) ער מעג ניצען דיא געלט פאר זיך (לפיכך) ווייל ער מעג ניצען דיא געלט. אפילו ער האט נאך ניט גענוצט דיא געלט (אם אבדו) אויב דיא געלט איז פארלארין גיווארין (חייב באחריותן) דארף ער בצאהלין אנדערע געלט. רבי עקיבא זאגט (לא ישתמש בהן) ער טאר ניט ניצען דיא געלט פאר זיך (לפיכך) דריבער ווייל ער טאר ניט ניצען דיא געלט פאר זיך אם

באחריותן. כיון דהוו ליה רבנן להשתמושי בהו אע״ג דלא אשתמש בהו כמאן דמשתמש דמי וחייב באחריותו. והלכה כר״ע בדמי אבדה שמכר. אבל מעות עצמן של אבדה כגון שמלא מעות בכיס או ג׳ מטבעות זו ע״ג זו לא ישתמש בהם כלל: ח אחת לל׳ יום. שמתעפשין כששוהין מלפתחן. וכל ספריהן היו עשוין כעין גליון: גוללן. מתחלתן לסופן שיכנס בהם האויר: בתחלה. מה שלא למד מעולם. לפי שצריך להפסוקן לפניו: ולא יקרא אחר עמו. לפי שזה מושך אצלו. וזה מושך אצלו. ונקרע: שוטחה לצרכה. לשוטחה בה אויר שלא תאכלנה עש: לצרכן שמתעפשי׳ בקרקע שצריך לחתן בקרקע דזו היא שמירתן. ולפיכך משתמש בהן לפרקים: אבל לא לשחקן. ולא ישתמש בהן זמן ארוך עד שישחקם: לא יגע בהן. זהב אינו מתעפש בארץ. וכן זכוכית ועודשהוא נוח לשבר: שאין דרכו ליטול. דבר שגנאי הוא לו. והתורה אמרה והתעלמת מהם פעמי׳ שאתה מתעלם. כגון זקן ואינו לפי כבודו: ט איזו היא אבדה. שניכר בה שאינה כבעלי׳ יודעים שהיא שם: אין

באחריותן: ח מצא ספרים קורא בהן אחת לשלשים יום. ואם אינו יודע לקרות גוללן. אבל לא ילמוד בהן בתחלה. ולא יקרא אחר עמו. מצא כסות מנערה אחת לשלשים יום. ושוטחה לצרכה אבל לא לכבודו. כלי כסף. וכלי נחושת. משתמש בהן לצרכן אבל לא לשחקן. כלי זהב וכלי זכוכית לא יגע בהן עד שיבא אליהו. מצא שק או קופה וכל דבר שאין דרכו לטול הרי זה לא יטול: ט איזו היא אבדה. מצא חמור או פרה רועין בדרך אין זו אבדה. חמור וכליו הפוכין

---

אבדה אויב די געלט איז פארלארין געווארין (אין חייב באחריותן) דארף ער ניט בצאהלין קיין אנדערע געלט: ח (מצא ספרים) אז ער האט געפונען ספרים (קורא בהן אחת לשלשים יום) זאל ער לייענען אין זייא איין מאהל אין דרייסיג טעג. זייא זאלי׳ ניט פארשימולט ווערין (ואם אינו יודע לקרות) אויב ער קען ניט לייענען (גוללן) זאל ער זייא איבער וויקלען פון אנהייב ביז צום סוף (אבל לא ילמוד בהן בתחלה) אבער ער זאל ניט לערנען אין דיא ספרים אנייע זאך וואס ער האט נאך קיין מאהל ניט געלערינט (ולא יקרא אחר עמו) אונ עס זאל ניט לייענען נאך איינער מיט אים אין דעם ספר: (מצא כסות) אז ער האט געפונען אקלייד (מנערה אחת לשלשים יום) זאל ער זיא אויס שאקלען איין מאהל אין דרייסיג טעג (ושוטחה לצרכה) אונ ער מעג פארשפרייטין די קלייד. פון אירעטוועגין צוא לופטערין איר (אבל לא לכבודו) אבער ניט צוא זיין כבוד (כלי כסף) זילבערנע כלים (וכלי נחשת) קופערנע כלים (משתמש בהן לצרכן) מעג ער ניצען מיט זייא פון זייערטוועגין. זייא זאלין ניט פארשימולט ווערין (אבל לא לשחקן) אבער ער זאל ניט ניצען מיט זייא אזוי לאנג ביז ער וועט זייא אפ רייבין (כלי זהב) גאלדענע כלים (וכלי זכוכית) אונ גלעזערנע כלים (לא יגע בהם) זאל ער זייא ניט אנרירען צוא ניצען זייא (עד שיבא אליהו) ביז אליהו הנביא וועט קומען (מצא שק או קופה) אז ער האט געפונען אזאק אדער אקארב (וכל דבר שאין דרכו ליטול) אונ יעדער זאך וואס עס איז ניט שיין פאר אים ער זאל דאס נעמען (הרי זה לא יטול) זאל ער דאס ניט נעמען: ט (איזו היא אבדה) מיט וואס דער קענט מען אזאך אז דאס איז פארלארין. אונ דער בעל הבית ווייס ניט ווא דאס איז (מצא חמור או פרה רועין בדרך) אז ער האט געפונען אאייזיל אדער אקוה פיטערין זיך אויף דעם וועג (אין זו אבדה) דאס איז ניט פארלארין. נאר דער בעל הבית אליין האט זייא אהער געבראכט זייא זאלין זיך פיטערין (חמור וכליו הפוכין) אז ער טרעפט אאייזיל אונ דיא

הפוכין פרה רצה בין הכרמים. הרי זה אבדה. החזירה וברחה החזירה וברחה אפילו ארבעה וחמשה פעמים חייב להחזירה. שנאמר (דברים כב) השב תשיבם. היה בטל מסלע לא יאמר לו תן לי סלע. אלא נותן לו שכרו כפועל בטל. אם יש שם בית דין מתנה בפני בית דין. אם אין שם בית דין בפני מי יתנה שלו קודם: י מצאה ברפת אין חייב

זו אבדה. ואינו חייב להחזיר שמדעת הניחוה שם: רצה בין הכרמים. שמתקלקלי' רגליה: השב תשיבם. התורה רבתה השבות הרבה: לא יאמר לו תן לי סלע. שזה אומר לו אם עשית מלאכתך היית מרבה טורח. עכשיו לפי מה שטרחת טול: כפועל בטל. כמה אדם רוצה ליטול ולפחות משכרו לבטל ממלאכה זו כבדה שהוא עוסק בה ולעשו' במלאכה קלה כזו: אם יש שם בית דין. אם אינו רוצה לבטל ממלאכתו ששכרה מרובה. מה יעשה. אם יש שם שלשה בני אדם מתנה בפניהם ואומר ראו שאני משתכר כך וכך. ואי אפשי ליבטל ליטול שכר מועט אם תאמרו שאטול שכרי משלם. אטפל בהשבת אבדה זו: שלו קודם. ומניח את האבדה: י מצאה ברפת. אעפ"י שאינה משתמרת בה כגון

משא וואס אויף אים אונ דער זאטיל זענען אומגיקערט (פרה רצה בין הכרמים) ער טרעפט אקוה אונ זיא לויפט צווישין דיא ווייןגערטנער (הרי זה אבדה) זייא זענען פארלארין פון בעל הבית. זייא זענען פון אים אנטלאפין אונ ער ווייס ניט ווא זייא זענען (החזירה) אז ער האט דיא בהמה צוריק געפירט צום בעל הבית (וברחה) אונ זיא איז אנטלאפין (החזירה) ער הט איר נאך אמאהל צוריק געפירט צום בעל הבית (וברחה) אונ זי איז אנטלאפין (אפילו ארבעה וחמשה פעמים) אפילו פיר אדער פינף מאהל (חייב להחזירה) מוז ער איר צוריק פירען צום בעל הבית (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (השב תשיבם) דוא זאלסט זייא צוריק פירען צום בעל הבית. ווען דוא וועסט זייא טרעפין אז זייא בלאנדזין זאלסטו זייא צוריק פירען אהיים (היה בטל מסלע) ראובן וואס האט גיפונען דיא זאך וואס שמעון האט פארלארין. האט דער ווייל ניט גיטאהן זיין ארבעט. אונ הט שאדין גיהאט אטאלער (לא יאמר לו תן לי סלע) קען ניט ראובן זאגין צוא שמעון גיב מיר דעם טאלער וואס איך האב שאדין דורך דיר (אלא נותן לו שכרו כפועל בטל) נאר מען זעהט איין אנדער מענטש וואס ארבעט אזוי איין ארבעט וויא ראובן אונ פארדינט אזו פיל וויא ראובן (דהיינו ראובן פארדינט פון זיין ארבעט אטאלער אטאג. אונ דר מענטש טוהט אויך אזוי אארבעט אונ פארדינט אויך אטאלער אטאג. אונ בייא דער אבדה האט מען אויך גיארבעט אגאנצין טאג. נאר גרינגער וויא זיין ארבעט איז. וויא פיל וויל דער מענטש ווייניגער פאר דינגען אטאג אונ ניט ארבעטין זיין ארבעט. נאר אזוי וויא ער האט גיארבעט בייא דיא אבדה. אזוי פיל זאל מען בצאהלין צוא ראובן (אם יש שם ביתדין מתנה בפני בית דין) אויב ער וויל ניט אוועק לייגין זיין ארבעט ער זאל ווייניגער פארדינגען. אויב דארט אויף דעם ארט ווא די אבדה ליגט זענען דא דריי מענטשין דס הייסט ביתדין זאל ער זאגין צוא דיא דרייא מענטשין. זעהט איך פאר דין אזוי פיל. אונ איך וויל ניט אוועק לייגין מיין ארבעט ווייניגער צוא פארדינגען. אויב איר וועט מיר צוא זאגין אז איך וועל אפ געמען מיין שאדין פון שמעון. וועל איך געמען דיא אבדה אוועק געבין צוא שמעון (אם אין שם ביתדין) אויב דארט איז ניטא קיין דרייא מענטשין (בפני מי יתנה) פאר וועמען זאל ער זאגין אז ער וויל זיין גאנץ פארדינסט (שלו קודם) איז זיין פארדינסט פריער. אונ דיא אבדה לאזט ער ליגען: י (מצאה ברפת) אז ער האט גיפונען אבהמה אין אשטאל. אפילו

דיא

ה כמה תהא הסלע חסרה ולא יהא בה אונאה. רבי מאיר אומר ארבע איסרין. איסר לדינר. רבי יהודה אומר ארבע פונדיונות פונדיון לדינר. רש"א ח' פונדיונות. ב' פונדיונות לדינר:

עד

---

האבין פון דער פארקויפונג אדער מען זאל אים צוא געבין נאך געלט (כך אונאה לתגר) אזוי אז א סוחר האט פאר קויפט א סחורה אונ האט זיך גינארט. קען ער אויך חרטה האבין פון דער פארקויפונג אדער מען זאל אים צוא געבין נאך געלט. רבי יהודה זאגט (אין אונאה לתגר) א סוחר קען ניט זאגין ער האט זיך גינארט. נאר ער האט גיוואסט אז ער פארקויפט וואלוויל. אונ ער האט יענעם גישיינקט. ווייל ער האט גידארפט געלט. אונ איצט וויל ער חרטה האבין (מי שהוטל עליו ידו על עליונה) ווער עס האט זיך גינארט זיין האנט איז פון הויבין. ווייא ער וויל (רצה אומר תן לי מעותי) אויב ער וויל ניט דער האלטין דיא סחורה זאגט ער מען זאל אים צוריק געבין זיין געלט אונ ער גיט צוריק זיין סחורה (או) אדער אויב ער וויל דער האלטין די סחורה קען ער זאגין (תן לי) גיב מיר (מה שאוניתני) וואס דוא האסט מיך גינארט: ה (כמה תהא הסלע חסרה ולא יהא בה אונאה) א טאלער ווייל מען האלט אים אין דיא הענט פון איין מענטש צום אנדערין ווערט אפ גיריבין דיא זילבער אונ עס ווערט וויניגער. פרעגט דיא משנה וויא פיל זאל פעלין פון דעם טאלער. אז ער גיט אים פאר א טאלער זאל דאס ניט גיהייסין גינארט. רבי מאיר זאגט (ארבע איסרין) אז עס פעלט פון אים זילבער וואס איז ווערט פיר איסרין. דאס איז א פיר אונ צוואנציג חלק פון א טאלער. הייסט דאס ניט גינארט (איסר לדינר) אונ בייא א זילבערנעם גילדין אז עס פעלט פון אים זילבער פאר איין איסר. אונ ער גיט אים פאר א גילדין. הייסט דאס אויך ניט גינארט. אאיסר איז א פיר אונ צוואנציג חלק פון א גילדין. אונ פיר גילדין איז א טאלער. רבי יהודה זאגט (ארבע פונדיונות) אז עס פעלט פון א טאלער זילבער וואס איז ווערט פיר פונדיונות. דאס איז א צוועלפטיל טאלער. אונ ער גיט אים פאר א טאלער. הייסט דאס ניט גינארט (פונדיון לדינר) בייא א זילבערנעם גילדין אז עס פעלט פון אים זילבער וואס איז ווערט איין פונדיון. דאס איז א צוועלפטיל גילדין. אונ ער גיט אים פאר א גילדין. דאס הייסט ניט גינארט. רבי שמעון זאגט (שמונה פונדיונות) אז עס פעלט פון א טאלער זילבער וואס איז ווערט אכט פונדיונות. דאס איז א זעקסטיל טאלער. אונ ער גיט אים פאר א טאלער. הייסט דאס ניט גינארט (שתי פונדיונות לדינר) בייא א זילבערנעם גילדין אז עס פעלט פון אים זילבער וואס איז ווערט צוויא פונדיונות. דאס איז א זעקסטיל גילדין, אונ ער גיט אים פאר א גילדין. דאס הייסט ניט



גינארט

הלכה: ו בברכי׳. שיש להם שלחני עד כדי שיראה לשלחני: בכפרי׳. שאין שם שולחני עד ערבי שבתות שבא להוציא בע״ש לסעודת שבת. אז ידע אם יוכל להוציא אם ויקבלוה ממנו: ואם היה מכירה. פ״ק ואם חסיד הוא ורוצה לעשות לפנים משורת הדין אם מכיר שהיא הסלע שנתן לו יקבלנה ממנו אפי׳ לאחר י״ב חדש: ואין לו עליו אלא תרעומות. פ״ק ואחר שאינו חסיד ולא רצה לקבלה ממנו אין לזה עליו אלא תרעומות דהיינו סוף דהפסיד אנפשיה שלא החזירו בזמנו: ונותנה למעשר שני. אמטרס כדי אונאה קאי ונותנה למעשר שני בשוויה ואינו חושש משום אסימון. שאין מע״ש מתחלל אלא במטבע שיש

ו עד מתי מותר להחזיר בברכים. עד כדי שיראה לשולחני. ובכפרים עד ערבי שבתות. אם היה מכירה אפי׳ לאחר שנים עשר חדש מקבלה הימנו ואין לו עליו אלא תרעומת. ונותנה למעשר שני ואינו חושש שאינו אלא

גינארט: ו (עד מתי מותר להחזיר) אז איינער גיט דעם אנדערן אשלעכטע מטבע. ביז וויא לאנג זאל ער איר האלטן אונ זאל מעגין צוריק געבן דער וואס האט גיגעבן זאל איר מוזן צוריק נעמען (בכרכים) אין גרויסע שטעט וואס דארט זענען דא מענטשן וואס טאהשין געלט (עד כדי שיראה לשולחני) וויא לאנג עס דארף דאערין ער זאל גיין וייזן דיא מטבע צוא דעם וואס טאהשט געלט. אונ זאל באלד צוריק קומען אונ זאגין דיא מטבע איז ניט גוט. מוז מען דיא מטבע בייא אים צוריק נעמען. אונ געבן איין אנדערע. אבער אז ער איז ניט באלד צוריק גיקומען זאגין דיא מטבע איז ניט גוט. איז פאר פאלין (ובכפרים) אונ אויב ער האט אים גיגעבן דיא שלעכטע מטבע אויף דעם דארף (עד ערבי שבתות) איז צייט ביז פרייטאג. וואס דיא מענטשין פון דארף קומען פרייטאג אין שטאט קויפן אויף שבת. גיט ער דיא מטבע. אונ אז מען וויל זיא ניט נעמען דארף ער באלד קומען צוא דעם וואס האט אים גיגעבן דיא מטבע. ער זאל אים געבן איין אנדערע. אבער אז ער איז פרייטאג ניט גיקומען אפ געבן דיא מטבע. איז פארפאלין (אם היה מכירה) אויב דער מענטש וואס האט גיגעבן דיא שלעכטע מטבע דער קענט אז דאס איז דיא מטבע וואס ער האט גיגעבן. אונ ער איז אחסיד. ער וויל טאהן נאך מעהר וויא דער דין איז (אפילו לאחר שנים עשר חודש) אפילו עס איז שוין מעהר וויא צוועלף חדשים וויא ער האט אים דיא מטבע גיגעבן. פון דעסטוועגין (מקבלה הימנו) גענמט ער זיא צוא פון אים. אונ גיט אים איין אנדער מטבע אגוטע (ואין לו עליו אלא תרעומות) אונ אויב ער איז ניט קיין חסיד אונ ער וויל ניט צוא נעמען צוריק דיא מטבע קען ער נאר זיין ברוגז אויף אים. ווארום ער איז זיך אליין שולדיג. פאר וואס האט ער ניט אפ גיבראכט די מטבע באלד. צו דר צייט וואס עס שטייט אין דיא משנה (ונותנה למעשר שני) אטאלער אדער אגילדין ווס איז אפ געריבין גוואורין ואונ עס פעלט פון אים אפיר אונ צוואנציגסטיל. אדער אזעקסטיל. אדער אצוועלפטיל ווי עס שטייט אין משנה ה׳ מעג ער דעם טאלער אדער דעם גילדין אויס טאהשין אויף פרות פון מעשר שני. פאר אריכטיגן טאלער אדער פאר אריכטיגען גילדין (ואינו חושש) אונ ער זאל ניט מורא האבן טאמער טאהשט ער אויס פירות פון מעשר שני אויף ניט קיין מטבע. איז דיא פירות ניט ארויס פון איר היילינקייט. ווארום פירות פון מעשר שני קענען אנדערש ניט אויס גיטאהשט ווערין נאר אויף אמטבע. דער פאר זאל ער ניט מורא האבן. ווארום דאס הייסט אמטבע (שאינו אלא נפש רעה) דער וואס וויל ניט נעמען אזו אטאלער פאר אטאלער נאר פאר וויא פיל ער איז ווערט אויף

נפש רעה: **ז** האונאה ארבעה כסף. והטענה שתי כסף. וההודאה שוה פרוטה. חמש פרוטות הן. ההודאה שוה פרוטה. והאשה מתקדשת בשוה פרוטה. והנהנה בשוה פרוטה מן ההקדש מעל. והמוצא שוה פרוטה חייב להכריז. והגוזל את חברו שוה פרוטה ונשבע לו. יוליכנו אחריו אפילו למדי: **ח** חמשה חומשין הן האוכל תרומה. ותרומת מעשר

בו לידה. דהא מטבע יש עליו. דמי שאינו נוהגת בשייס בתורת מטבע אלא כמו נסכא של כסף אינו אלא נפש רעה: **ז** האונאה ד' כסף · למקח סלע שהוא כ"ד מעות שהאונאה שתות כדאמרן והזר ושנאה משום דבעי למתני הטענ' שתי כסף והטענה שתי כסף. שאין שבועת הדייני' על טענה שהיא פחותה משתי כסף. שטענו שום שתי מעות כסף יש לי בידך והוא יודה לו מהם שוה פרוטה ויכפור השאר · או יודה לו הכל ויכפור פרוטה: וההודא' שוה פרוטה. להיות הודאה במקצת ויתחייב שבועה: המוצא שוה פרוטה. אבל בציר מהכי אינו חייב להכריז דכתיב (דברים כב) אשר תאבד ממנו פרט לאבדה שאין בה שוה פרוטה: יוליכנו אחריו. אם הודה שנשבע לשקר. דהא אין לו כפרה עד שיחזירנו לידו ממש ולא ליד שלוחו דכתיב (במדבר ה) ונתן לאשר אשם לו: **ח** האוכל תרומה. גדולה. זר שאכל תרומה גדולה בשוגג: ותרומ' מעשר. מעשר מן המעשר:

זילבער. דער הייסט אשלעכטער מענטש: **ז** (האונאה ארבעה כסף) אז ראובן האט פאר קויפט אבלי צוא שמעון פאר אטאלער. אונ ער האט אים גינארט אין פיר מעות. דאס איז אזעקסטיל טאלער. מוז ראובן צוריק געבן צוא שמעון פיר מעות (והטענה שתי כסף) אז ראובן מאנט ביא שמעון ער איז אים שולדיג צווייא מעות (עיין משנה ג) (וההודאה שוה פרוטה) אונ שמעון איז מודה אויף איין פרוטה. אונ דיא איבעריגע לייקנט ער. אדער פאר קערט שמעון איז מודה אין גאנצין. אונ לייקנט איין פרוטה. דארף ביתדין פסקנען אז שמעון זאל שווערין. אבער אז מען מאנט ווייניגער וויא צווייא מעות. אדער מען לייקנט ווייניגער וויא אפרוטה. אדער מען איז מודה ווייניגער וויא אפרוטה דארף מען ניט שווערין (חמש פרוטות הן) פינף ערלייא זאכין זענען דא. וואס זענען ניט ווייניגער וויא אפרוטה (ההודאה שוה פרוטה) אז מען איז מודה אפרוטה קומט אשבועה. אבער אז ער איז מודה ווייניגער וויא אפרוטה קומט ניט קיין שבועה (והאשה מתקדשת בשוה פרוטה) אז איינער גיט צוא אאשה אזאך וואס איז ווערט אפרוטה. אדער ער גיט איר אפרוטה. אונ ער זאגט צוא איר דוא זאלסט צוא מיר מקודש ווערין דורך דיא פרוטה. ווערט זיא מקודש. אבער מיט ווייניגער וויא אפרוטה ווערט זיא ניט מקודש (והנהנה בשוה פרוטה מן ההקדש מעל) אז אי נער האט הנאה פון דיא זאכין וואס אין בית המקדש איז. וויא פיל אפרוטה איז ווערט. דארף ער ברייננען אקרבן מעילה (והמוצא שוה פרוטה) אז איינער געפינט אזאך וואס איז ווערט אפרוטה (חייב להכריז) דארף ער אויס רופין איך האב גיפונען אזאך. אבער אז עס איז ניט ווערט קיין פרוטה. מעג ער דאס נעמען פאר זיך (והגוזל את חברו שוה פרוטה) אז איינער האט גיגזלת ביא זיין חבר אזאך וואס איז ווערט אפרוטה (ונשבע לו) אונ ער האט גישווארין אז ער האט ניט גיגזלת. דער נאך האט ער מודה גיוועזן אז ער האט גיגזלת (יוליכנו אחריו אפילו למדי) זאל ער אוועק פירען דיא זאך צום נגזל אפילו ער איז ווייט ביז אין מדי: **ח** (חמשה חומשין הן) פינף מענטשין זענען דא וואס צאהלין מיט אפינפטיל מעהר וויא זייא זענען שולדיג (האוכל תרומה) אישראל אדער אלוי אז ער עסט תרומה בשוגג. ער האט ניט גיוואוסט

**ותרומת מעשר של דמאי. והחלה, והבכורים. מוסיף חומש. והפודה נטע רבעי ומעשר שני שלו. מוסיף חומש. הפודה את הקדשו מוסיף חומש. הנהנה בשוה פרוטה מן ההקדש מוסיף חומש והגוזל את חברו שוה פרוטה ונשבע לו מוסיף חומש: ט אלו**

תרומת מעשר של דמאי. שלוקח תבואה מע״ה צריך להפרים תרומת מעשר. אבל לא תרומה גדולה שהיו הכל זהירים בה: והחלה והבכורים. כל הני תמשה חד מינהו דכלהו איקרי תרומה. ותמשה אחד הם באין: נטע רבעי. גמר קדש ממעשר שני דמוסיף חומש. ותרוייהו כמי חד חשיב להו דמחד קרא נפקי כיון דממעשר יליף: ומעשר שני שלו. דוקא מוסיף חומש דהיא ממעשרו כתיב: הנהנה. בשוגג דחייב קרבן מעיל׳ וחומש: הקדישו. ולא של אחרים שמקדים כתיב: ט אלו דברים שאין להם אונאה וכו׳. דאמר קרא

---

אז דאס איז תרומה. אדער ער האט ניט גיוואסט אז ער טאר ניט עסין קיין תרומה. דארף ער בצאהלין מיט אפינפטיל מעהר (ותרומת מעשר) דיא מעשר וואס דער לוי נעמט דארף ער פון זייא געבין מעשר צום כהן. דאס הייסט תרומת מעשר. אויב אלוי אדער אישראל האט גיגעסין דיא תרומת מעשר בשוגג. דארף ער בצאהלין מיט אפינפטיל מעהר (ותרומת מעשר של דמאי) אז איינער קויפט תבואה פון אעם הארץ הייסט דאס דמאי. דמאי איז טייטש „דא מאי" וואס איז דיא תבואה. געמעשרת צוא ניט געמעשרת. איז דער דין מען דארף אראפ נעמען צעהן פון הונדערט אונ מען רופט דאס מעשר. פון דיא צעהן נעמט ער אראפ איינע פר תרומת מעשר. די תרומת מעשר גיט ער צום כהן אונ די ניין מיט דיא איבעריגע תבואה האלט ער פאר זיך. אויב אלוי אדער אישראל האט גיגעסין די תרומת מעשר בשוגג דארף ער אויך בצאהלין אפינפטיל מעהר (והחלה והבכורים) אז אישראל אדער אלוי האט גיגעסין בשוגג חלה וואס מען נעמט פון טייג אונ דם גיהער צום כהן אין ארץ ישראל) אדער בכורים. די ערשטע צייטיגע פירות וואס דם גיהער צום כהן (מוסיף חומש) מוז ער בצאהלין מיט אפינפטול מעהר. דיא אלע פינף זאכען הייסען תרומה אונ דם ווערט גירעכונט פאר איינם (והפודה נטע רבעי) אז ער לייזט אויס דיא פירות פון פערטין יאהר. אז מען פלאנצט אבוים דיא פירות פון דיא ערשטע דריי יאהר איז ערלה. דיא פירות פון פערטין יאהר דארף מען פירען אין ירושלים. אדער מען טאהשט זייא אויס אויף געלט אונ מען פירט דיא געלט אין ירושלים (ומעשר שני שלו) מעשר שני דארף מען אויך פירען אין ירושלים אדער אויס טאהשין אויף געלט אונ דיא געלט פירען אין ירושלים. אויב דיא מעשר שני איז זייגע (מוסיף חומש) דארף ער געבין געלט אויף דיא נטע רבעי אונ אויף דיא מעשר שני אפינפטול מעהר וויא דיא פירות זענין ווערט. נטע רבעי מיט מעשר שני ווערט אויך גירעכונט פאר איינם (הפודה את הקדשו מוסיף חומש) אז איינער האט גיהייליגט אזאך צום בית המקדש אז ער וויל דאס אויס לייזין דארף ער געבין אפינפטול מעהר וויא דאס איז ווערט (הנהנה בשוה פרוטה מן ההקדש) אז איינער האט הנאה פו דיא זאכען וואס אין בית המקדש איז. וויא פיל אפרוטה איז ווערט (מוסיף חומש) מוז ער בצאהלין מיט אפינפטול מעהר (והגוזל את חברו שוה פרוטה) אז איינער האט גיגזלת ביא זיין חבר אזאך וואס איז ווערט אפרוטה (ונשבע לו) אונ ער האט גישווארין אז ער האט ניט גיגזלת. דער נאך האט ער מודה גיוועזן אז ער האט גיגזלת (מוסיף חומש) דארף ער בצאהלין מיט אפינפטול מעהר: ט (אלו דברים שאין להם אונאה) ביא דיא זאכען איז ניטא קיין נארונג,

דברים שאין להם אונאה. העבדים והשטרות והקרקעות. וההקדשות. אין להן תשלומי כפל. ולא תשלומי ארבעה וחמשה. שומר חנם אינו נשבע. ונושא שכר אינו משלם. רבי שמעון אומר קדשים שהוא חייב באחריותן. יש להן אונאה. ושאינו

קרא (ויקרא כה) וכי תמכרו ממכר לעמיתך או קנה מיד עמיתך. דבר הנקנה מיד ליד. יצאו קרקעות שאינן מטלטלין. יצאו עבדים שהוקשו לקרקעות. יצאו שטרות. דכתיב וכי תמכרו ממכר דבר שגופו מכור וגופו קנוי. יצאו שטרו׳ שאינם עומדים אלא לראיה שבהן: הקדשות. אמר קרא אחיו. אחיו ולא הקדש: לא תשלומי כפל. דכתיב בטוען טענת גנב (שמות כב) על כל דבר פשע כלל על שור וכו׳ פרט על כל אבדה חזר וכלל. כלל ופרט וכלל אי אתה דן אלא כעין הפרט. מה הפרט מפורש דבר המטלטל וגופו ממון אף כל דבר המטלטל וגופו ממון. יצאו קרקעות שאינן מטלטלין. יצאו עבדים שהוקשו לקרקעות. יצאו שטרות שאף על פי שהם מטלטלין אין גופן ממון. הקדשות. אמר קרא רעהו. רעהו ולא הקדש: ולא תשלומי ארבעה וחמשה. אם גנב וטבח ומכר שור או שה של הקדש. דתשלומי ד׳ וה׳ אמר רחמנא ולא תשלומי ג׳ לשה וד׳ לשור. דכיון דאמעיט מכפל בציר להו חדא שהכפל בטובח ומוכר בכלל תשלומי ארבעה וחמשה הוא: נושא שכר אינו משלם. דכתיב (שם) כי יתן איש אל רעהו כלל חמור או שור או שה פרט. וכל בהמה לשמור חזר וכלל. כלל ופרט וכלל אי אתה דן אלא כעין הפרט. מה הפרט מפורש דבר המיטלטל וכו׳ הקדשות אמר קרא רעהו ולא של הקדש: קדשים שחייב באחריותן. אמר הרי עלי עולה והפרישה והוממה ומכרה: יש להן אונאה. דכיון דאם מתה או נגנבה חייב באחריותה דידי׳ היא. ואל תונו איש את אחיו קרינן ביה: ושאינו חייב באחריותן. כגון דאמר

---

ווי פיל מען בצאהלט פאר זייא קען מען ניט זאגן מען האט זיך ג נארט (העבדים) אז איינער קויפט אקנעכט וואס ער איז אבגעני (והשטרות) אדער ער קויפט אוועקסיל (והקרקעות) אדער ער קויפט אפעלד (וההקדשות) אז מען קויפט אזאך פון הקדש אדער מען פר קויפט אזאך צום הקדש. וויא פיל מען האט גינומען פון הקדש אונ וויא פיל מען האט גיגעבן צום הקדש איז פאר פאלען (אין להן תשלומי כפל) דיא פיר זאכן אז מען גנבת בצאהלט ניט דער גנב טאפיל (ולא תשלומי ארבעה וחמשה) אז ער האט גינגבת אאקס אדער אשעפס וואס זענין הייליג אונ ער האט זייא גישאכטין אדער פאר קויפט. דארף ער ניט מעהר בצאהלין נאר פאר דיא איינע וואס ער האט גינגבת. אבער פיר פאר אשעפס אונ פינף פאר אאקס דארף ער ניט בצאהלין (שומר חנם אינו נשבע) אז איינער הט בעהאלטן ביא זיין חבר אקנעכט אדער אוועקסיל. אדער אקרבן פון בית המקדש האט מען גיגעבן בעהאלטען צוא איינעם. ער זאל דאס היטען אומזיכט אונ ער זאגט עס איז ביא אים גינגבת גיווארען. דארף ער ניט שווערין אונ ניט בצאהלין אפילו ער האט פושע גיוועזן אונ האט ניט גוט געהיט (עתי״ט) (ונושא שכר אינו משלם) אונ אויב ער האט איהם בצאהלט פר דעם היטען. אונ ער זאגט עס איז ביא אים גינגבת גיווארען. דארף ער ניט בצאהלין. רבי שמעון זאגט (קדשים שהוא חייב באחריותן) איינער האט גיטאהן אנדר ער זאל ברייגגן אקרבן. אונ ער האט אויס געקליבן אבהמה אונ האט גיזאגט דיא בהמה זאל זיין אקרבן פאר מין נדר. אונ דיא בהמה האט צו בראכען אמום. אונ מען האט איר פאר קויפט. אונ דער וואס האט איר גיקויפט האט זיך גינארט (יש להן אונאה) איז דא ביא דעם קרבן דער דין פון נארין. אדער מען צאהלט ארויס צוריק דיא גינארטע געלט. אדער מען האט הרטה

סרי ז: אף המוכר ס"ת. לפי שאין קץ לדמי': מרגליות ובהמה. שאדם רוצה לזווגן. מי שיש לו שור יפה לחרישה מחזר על אחר שכמותו (לצמדו עמו בעול) שאם בא להצמיד תחת העול לשור חלש עם הבריא. מקלקל את הבריא וכן מרגליות נאה למלאת עם חברתה בזהב מן היחידית ואין הלכה לא כר' יהודה. ולא כר' שמעון: י כך אונאה

חייב באחריותן. אין להן אונאה. רבי יהודה אומר. אף המוכר ספר תורה. בהמה. ומרגליות. אין להם אונאה. אמרו לו לא אמרו אלא את אלו: י כשם שאונאה במקח וממכר כך אונאה בדברים. לא יאמר בכמה חפץ זה והוא אינו רוצה ליקח. אם היה בעל תשובה לא יאמר לו זכור

בדברים. שנאמר (ויקרא כה) ולא תונו איש את עמיתו ויראת מאלהיך זה נאמר באונאת דברים שאין מוכתן ודעתן מסורה להכיר אלא ללבו של מדבר שיודע אם לרעה מתכוין אם לטובה: יא אין מערבין פירות בפירות. בעל הבית שאומר לחבירו פירות שדה פלוני אני מוכר לך לא יערבם בפירות שדה אחר: ואין צ"ל חדשים בישנים. פסק

---

פון דעם קויפען. ווייל דער בעל הבית דארף בריינגען איין אנדער קרבן. איז דער פאר קויפטער קרבן זיינער (שאינו חייב באחריותן) אבער אז ער האט גיזאגט אויף אבהמת. דיא בהמה זאל זיין אקרבן. אונ דיא בהמה האט צוא בראכען אפוס. אונ מען האט איר פאר קויפט. אונ דער וואס האט איר גיקויפט האט זיך גינארט (אין להן אונאה) ביא דעם קרבן איז ניטא דער דין פון נארין. עס איז פאר פאלען. ווייל דער בעל הבית דארף ניט בצאהלין קיין אנדער קרבן. קויפט ער דאך דעם קרבן פון בית המקדש. ניט פון בעל הבית. רבי יהודה זאגט (אף המוכר ספר תורה בהמה ומרגליות אין להם אונאה) אז איינער פר קויפט אספר תורה אדער אבהמה אדער פעריל. אונ דער וואס האט גיקויפט האט זיך גינארט. איז ניטא דער דין פון נארין. נאר וויא פיל ער האט גיגעבין איז פאר פאלען (אמרו לו) האבן דיא חכמים גיזאגט צוא רבי יהודה (לא אמרו אלא את אלו) מען האט ניט מעהר גיזאגט אז עס איז ניטא דער דין פון נארין. נאר ביי די פיר זאכען (עבדים שטרות קרקעות הקדשות). אבער ביא אלע אנדערע זאכען אז מען נארט זיך. אדער מען גיט צוריק דיא גינארטע געלט אדער מען האט חרטה פון מקח: י (כשם שאונאה במקח וממכר) אזו וויא איינער טאר ניט נארין דעם אנדערין אין קויפען אונ פאר קויפען (כך אונאת בדברים) אזוי טאר ער אים ניט נארין מיט רייד (לא יאמר בכמה חפץ זה) ער זאל ניט פרעגין ביא זיין חבר פיל ווילסטו פאר דיין כלי (והוא אינו רוצה ליקח) אונ ער וויל גאר ניט קויפען (אם היה בעל תשובה) אויב שמעון טוהט תשובה אויף זיינע עבירות (לא יאמר לו זכור מעשיך הראשונים) זאל מען ניט זאגין צוא אים גידיינק דיינע ערשטע מעשים (אם הוא בן גרים) אויב ער איז אזוהן פון אגר (לא יאמר לו זכור מעשה אבותיך) זאל מען ניט זאגין צוא אים גידיינק וואס דיינע עלטערין האבען גיטאהן (שנאמר) ווארום עס שטיט אין פסוק (וגר לא תונה ולא תלחצנו) דוא זאלסט ניט דער צערינגען אגר אונ זאלסט אים ניט צוא דריקען: יא אין מערבין פירות בפירות) אז ראובן זאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר תבואות פון דיא פעלד. טאר ער ניט אריין מישען תבואה פון איין אנדער פעלד (אפילו חדשים בחדשים) אפילו נייע תבואה אין נייע תבואה (ואין צריך לומר חדשים בישנים) אונ אז ראובן האט גיזאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר אלטע תבואה. איז געווים אז ער טאר ניט אריין מישען אין זיא נייע תבואה. דאס דארף דער תנא גאר ניט זאגין. ווארום אלטע תבואה ווייל זיא זענען

מעשיך הראשונים. אם הוא בן גרים לא יאמר לו זכור מעשה אבותיך. שנאמר (שמות כב) וגר לא תונה ולא תלחצנו: **יא** אין מערבין פירות בפירו' אפילו חדשים בחדשים. ואין צריך לומר חדשים בישנים. באמת ביין התירו לערב קשה ברך מפני שהוא משביחו. אין מערבין שמרי יין ביין. אבל נותן לו את שמריו. מי שנתערב מים ביינו לא ימכרנו בחנות. אלא אם כן הודיעו. ולא לתגר אע"פ שהודיעו. שאינו אלא לרמות בו. מקום שנהגו להטיל מים ביין. יטילו: **יב** התגר נוטל מחמש גרנות ונותן לתוך מגורה

למכור לו ישנים. לא יערב עמהם חדשים שהישנים יבשים ועושים קמח יותר מן החדשי': מפני שמשביחו. קשה משביח את הרך לפיכך פסק עמו רך מערב בו קשה. אבל פסק עמו קשה לא יערב בו את הרך: אין מערבין שמרי יין. של חבית זו ביין של חבית אחרת: אבל נותן לו את שמריו. של יין עצמו: לא ימכרנו בחנות. פרוטה פרוטה: אא"כ הודיעו. לכל אחד ואחד שהן מים מעורבין בו: ולא לתגר. לא ימכרנו ביחד ואע"פ שהודיעו לפי שאינו לוקחו אלא לרמות ולמכרו בחנות: מקום שנהגו להטיל מים ביין. דוקא בין הגתות יטיל דכיון שנהגו אין כאן טעות שכל היינות בחזקת כן: **יב** התגר נוטל מחמש גרנות. שהכל יודעים בו שלא גדלו בשדותיו ומבני אדם הרבה לוקח ובחזקת כן לוקחים ממנו: מגורה. אוצר שאוגרין בו תבואה. גורן הוא שדשין בו את התבואה ודרך התגר לקנות מבעלי בתים בשעת

---

טרוקן איז פון זייא דא מעהר מעל וויא פון נייע תבואה וואס זענען פייכט (באמת ביין התירו לערב קשה ברך) דער דין איז אז ראובן זאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר שטארקע וויין. מעג ער אריין מישען גידעכטע וויין (מפני שהוא משביחו) ווייל די געדיכטע וויין פאר בעסערט דיא שטארקע וויין. אבער אז ראובן זאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר געדיכטע וויין. טאר ער ניט אריין מישען שטארקע וויין (אין מערבין שמרי יין ביין) אז ראובן האט פאר קויפט אפאס וויין צוא שמעון. טאר ניט ראובן אוים שעפין דיא הייוון פון דיא וויין אונ אריין גיסען אנדערע הייוון פון איין אנדער פאס וויין (אבל נותן לו את שמרו) אבער ער גיט אים דיא פאס וויין מיט דיא הייוון וואס אין איר איז דא (מי שנתערב מים ביינו לא ימכרנו בחנות) אז עס איז אריין גיגאסען גיווארען וואסער אין זיינע וויין. טאר ער ניט פאר קויפען דיא וויין ביא זיך אין קראם ביסלאכווייז (אלא אם כן הודיעו) נאר סיידין ער זאגט צוא יעדין בזונדער אז אין דיא וויין איז אריין געמישט וואסער (ולא לתגר אף על פי שהודיעו) אבער צוא אסוחר וואס קויפט עטליכע טעפ מיט איין מאהל. ער זאל פר קויפין ביסלאכווייז. טאר מען אים ניט פאר קויפען. אפילו מען זאגט אים אז אין דיא וויין איז אריין געמישט וואסער (שאינו אלא לרמות בו) ווארום ער קויפט דיא וויין. ער זאל נארין מיט איר מענטשין. ער זאל דאס פאר קויפען פאר ריינע וויין (מקום שנהגו להטיל מים ביין יטילו) ווא דער מנהג איז מען גיסט אריין וואסער אין וויין. אונ מען פר קויפט געמישטע ווין. מעג יעדער סוחר אריין גיסען וואסער אין וויין אונ אזוי פאר קויפען. אונ ער דארף ניט זאגין דעם קויפער אז אין דיא וויין איז דא וואסער. ווייל אלע ווייסען אז מען גיסט וואסער אין וויין. דער מנהג איז נאר גיוועזן ווען דיא וויין איז נאך אין גת. אבער אז דיא וויין איז אין דיא פעסער מישט מען שוין ניט קיין וואסער: יב (התגר נוטל מחמש גרנות ונותן לתוך מגורה אחת) אסוחר וואס האנדילט

אחת. מחמש גתות ונותן לתוך פיטם אחד. ובלבד שלא יהא מתכוין לערב. רבי יהודה אומר לא יחלק החנוני קליות ואגוזין לתינוקות מפני שהוא מ־גילן לבא אצלו. וחכמים מתירין. ולא יפחות את השער. וחכמ"א זכור לטוב. לא יבור את הגריסין. דברי אבא שאול. וחכמים מתירין. ומודים

בשעת הגורן ונכנסים לאוצרו שלו: פיטם. גיגית גדולה: ובלבד שלא יתכוין לערבן. להוציא קול לקנות כרוב ממקום משובח ולערב בו ממקום אחר ושניהם שוין בכל ספירות מאותו מקום: ולא יפחות את השער. למכור בזול מפני שהוא מרגיל לבא אצלו. ומקפח מזונות חבריו: זכור לטוב. שמתוך כך אוצרי פירות מוכרין בזול. וכן הלכה: גריסין. פולין גרוסות ברחים אחת לשתים: לא יבור. את הפסולת. לפי שמתוך שנראות יפות הוא מעלה את דמיהן הרבה מדמי הפסולת שנוטל מהן: וחכמים מתירין. שיכול הלוקח לראות ולהבחין כמה דמי הפסולת שנברר. ואלו

---

מיט תבואה. מעג קויפן תבואה פון פינף שייערן אונ אוים מישען אין איין שפייכלער (מחמש גתות ונותן לתוך פיטם אחת) אונ דער וואס האנדילט מיט ויין מעג קויפן ויין פון פינף קעלטערס אונ אריין גיסען אין איין פאס אגרויסע (ובלבד שלא יהא מתכוין לערב) נאר ער זאל ניט גינארין. ער וועט זאגין אז די גאנצע ויין זייגע אדער די גאנצע תבואה זענען גיקויפט גיווארין פון דעם סוחר. וואס מען וויים אז זייגע ויין אונ זייגע תבואה זענען דיא בעסטע. אונ ער וועט אין דער שטיל אריין מישען ויין אדער תבואה פון אנדערע סוחרים. וואס זענען ניט אזוי גוט. דאס טאר מען ניט. רבי יהודה זאגט (לא יחלק החנוני קליות ואגוזין לתינוקות) אקרעמער טאר ניט געבין צוא דיא קינדער זאנגען געטריקנטע אדער נים (מפני שהוא מרגילן לבא אצלו) ווייל ער גיוויינט זייא. זייא זאלין קומען צוא אים קויפן. ציהט ער אפ דיא פרנסה פון אנדערע קרעמער. נאר אלע קרעמער זאלין זיין גליך. צוא ועמען זייא ווילען זאלען זייא גיין קויפן (וחכמים מתירין) אונ דיא חכמים זאגין מען מעג אזוי טאהן. ווארום זאלין אנדערע קרעמער אויך געבין צוא קינדער אנדערע זאכין זייא זאלין קומען צוא זייא קויפן (ולא יפחות את השער) אין קרעמער טאר ניט לאזין וועלוועלער דעם מקח. ווייל אלע וועלין קומען קויפן צוא אים ציהט ער דאך אפ דיא פרנסה פון יענע קרעמער (וחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין (זכור לטוב) ער זאל דער מאנט ווערין צוא גוטען. דורך אים וועלין אלע לאזין וועלוועלער (לא יבור את הגריסין) ער זאל ניט אוים קלויבין דיא ווערימדיגע ארבעס צוא פאר קויפן ריינע. ווייל ער ציהט ארויף דעם מקח מער וויא פיל עס איז ווערט ולמשל אקווארט ארבעס מיט ווערימדיגע קאסט אגילדין. אונ ער האט אוים געקליבין פון דיא קווארט ארבעס ווערימדיגע אקוואטירול. איז דאך פארקויפט גיווארין דרייא קוואטירלאך ריינע ארבעס פאר אגילדין. אז ער גיט איצט אגאנצע קווארט ריינע ארבעס. דארף ער נעמען פערציג גראשין. אז ער נעמט אבער פאר אקווארט ריינע ארבעס פופציג גראשין. בארט ער דאך דעם קויפער מיט צעהן גראשין. ווייל ער מיינט אז אין אקווארט ארבעס איז דא ווערימדיגע מעהר וויא אקוואטירל. קאסט דאך ריינע ארבעס טייערער. דריבער טאר מען ניט (דברי אבא שאול) אזו זאגט אבא שאול (וחכמים מתירין) אונ דיא חכמים זאגין מען מעג אזוי טאהן. ווייל יעדער מענטש קען וויסין וויא פיל ווערעמדיגע ארבעס עס איז דא אין אקווארט. וויים ער וויא פיל מען דארף צאהלין פאר אקווארט ריינע ארבעס. אונ וואס ער נעמט אביסול טייערער. גיט אים דער קויפער מיט זיין גוטען ווילען. ער זאל ניט האבין די ארבעס צוא קלויבין דיא ארבעס (ומודים

שלא

פיסק בההיס . וטוב לו לסעלות בדמיסן המרבה בפירות . סמרב׳ שכר לעלמו בפירו׳
של אלו שהן מבוררים מפני סעורת . והלכה ובין בהלוחת כסף . בין בהלוחת פירות הוי
כחכמים : שלא יבור מעל פי המגורה רבית . שהרי מתרבה ממונו א.ה דהסיפת
למעלה להרחות יפות ולת הפסולת שבתוכו רבית דרבנן קמפרש שהוא דרך מקח וממכר :

שלא יבור מעל פי מגורה שאינו אלא כגונב את העין. אין מפרכסין לא את האדם . ולא את הבהמה. ולא את הכלים :

פרק ה **איזהו** נשך. ואיזהו תרבית. איזהו נשך. המלוה סלע בה׳ דינרין סאתים חיטין בשלש מפני שהוא נושך . ואיזהו תרבית. המרבה בפירות . כיצד לקח הימנו חטין בדינר זהב הכור וכן השער .

לא בירר : לפי שאינו אל׳ כגונב את העין . בברירתו : מפרכסין . מתקנין ומיפין : לא את האדם . עבד כנעני סעומד לימכר :

**איזהו** נשך. שהוא נושך . דסקל מניס מאי דלא יהיב ליס :

דינר זהב . כ״ס דינר כסף : וכן השער . כך היו נמכרין בעיר. והותר לו לתת מעות עכשיו ע״מ ליתן לו זה חטין כל ימות השנה בדמים הללו כשער מעות׳ו ואף על פי שעכשיו אין לו חטין דתנן בפרקין ילא השער פוסקין

---

שלא יבור מעל פי המגורה) אונ דיא חכמים זענען מודה צוא אבא שאול אז מען טאר ניט אויס קלויבן דיא ווערעמדיגע ארבעס וואס ליגט פון אויבן . אונ פון אינוויינג וועט ער ניט אויס קלויבן (שאינו אלא כגונב את העין) דאס איז נאר צוא גנבנן דיא אויג פון מענטשן . דער וואס קויפט מיינט אז דיא גאנצע ארבעס איז אזוי ריין וויא דיא וואס איז פון אויבן . אונ אפילו ער זאגט ניט אז דיא ארבעס איז אויס געקליבענע . נאר ער שווייגט . טאר מען אויך ניט . ווארום דער קויפער נארט זיך אליין . ער מיינט זייא זענען אין גאנצן ריין . אונ אין אמת זענען זייא ווערעמדיגע אינוויניג (ועה״ט) (אין מפרכסין לא את האדם ולא את הבהמה ולא את הכלים אז איינער וויל פאר קויפן א קנעכט אבנעני . אדער א בהמה . אדער כלים . זאל ער זייא ניט אויס פוצען אונ שיין מאכין . דער קויפער זאל זיך ניט גינארין :

פרק ה א אין דיא תורה שטייט . את כספך לא תתן לו בנשך״ דיין געלט זאלסטו ניט געבין צוא דיין חבר . אז דוא זאלסט אים בייסין . דוא זאלסט ניט געמען פון דיין חבר וואס דוא האסט אים ניט גיגעבין . דאס הייסט געבייסין . ובמרבית לא תתן אכלך״ דיין עסן ווארט זאלסטו ניט געבין צוא דיין חבר . אז דיר זאל גימעהרט ווערין . דוא זאלסט האבין מעהר וויא דוא האסט גיהאט . זאגט דיא משנה (איזהו נשך) וועלכעס הייסט געבייסין וואס מען טאר ניט (ואיזהו תרבית) אונ וועלכעס הייסט זיך גימעהרט וואס מען טאר ניט (איזהו נשך) וועלכעס הייסט געבייסין זיין חבר וואס מען טאר ניט (המלוה סלע בחמשה דינרין) ער פאר בארגט א טאלער וואס איז פיר גילדין מע זאל אים אפ געבין פינף גילדין (סאתים חטים בשלש) ער פאר בארגט צוויא סאה ווייץ . מען זאל אים אפ געבין דרייא סאה . דאס טאר מען ניט (מפני שהוא נושך) ווייל ער בייסט אים . ער געמט ביא אים וואס ער האט אים ניט גיגעבין (ואיזהו תרבית) אונ וועלכעס הייסט זיך גימעהרט וואס מען טאר ניט (המרבה בפירות) ער מערט זיך פאר דינסט דורך פירות (כיצד) וויא אזוי (לקח הימנו חטין בדינר זהב הכור) ראובן האט גימאכט מיט שמעון ער זאל אים געבין א גאנץ יאהר ווייץ אויף דעם מקח . צוועלף גילדין ושנה אונ צוואנציג גילדין) א כור (וכן השער

אע״פ שאין לזה. יש לזה. ויכול המוכר נותן לו דמים שהכל לומר יכול הוא לקנות יין הזה לקונהו עתה במעות הללו: עמדו חטין כדמים שקבל אלא בא לעשות עליו דמי בשלשים דינרין אמר לו תן לי חטי. וזה החטין חוב. ולפסוק על החוב יין. אסור מותר אם נתן לו חטין. אבל אם פסק ליתן אם יין אין לו. דאי הוה ליה יין הוי קני לו בכן יין אסור. שמא יוקיר היין הואיל ואין לו יין. ואע״פ שפוסק עמו כשער היין של עכשיו וכבר יצא השער. הואיל ואינו לו מעכשיו לזה הבא לפסוק על החוב יין. וכי אייקר ברשותיה אייקר: ב מרבין על השכר. בשכר שמתנת מעות השכירות:

עמדו חטין בשלשים דינרין. אמר לו תן לי חטי שאני רוצה למכרן וליקח בהן יין. אמר לו הרי חטיך עשויות עלי בשלשים והרי לך אצלי יין ויין אין לו: ב המלוה את חברו לא ידור בחצרו חנם. ולא ישכור ממנו בפחות מפני שהוא רבית. מרבין

אונ דער מקח אין נאס איז אויך געווען אהענדיל אסור. אונ ראובן האט אים גיגעבין פאראויס געלט אויף דעם גאנצין יאהר. אונ סייא ווייץ וועט ווערין וואלוועלער אונ סיי עס וועט ווערין טייערער. זאל שמעון רעכענען אהענדיל אסור אונ אפילו שמעון האט ניט קיין ווייץ. דאס מעג מען. אפילו עס ווערט טאקע שפעטער טייערער ווייץ. מעג ער אים געבין אויף אהענדיל אסור. אונ מיר זאגין ניט פאר וואס טוהט דאס שמעון. געווים ווייל ראובן גיט אים פאראויס געלט. איז דאך דאס רבית פראצענט. פון דעסטוועגין מעג מען. ווייל ראובן גיט איצט געלט צוא שמעון. אונ דער מקח אין נאס איז אהענדיל אסור. הייסט דאס אהאנדיל. ניט פאר בארגט. אונ שמעון קען דאך איצט קויפין פאר דיא גאנצע געלט ווייץ אונ לאזין ליגען בייא זיך אונ ראובן זאל פון זייא נעמען ביסלאכווייז (עמדו חטין בשלשים דינרין) אונ ווייץ איז טאקי טייערער גיווארין. דרייסיג גילדין אסור (אמר ליה) זאגט ראובן צוא שמעון (תן לי חיטי) גיב מיר מיינע ווייץ (שאיני רוצה למכרן וליקח בהן יין) איך וויל דיא ווייץ פארקויפין אונ קויפין פאר זייא וויין (אמר ליה) זאגט שמעון צוא ראובן הרי חטיך עשויות עלי בשלשים) דיינע ווייץ איז שוין פאר רעכענט אויף מיר צוא דרייסיג גילדין אסור. ברעכין צוא זאמען וויא פיל געלט דיר קומט בייא מיר (והרי לך אצלי יין) אונ דוא האסט בייא מיר וויין. אונ זייא האבין צווישן זיך גימאכט אמק אויף וויין. שמעון זאל געבין צוא ראובן וויין אגאנץ יאהר. פאר דעם געלט וואס קומט פון אים. אויף דעם מקח וואס איצט איז אין נאס. אפילו עס וועט טייערער ווערין (ויין אין לו) אונ שמעון האט ניט קיין וויין. טאר מען ניט. ווארום איצט איז שוין דאס ניט קיין האנדיל. ווייל ראובן גיט אים ניט קיין געלט. דאס איז נאר א זב. עס קומט ראובן אחוב פון שמעון. אז שפעטער וועט וויין טייערער ווערין אונ שמעון וועט געבין דיא וויין צוא ראובן אויף דעם וואלוועלין מקח. פאר וואס טוהט דס שמעון. געווים ווייל ראובן ווארט אים דאס פריערדיגע געלט. איז דאך דאס רבית. נאר אז שמעון וואלט גיהאט וויין. וואלט ניט אסור גיוועזן. ווארום ראובן וואלט שוין זוכה גיוועזן דיא וויין. אז דיא וויין ווערט טייערער. איז דאס ראובנס וויין טייערער גיווארען (עהר״טו): ב (המלוה את חברו אז ראובן האט פאר בארגט געלט צוא שמעון (לא ידור בחצרו חנם) טאר ניט ראובן וואהנען בייא שמעון אין הויף אומזיסט (ולא ישכור ממנו בפחות) אונ ראובן טאר ניט דינגען אדירה ביי שמעון וואלוועלער וויא שמעון פאר דינגט צוא אין אנדערין (מפני שהוא רבית) ווייל דאס הייסט פראצענט מרבין על השכר) מען

דאין מרבין על המכר . בשכר המתנת המקח . המקח דינו ליתן המעות וכי אמר ליה אם וטעמא משום דשכירות אינה משתלמת אלא מעכשיו תתן הרי היא לך באלף זוז הן הן לבסוף הלכך כי שקיל מיניה סלע בחדש דמים וכי מעפי עלייהו לגורן שכר המתנת דהוו להו י"ב סלעים אין זה שכר המתנת מעות הוא: מכר לו את שדהו וכו'. וה"ה

מעו' שכרי לא נתחיב לשלם לו שכירות עד סוף החדש והאי דאמר ליה אם עכשיו תתן לי הרי היא שלך בעשר סלעים אי הוה מקדים ליה הוה מחיל ליה מדמי השכירות ומוגר ליה בפחות משויה . אבל גבי מכר משמשך

על השכר . ואין מרבין על המכר . כיצד . השכיר לו את חצרו ואמר לו אם מעכשיו אתה נותן לי הרי הוא לך בעשר סלעים לשנה . ואם של חדש בחדש . בסלע לחדש מותר. מכר לו את שדהו ואמר לו אם מעכשיו אתה נותן לי הרי היא שלך באלף זוז . אם לגורן . בשנים עשר מנה אסור : ג מכר לו את השדה ונתן לו מקצת דמים ואמ' לו אימתי שתרצה הבא מעות וטול את

מטלטלין וכל סחורה אם מכר לו יותר משויה בשכר המתנת מעות אסור והוי אבק רבית מדבריהם וכל אבק רבית אם נתן אינה יוצאה בדיינים דאילו רבית קצוצה דאורי' יוצאה בדיינים: ג הבא מעות וטול את שלך אסור.

מעג נעמען טייערער ווייל מען ווארט דיא געלט פון שכירות ופון פאר דינגען (ואין מרבין על המכר) אונ מען טאר ניט נעמען טייערער ווייל מען ווארט דיא געלט פון פאר קויפונג (כיצד וויא מיינט מען (השכיר לו את חצרו) ראובן האט פאר דונגען אשטוב אין זיין הויף צוא שמעון (ואמר לו) אונ ראובן האט גיזאגט צוא שמעון (אם מעכשיו אתה נותן לי) אויב דוא וועסט מיר איצט געבין דאס דירה געלט פאר אגאנץ יאהר (הרי הוא לך בעשר סלעים לשנה) זאל זיין דיא דירה ביי דיר פאר צעהן טאלער איאהר (ואם של חודש בחודש) אויב דוא וועסט מיר געבין אלע חודש די דירה געלט (בסלע לחודש) זאלסטו מיר געבין אטאלער אחודש . דאס איז צוועלף טאלער איאהר (מותר) דאס מעג מען . ווארום דירה געלט דארף מען צאהלין אז מען האט שוין אפ גיוואהנט . יעדער חודש וואס מען וואהנט אפ . דארף מען דער נאך בצאהלן דיא דירה געלט . אז ראובן זאגט אטאלער אחודש איז דאס דער מקח פון דיא דירה . אונ וואס ראובן זאגט אז מען וועט אים געבין באלד פאר אגאנץ יאר וועט ער נאר נעמען צעהן טאלער . ווייל ער דארף געלט וועט ער לאזין דיא דירה מיט צוויא טאלער איאהר וועלוועלער (מכר לו את שדהו) אבער אז ראובן האט פאר קויפט צוא שמעון אפעלד (אדער איין אנדער זאך) . דארף דאך שמעון באלד בצאהלין דאס געלט אמר לו) האט ראובן גיזאגט צוא שמעון (אם מעכשיו אתה נותן לי) אויב דוא וועסט מיר איצט געבין דאס געלט . אזו וויא מיר קומט (הרי היא שלך באלף זוז) איז דיא פעלד דיינע פאר טויזענד גילדין . אזוי וויא זיא איז ווערט (אם לגורן) אויב דוא וועסט מיר ניט געבין איצט קיין געלט . נאר אז דוא וועסט אראפ נעמען דיא תבואה פון פעלד אין שייער . וועסטו מיר געבין דאס געלט (בשנים עשר מנה) זאלסטו מיר געבין צוועלף הונדערט גילדין . איז דאך צוויא הונדערט גילדין פראצענט . ווייל ער ווארט אים דאס געלט פון איצט ביז ער וועט אריין נעמען דיא תבואה אין שייער (אסור) דאס טאר מען ניט :
ג (מכר לו את השדה) ראובן האט פאר קויפט אפעלד צוא שמעון (ונתן לו מקצת דמים) אונ שמעון האט גיגעבין צוא ראובן אביסול געלט (ואמר לו) אונ ראובן האט גיזאגט צוא שמעון (אימתי שתרצה הבא מעות וטול את שלך) ווען דוא וועסט וועלין ברייננ דיא רעשט

געלט

שלך. אסור. הלוהו על שדהו ואמר לו אם אי אתה נותן לי מכאן ועד שלש שנים הרי היא שלי הרי היא שלו. וכן היה ביתוס בן זונין עושה על פי חכמים: ד אין מושיבין חנוני

כבא מותר מעות שעליך ועול שדה שלך. אסור לעשות כן. וכגון שאמר לו מוכר ללוקח לכי מייתית מותר המעות קנה מעכשיו. לפיכך אסור לעשות כן שאם יאכל מוכר הפירות בתוך כך. לכשיביא זה המעות נמצא שדה זו קנויה לו מיום המכר. וזה אכל הפירו׳ בשכר המתנת מעותיו. ואם יאכל לוקח פירות מעכשיו שמא לא יביא מותר המעות. ויחזיר לו זה מה שקבל ונמצא שלא היתה שדה קנויה לו דהא לכי מייתית קני מעכשיו אמר ליה. והא לא אייתי. ומעות הראשונות כמלוה בעלמא היו אצל מוכר. וזה אכל פירות בשכרו: הרי היא שלו. וכגון דאמר ליה קני מעכשיו אם לא אביא לך מכאן עד שלש שנים דלאו אסמכתא היא אלא קנין גמור שעל מנת מכר גמור החזיק בה מעכשיו בדמים הללו ואזלי אוזיל גביה. וזה קבל עליו שאם יחזיר לו מעותיו עד שלש שנים יקבלם. והפירו׳ יהיו מונחים ביד שליש אם יחזיר הלוה מעותיו למלוה עד שלש שנים יתן הפירות ללוה ואם לאו יתן הפירות למלוה. שהיתה השדה קנויה לו משעת הלואה. ואותה הלואה דמי השדה היתה: ד אין מושיבין חנוני למחצית שכר. לא יאמר בעל הבית לחנוני הרי פירות נמכרים

---

געלט אונ געם דיין פעלד. אונ אז דוא וועסט ברייגגען דיא רעשט געלט וועט זיין דיא פעלד דיינע פון איצט (אסור) דאס טאר מען ניט. ווארום ווער וועט עסין דיא פירות פון פעלד. וועט ראובן עסין דיא פירות פון פעלד. טאמער ברייגגט שמעון דיא רעשט געלט. ניהער דאך דיא פעלד צוא שמעון פון דעם טאג וואס ער האט זיא גיקויפט. פאר וואס האט ראובן גיגעסין דיא פירות. געווים וויל ער האט גיווארט דיא רעשט געלט. האט דאך ראובן גינומען פראצענט. וועט שמעון עסין די פירות. טאמער ברייגגט ער ניט די רעשט געלט. וועט דאך דיא פעלד בלייבען ביא ראובן. אונ ער וועט דארפין דיא געלט צוריק געבין צוא שמעון ואונ דיא פעלד איז קיין מאהל ניט פאר קויפט גיווארען צוא שמעון. ווארום ראובן האט דאך גיזאגט צוא שמעון אז דוא וועסט ברייגגען דיא רעשט געלט זאל זיין דיא פעלד פאר קויפט צוא דיר. אונ ער האט דאך ניט גיבראכט. איז דאך די געלט גיוועזן ביא ראובן פאר בארגט. פאר וואס האט שמעון גיגעסין די פירות. געווים וויל ראובן האט גיהאלטען זיין געלט ביז איצט (הלוהו על שדהו) אויב ראובן האט פאר בארגט געלט צוא שמעון אויף זיין פעלד (ואמר לו) אונ ראובן האט גיזאגט צוא שמעון (אם אי אתה נותן לי מכאן ועד שלש שנים) אויב דוא וועסט מיר ניט צוריק געבין דאס געלט פון איצט ביז דרייא יאהר (הרי היא שלי) זאל זיין דיא פעלד מיינע פון איצט אן אונ עס איז שוין נאך דיא דרייא יאהר. אונ ער האט אים ניט צוריק גיגעבין דאס געלט (הרי היא שלו) איז דיא פעלד זיינע ונאר דיא פירות פון דיא דריי יאהר האט מען איינגילייגט ביא א דריטען מענטש. אויב שמעון וועט אפ ברייגגען דיא געלט צוא ראובן ביז דיא דריי יאהר. ניהער דיא פירות צוא שמעון. אויב ניט זאל מען געבין דיא פירות צוא ראובן. (וכן היה ביתוס בן זונין עושה על פי חכמים) ביתוס בן זונין פלעגט אויך אזוי פאר בארגין געלט. אונ דיא חכמים האבען גיזאגט מען מעג אזוי טאהן: ד (אין מושיבין חנוני למחצית שכר) מען טאר ניט זעצין א קרעמער אויף העלפט פאר דינסט. ראובן זאגט צוא שמעון אין גאס פאר קויפט מען פירות פיר סאה פאר א טאלער. אונ דוא פאר קויפסט דיא פירות אין גיוועלב ביסלאכווייז. פאר דינסטו א סאה. איך וועל דיר געבין פירות אין דיין גיוועלב אונ דוא

וועסט

בשוק ד׳ סאין בסלע. והוא מוכר בחנויות פרוטה פרוטה ומשתכר שהוא הולך פירות ושב ומכור בחנות והריוח נחלוק. וטעמא דמילתא משום דקיימא לן הך עסקא פלגא מלוה ופלגא פקדון. שהוא המקבל פרקמטיא למחצית שכר מקבל עליו אחריות חצי הקרן באונסין וזולא הלכך ההיא פלגא כיון דמחייב באונסין מלוה היא אצלו. שכרי היא שומא אצלו במעות בשער השוק ודינו לטול חצי שכר. נמצא מתעסק בחציו של בעל הבית שהוא פקדון אצלו בשכר המתנת מעות המלוה לפיכך אסור. אלא א״כ נותן לו שכר עמלו שהוא עמל בחציו שהוא כפועל בטל של אותה מלאכה דבטל מיניה. אם היה נגר או נפח. כמה אדם רוצה לטול ליבטל ממלאכה כבדה כזו. ולעשות מלאכה קלה: אין מושיבין תרנגולים למחצה. לשום ביצים בדמים לבעל התרנגולת להושיבם עליהם לגדל אפרוחים למחצית שכר מה שיהיו האפרוחים שוים יותר על דמי הביצים. דהואיל והוא מקבל עליו אחריות חצי דמי הביצים אם יתקלקלו או אם ימותו הוה ליה פלגא מלוה נמצא זה מגדל את חציין השני בשכר המתנת מעותיו: ומזונו. נ״ון שהוא מוציא באפרוחים: ואין שמין עגלים

**למחצית שכר ולא יתן מעות ליקח בהן פירות למחצית שכר אלא א״כ נותן לו שכרו כפועל. אין מושיבין תרנגולין למחצה. ואין שמין עגלין**

---

וועסט זייא פאר קויפען אונ מיט דעם פאר דינסט וועלין מיר אונז טיילין אויף העלפט. דאס טאר מען ניט (ולא יתן מעות ליקח בהן פירות למחצית שכר) אונ אז ראובן גיט געלט צוא שמעון. ער זאל קויפען פאר דיא געלט פירות. אונ דער פאר דינסט זאל גיהערין העלפט צוא ראובן אונ העלפט צוא שמעון. דאס טאר מען אויך ניט. ווארום דיא געלט אדער דיא פירות וואס שמעון נעמט צוא זיך אין שותפות. הייסט העלפט גיבארגט אונ העלפט איז בייא אים בעהאלטין (למשל. ראובן האט גיגעבין צוא שמעון הונדערט רובל ער זאל מיט זייא האנדלען. דער פאר דינסט וועט זיין שותפות. פון פופציג רובל פאר דינסט נעמט ראובן. אונ פון פופציג רובל פאר דינסט נעמט שמעון. אונ אז עס וועט זיין שאדין. דארף ראובן האבען שאדין פון פופציג רובל. אונ שמעון דארף האבען שאדין פון פופציג רובל. דריבער דיא פופציג רובל וואס שמעון נעמט פון זייא פאר דינסט. אונ האט פון זייא שאדין. זענין זייא ביי אים גיבארגט. פאר וואס האנדילט שמעון מיט די אנדערע פופציג רובל אונ גיט דעם פאר דינסט צוא ראובן. געוויס פאר פראצענט ווייל ער האט אים גיבארגט פופציג רובל. דריבער טאר מען ניט) (אלא אם כן נותן לו שכרו כפועל) נאר סיידין ראובן גיט צוא שמעון שכירות פאר וואס ער האנדילט פאר אים מיט זיינע פופציג רובל. אזוי וויא מען גיט אארבעטער ונאר ניט קיין גאנצע שכירות. מען זעהט איין אנדער מענטש וואס ארבעט אזוי וויא שמעון ארבעט. אונ פאר דינט אזוי פיל וויא שמעון פאר דינט. וויא פיל וואלט דער מענטש וועלין וויניגער פאר דינען אונ גרינגער ארבעטין. אזוי איין ארבעט וויא שמעון ארבעט בייא דעם האנדיל פון דיא פופציג רובל. אזוי פיל זאל ראובן געבין צוא שמעון (אין מושיבין תרנגולים למחצה) ראובן גיט צו שמעון צוואנציג אייער אונ שאצט זייא אפ וויא פיל זייא זענען ווערט. אונ שמעון זאל זעצין זיינע הינער אויף דיא אייער. עס זאל ווערין פון זייא הינדלאך. אונ וויא פיל דיא הינדלאך וועלין ווערט זיין מעהר וויא דיא אייער זאלין זיך ביידע צוא טיילען. טאר מען ניט. ווייל א העלפט (צעהן אייער האט דאך שמעון גיבארגט. ווארום אז זייא וועלין קאליע ווערין וועט ער דארפין בצאהלין צוא ראובן. פאר וואס ארבעט ער אין די אנדערע העלפט צעהן אייער. געוויס ווייל ער האט אים דיא צעהן אייער גיבארגט. איז דאך דאס פראצענט (ואין

וסייחין למחצה. עכשיו הם שוין כך וכך מלאוי כך היה מנהגם לגדלם קודם חלוקה:
קבלם עליך לגדלם שניהם למחצית שכר ה שמין פרה. גדולה וחמור גדול בלאויין
ולנחלית הפסד אם ימותו: אבל מקבלים למלאכה ומלאכתן כולה למקבל: למחצה.
עגלים וסייחין. קטנים בלא שומא שאם לחלוק שבח שיגביהו. בדמים ובולדות:
ימותו לא ישלם כלום ואם יחיו יחלקו ביניהם: שיהיו משולשים. פי' כשיעמדו על שליש גדולן ואז יחלקו: ובחמור עד שתהא טוענת.

וסייחין למחצה. אלא אם כן נותן לו שכר עמלו ומזונו. אבל מקבלין עגלין וסייחין למחצה. ומגדלין אותן עד שיהו משולשין. וחמור עד שתהא טוענת: ה שמין פרה וחמור וכל דבר שהוא עושה ואוכל למחצה. מקום שנהגו לחלוק את הולדות מיד חולקין. מקום

לחלוק את הולדות מיד. כשתבא שעת חלוקתן. בבהמה דקה שלשים יום ובגסה חמשים יום

שנהגו

---

שמין עגלין וסייחין למחצה) אויב ראובן האט קעלבער אדער יונגע איזלין אונ ער שאצט זייא אפ וויא פיל זייא זענין ווערט. אונ ער גיט זייא צוא שמעון ער זאל זייא אדעוועז צוויא יאהר אונ וויא פיל זייא וועלין צום סוף צוויא יאהר מער ווערט זיין וויא איצט זאלין זייא זיך ביידע צוא טיילען. טאר מען ניט. ווייל העלפט קעלבער אונ סייחין האט דאך שמעון גיבארגט. ווארום אז זייא וועלין פייגערין וועט ער דארפין בצאהלין פאר זייא. פאר וואס ארבעט ער אין ראובנס העלפט. געוויס פאר פראצענט. ווייל ער האט אים די העלפט גיבארגט (אלא אם כן נותן לו שכר עמלו ומזונו) נאר סיידין ראובן בצאהלט אים פאר דיא ארבעט פון זיין העלפט. אונ ער בצאהלט אים פאר דיא עסין פון זיין העלפט. וואס זיין העלפט קעלבער אונ איזלען וועלין אויף עסין אין דיא צוויא יאהר (אבל מקבלין עגלין וסייחין למחצה) אבער מען מעג נעמען קליינע קעלבער אונ קליינע איזלען יונגע מען זאל זייא אדעוועז. אויב זייא וועלין לעבין אונ גרויס ווערין זאלין זייא זיך צוא טיילען מיט דעם פאר דינגט וואס זייא וועלין שפעטער מער ווערט זיין וויא איצט. אונ אויב זייא וועלין פייגערין זאל ער גאר ניט דארפין בצאהלין (ומגדלין אותן עד שיהו משולשין) אונ שמעון מוז זייא אדעוועז ביז זייא וועלין אויף וואקסען אדריטול. ווי זייא דארפין אויף וואקסען. דאמאלס וועלין זייא זיך צוא טיילען. ניט פריער (וחמור עד שתהא טוענת) אונ א איזיל מוז ער אדעוען ביז זיא וועט קענען טראגין א משא. דאמאלס וועלין זיי זיך צוא טיילין. ניט פריער:
ה (שמין פרה וחמור וכל דבר שהוא עושה ואוכל למחצה) ראובן מעג אפ שאצין זיין קוה אדער זיין איזיל אדער אנדערע בהמות וואס ארבעטין אונ עסין. וויא פיל זייא זענען איצט ווערט. אונ ער גיט זייא צוא שמעון. אויף צוויא יאהר. אונ וויא פיל זייא וועלין צום סוף צוויא יאהר מעהר ווערט זיין וויא איצט זאלין זייא זיך ביידע צוא טיילין. אונ די קעלבער אונ איזלין וואס וועט פון זייא גיבארין ווערין אין דיא צווי יאהר זאלין זייא אויך צוא טיילין. אונ שמעון זאל ארבעטין מיט דיא בהמות אונ וויא פיל דיא בהמות וועלין פאר דינען פון זייער ארבעט דאס זאל גיהערין אין גאנצין צוא שמעון. ווייל ער אדעוועט דיא העלפט פון ראובן (מקום שנהגו לחלוק את הולדות מיד) ווא דער מנהג איז מען זאל באלד צו טיילין דיא קינדער וואס ווערט גיבארין פון דיא בהמות (חולקין) זאלין זייא באלד צוא טיילען ובאלד הייסט. שעפסין ציגען נאך דרייסיג טאג. קעלבער איזלען נאך פופציג טאג. אזו לאנג מוז זייא שמעון אדעוען פאר דעם צוא טיילען (מקום שנהגו לגדל) אונ ווא דער מנהג

שנהגו לגדל יגדלו. רבי שמעון בן גמליאל אומר שמין עגל עם אמו. וסיח עם אמו. ומפריז על שדהו ואינו חושש משום רבית: ו אין מקבלין צאן ברזל מישראל מפני שהוא רבית. אבל

זה: שמין עגל עם אמו. ואין צריך ליתן עמל ומזון לעגל אלא לאם. ואין הלכה כרבן שמעון בן גמליאל: ומפריז על שדהו. לשון פרה ורבה. ואית דגרסי ומפריז בזי"ן לשון פרזות תשב ירושלים (זכריה ב). כלומר מרחיב על שדהו. והוא שיאמר לו (חוכר למחכיר) אתה רגיל ליקח בחכירות שדך עשרת כורין לשנה. הלויני מאתים זוז שאוכל לסוליא לזבל שדה זו ולזרעה ולחרשה ואני מעלה לך בחכירות' י"ב כורים לשנה ואחזיר לך מעותיך זה מותר דהוי כאילו מעדיף לו שני כורים הללו מפני שחוכר ממנו שדה טובה ומשובחת שחכירתה יפה מחכירות שדה רעה: ו אין מקבלין צאן ברזל. כל אחריות הנכסים על המקבל. ושם אותם עליו במעות. וכל זמן שאין נותן לו מעותיו חולקי' השכר. ואע"ג דמשנה יתירה היא דהא תנא ליה לעיל. אין מושיבים חנוני למחצית שכר משום דמקבל

---

אזי מען זאל זייא אדעוועז ביז זייא וועלין גרויס ווערין דער נאך צוא טיילט מען (יגדלו) מוז זייא שמעון אדעוועזן ביז זייא וועלין גרויס ווערין. רבן שמעון בן גמליאל זאגט (שמין עגל עם אמו וסיח עם אמו) ראובן מעג אפ שאצין אקאלב מיט דיא מוטער. אדער איין יונגען אייזיל מיט דיא מוטער. וויא פיל זייא זענין איצט ווערט. אונ זייא געבין צוא שמעון ער זאל זייא אדעוועזן. אונ ער גיט צוא שמעון שכר רות מיט עסין נאר פאר דיא מוטער. אונ גיט פאר דיא קאלב אונ ניט פאר דעם יונגען אייזיל. ווארום ארבעט האט ניט שמעון ביי דיא קאלב אונ ניט ביי דעם סייח. ווארום זייא גייען אליין נאך דיא מוטער. אונ עסין פר דעם קאלב אדער פאר דעם סייח. דיא געלט וואס ער געמט פאר זייער מיסט איז גענוג פאר זייער עסין ועתי"ט (ומפריז על שדהו ואינו חושש משום רבית) ער דער ברייטערט אוף דיא פעלד ווער גיט מער געלט פאר דיא פעלדו אונ דאס איז ניט קיין רבית. אויב ראובן הט געהאלטען אפעלד פון שמעון אין חכירות. דאס הייסט ראובן האט גיהאקערט די פעלד. אונ האט אין איר גיזייט אונ וואס עס האט גיוואקסן. פיל צוא ווייניג. דאס האט אלין ראובן אלין גינומען. נאר גיץ געלט פאר דיא ערד הט ראובן גיגעבין צוא שמעון אגעוויסע זאך אלע יאהר. צעהן כור ווייץ. אונ ראובן זאגט צוא שמעון בארג מיר צוויא הונדערט גילדין אונ איך וועל מיט דעם געלט פאר בעסערין דיא פעלד וועט אין איר מער וואקסען. שפעטר אז איך וועל צראפ נעמין דיא תבואה פון פעלד וועל איך דיר דיין געלט צוריק געבין אונ וועל דיר געבין נאך צוויא כור ווייץ. דאס מעג מען. ווייל דאס איז גלייך וויא ער דינגט איצט ביי אים אבעסערע פעלד איז ווערט מען זאל געבין מיט צוויי כור ווייץ מעהר אַיאהר: ו (אין מקבלין צאן ברזל מישראל) מען טאר ניט נעמין איינערע שעפסין פון איודין (ראובן האט פאר קויפט צו שמעון שעפסין אדער אנדערע בהמות) אונ מען האט זייא גישאצט ווי פיל זיי זענען ווערט. אונ שמעון האט איצט ניט בצאהלט פר זיי. נאר ער הט אויף זיך גינומען. אפילו די שעפסין וועלין פייגערין מוז ער אויך פאר זייא בצאהלין. אונ אזוי לאנג ווי ער וועט ניט בצאהלין פאר דיא שעפסען מוז ער געבין אטייל פון פאר דינסט צו ראובן. אונ ווייל שמעון מוז פאר זיי אייביג בצאהלין אפילו זייא פייגערין. דריבער הייסט דם איזערנע שעפסין. ווייל ראובן האט ניט שאדין די שעפסין. דס טאר מען ניט (מפני שהוא רבית) ווייל דס איז פראצענט (אבל מקבלין צאן ברזל מן העו"ג) אבער מען מעג נעמן איזערנע

עליה פלגא בהפסד וכ"ש הכא דקבל כל האחריות עליו. נקט ליה משום סיפא אבל מקבלים לאן ברזל מן עו"ג: מדעת העו"ג. כגון ישראל שהיה לוה מעות מעו"ג ברבית וביקש להחזירם לו. מלאו ישראל אחר ואמר תנם לי ואני אעלה לך כדרך שאתה מעלה לו. אם העמידו אצל העו"ג אע"פ שישראל היה נותנם לו במלות העו"ג מותר. ואם לא העמידו אצל העו"ג אסור דהוא נינהו דקא

מקבלין צאן ברזל מן העו"ג. ולווין מהן ומלווין אותן ברבית. וכן בגר תושב. מלוה ישראל מעותיו של עו"ג מדעת העו"ג. אבל לא מדעת ישראל: ז אין פוסקין על הפירות עד שיצא השער (יצא השער פוסקין ואף על פי שאין

---

שעפסין פון אעובד גלולים ולוין מהן ומלוין אותן ברבית) אויך מעג מען בארגין געלט פון אעובד גלולים אונ געבין אים פראצענט. אונ ער מעג פאר בארגין צוא באעובד גלולים אונ נעמען פון אים פראצענט (וכן בגר תושב) אונ אזוי איז דער דין ביא איין עובד גלולים וואס האט זיך מגייר גיוועזן אין ארץ ישראל נאר אויף דעם תנאי ער זאל קיין עבו"ג ניט דינען. אבער צוא אלע זאכין איז ער וויא איין עובד גלולים. מעג מען נעמען פון אים פראצענט אונ מען מעג אים געבין פראצענט (מלוה ישראל מעותיו של עובד גלולים מדעת העובד גלולים) אויך מעג פאר בארגין דיא געלט פון איין עובד גלולים אויב דער עובד גלולים הייסט. למשל ראובן איז שולדיג גיוועזן געלט צוא איין עובד גלולים אונ האט אים גיצאהלט פראצענט. אונ ראובן האט גיוואלט בצאהלין דיא געלט צום עובד גלולים. האט אים גיטראפין שמעון אונ זאגט צוא אים בארג מיר דיא געלט אונ איך וועל צאהלין דיא זעלביגע פראצענט וואס דוא צאהלסט צום עובד גלולים. אויב ראובן האט געפירט שמעון צום עובד גלולים. אונ האט אים גיפרעגט זאל איך געבין שמעון דאס געלט צוא גיין. אונ דער עובד גלולים האט גיהייסין ראובן זאל געבין דאס געלט צוא שמעון. אפילו שמעון האט גינומען דאס געלט פון ראובן. מעג שמעון צאהלין פראצענט (אבל לא מדעת ישראל) אבער אז ראובן האט ניט גיפרעגט ביא דעם עובד גלולים. נאר ער אליין מיט זיין ווילען האט גיגעבין דיא געלט פון עובד גלולים צוא שמעון. אפילו דיא פראצענט גיהער צום עובד גלולים. פון דעסטוועגין טאר מען ניט: ז (אין פוסקין על הפירות עד שיצא השער) מען טאר ניט מאכין אמקח אויף פירות ביז עס גייט ארוים אמקח אין גאס. ראובן זאל געבין געלט צוא שמעון ער זאל אים געבין ווייץ אין אהאלב יאהר שפעטער אויף ארענדיל אכור. אויב אין גאס איז נאך ניטא קיין ריכטיגער מקח אויף ווייץ. טאר מען ניט. טאמער וועלין ווייץ שפעטער טייערער ווערין. אונ ער וועט אים געבין אויף ארענדיל אכור וויא פריער איז גיוועזן. צוא וואס טוהט דאס שמעון. געוויס ווייל ראובן האט אים גיגעבין פאראויס געלט. איז דאך דאס רבית (יצא השער פוסקין) אבער אז אין גאס איז דא אגעוויסער מקח אויף ווייץ. ארענדיל אכור. מעג ראובן זאגין צוא שמעון איך גיב דיר איצט געלט. אונ איך וועל ביא דיר נעמען ווייץ פאר דיא געלט. אין אהאלב יאהר שפעטער. אויף דעם איצטיגין מקח ואפילו עס וועט טייערער ווערין. זאלסטו מיר אויך געבין אויף דעם איצטיגין מקח. דאס מעג מען (ואף על פי שאין לזה) אונ אפילו שמעון האט ניט קיין ווייץ מעג מען אויך. וואדום (יש לזה) איז דא ווייץ ביי אאנדערין אויף דעם מקח. קען דאך שמעון קויפין ווייץ אויף ארענדיל אכור אונ לאזין ליגען ביז ראובן וועט זיי אפ נעמען ביי אים וועט דאך שמעון קיין שאדין ניט האבין. אונ ראובן האט אויך ניט קיין טובה פון שמעון. וואדום ראובן אליין

לזה יש לזה) . **היה הוא תחלה לקוצרים** פוסק עמו על הגדיש . ועל העביט של ענבים . ועל המעטן של זיתים . ועל הביצים של יוצר . ועל הסיד משישקעו בכבשן . ופוסק עמו על הזבל כל ימות השנה . רבי יוסי אומר אין פוסקין על הזבל אלא א"כ היתה לו זבל באשפה . וחכמים מתירין .

מוזיף ליה ברבית : **היה הוא תחלה** שער-שירלה . ואע"ף שלא יצא השער : ועל לקוצרים . ויש לו גדיש ועדיין לא יצא השער . הסיד . פוסק עמו באיזה שער שירצה פוסק עמו באיזה שער שירלה . דכיון דיש לו משישקעו בכבשן שעלים והאבנים לשרוף אין כאן רבית דמעכשיו אותו גדיש קנוי לו . ולעשות מהן סיד : וחכמים מתירין . איכא ואע"ג דלא משך כיון דכי איגלו נמי לא סוה אלא אבקרבית דרבנן. כי יש לו לא גזור : על העביט . כלי גדול שטוברי' בו את הענבי' לפני דריסה והם מתחממי' להוציא יינם יפה . ושל זתים קרוי מעטן: על הבצים של יוצר . אם הכינם עפר ועשאו כלים לעשות לאחרים . שהכל יש לכן זבל . שהכבר נתקב מהן קדרות פוסק עמו על הקדרות באיזה ובסוף בימות הגשמים אבל בימות הגשמים

בין חכמים לת"ק דת"ק כל ימות השנה קאמר. ופליג עליה רבי יוסי ואמר לא שנא ימות החמה . ולא שנא ימות הגשמים עד שיהיה לו למוכר זבל באשפה. וחכמי' מתירין דוקא בימות החמה . שאע"פ שאין לו . יש

---

קען איך איצט קויפן וויץ אויף ארענדיל אכור . ביי איין אנדער מענטש . אונ לאזן ליגען ביז ער וועט זיי דארפן (היה הוא תחלה לקוצרים) אויב שמעון האט געשניטן די תבואה פון זיין פעלד פריער ווי אנדערע שניטער . אונ ער האט זיין איינגע תבואה (פוסק עמו על הגדיש) מעג ראובן מיט אים מאכן אמקח אויף דעם שייער תבואה ווי ער וויל . אפילו עס איז נאך גיטא קיין מקח אין גאס . ווארום די תבואה וואס ליגט ביי שמעון אין שייער גיהער שוין צו ראובן פון איצט אונ אז עס ווערט טייערער איז ראובן ס תבואה טייערער גיווארין (ועל העביט של ענבים) אז שמעון האט אגרויסע כלי מיט וויינטרויבן (ועל המעטן של זיתים) אונ אגרויסע כלי מיט איילבירטין . מעג מען מיט אים מאכן אמקח אויף וויינטרויבן אונ אויף איילבירטין . אזוי ווי אויף תבואה) דיא כלי וואס מען האלט אין איר דיא וויינטרויבן הייסט עביט . אונ דיא כלי וואס מען האלט אין איר איילבירטין הייסט מעטן (ועל הביצים של יוצר) דער טעפער וואס האט אריין גיבראכט ערד צוא מאכן פון זייא טעפ . אונ ער האט שון דיא ערד אויסגיקנעטין אונ האט זייא גימאכט קילעכדיג ווי אייער . מעג מען מיט אים מאכן אמקח אויף טעפ . אזוי ווי אויף תבואה) (ועל הסיד משישקעו בכבשן) אז ער האט וואפגע שטיינער אונ ער האט זייא אריין גילייגט אין קאלך הויבין צוא ברענען זייא . מאכן פון זייא וואפגע . אונ האלץ האט ער אויך אריין גילייגט אין הויבין . מעג מען מיט אים מאכן אמקח אויף וואפגע אזוי ווי אויף תבואה) (ופוסק עמו על הזבל כל ימות השנה) ראובן מעג מאכן אמקח מיט שמעון אויף מיסט . זייא זומער זייא ווינטער . אז אגאנץ יאהר זאל שמעון אים געבין מיסט פאר אטאלער אפור . אפילו עס וועט ווערין טייערער . רבי יוסי זאגט (אין פוסקין על הזבל אלא אם כן היתה לו זבל באשפה) מען טאר ניט מאכן אמקח אויף מיסט ניט זומער אונ ניט ווינטער נאר סיידין שמעון האט מיסט אין זיין מיסט קאכטין (אזוי ווי ביי תבואה) (וחכמים מתירין) אונ דיא חכמים זאגין אפילו ער האט ניט קיין מיסט . מעג מען אויך מאכן מיט אים אמקח אויף מיסט . אויף אגאנץ יאהר . אבער גאר זומער . ווייל מען

ופוסק עמו כשער הגבוה. ר"י אומר אף על פי שלא פסק עמו כשער הגבוה יכול לומר תן לי כזה או תן לי מעותי:

ח מלוה אדם את אריסיו חטין בחטין לזרע אבל לא לאכול. שהיה רבן גמליאל מלוה את אריסיו חטין בחטין לזרע ביוקר והוזלו או בזול והוקרו.

לא. והלכה כחכמים: כשער הגבוה. אם יפחות השער מזה שהוא עכשיו תתן לי כשער הזול. גבוה. היינו בזול שנותנין פירות גבוהים ורבים בדמים מועטים: תן לי כזה או תן לי מעותי. שהרי לא מסך ויכול לחזור בו. ואפי' מי שפרע ליכא שהואיל ולא נתן מעותיו על מנת לקבל עכשיו. אלא לאחר זמן. ובתוך כך נשתנה השער. סתם דמתני' דלא כר' יהודה ולא אתרצא זילא פסיק. ואין הלכה כר' יהודה: ח חטין לזרע.

דאמר הוא שנותן הזרע אם אין לו זרע לזרוע השדה יסלקנו בעל הבית. והשתא האריס מבעל הבית וזורע. והשתא הוקירו חטין יתן חטין. אין ע הלואה. אלא הרי הוא כיורד לתוכה מעכשיו. על מנת שיטול בעל הבית הזרע תחלה מחלק שיגיע לאריס. והאריס יטול השאר שכר טרחו. ועל מנת כן ירד שיטול פחות משאר אריסין כשעור

הזרע. ואין כאן רבית: שהיה רבן גמליאל. בחטין לזרע. שהשתא בהמה מותר להלוות כלומר לכך הולך לשטת מסכה זו. לפי שהיה לאריס דוקא כשהולך לזרעו וטעמא דבאתרא רבן גמליאל מחמיר שאם הוזלו נוטל כשער,

---

קריגט מיסט צוא קויפין. אבער ניט ווינטער (ופוסק עמו כשער הגבוה) וואס מיר זאגי אין אנהייב משנה יצא השער פוסקין. זאגט דיא משנה איצט. אז ראובן מוז אוים ביידין מיט שמעון אויב פירות וועלין וועלוועלער ווערין. מוז ער אים געבין אויף דעם וואלוועלין מקח. רבי יהודה זאגט (אף על פי שלא פסק עמו כשער הגבוה) אפילו ער האט ניט אוים גירעט אז תבואה וועט ווערין וועלוועלער זאל ער אים געבין אויף דעם וואלוועלין מקח. מוז ער אים אויך געבין אויף דעם וואלוועלין מקח (יכול לומר) ווארום ראובן קען זאגין צוא שמעון (תן לי כזה) אדער גיב מיר אויף דעם וואלוועלין מקח (או תן לי מעותי) אדער גיב מיר צוריק מיין געלט: ח (מלוה אדם את אריסיו חטין בחטין לזרע) אז איינער האט פעלדער אונ ער וויל ניט אליין ארבעטין ביא זייא. גיט ער דיא פעלד צוא א מענטשין. דער מענטש זאל געבין זיינע תבואה צוא פאר זייען אונ זאל האקערין אונ שניידין. אונ אז ער וועט האבין פארטיגע תבואה. זאל ער געבין דעם בעל הבית העלפט תבואה פון דיא פעלד. דער מענטש הייסט אריס. אונ אז דער מענטש האט ניט קיין תבואה צום פאר זייען. זאגט דיא משנה דער בעל הבית מעג בארגין דעם אריס צעהן קארין ווייץ צום פאר זייען. אונ אז מען וועט אראפ גענומען פון פעלד ביינע ווייץ. וועט דער בעל הבית אפ גענומען דיא צעהן קארין ווייץ פון דעם אריס חלק. אונ אפילו ווייץ וועט זיין שפעטער טייערער מעג מען אויך (אבל לא לאכול) אבער אז דר אריס גענומט די ווייץ צום עסין טאר מען גוט (שהיה רבן גמליאל מלוה את אריסיו חטין בחטין לזרע) ווארום רבן גמליאל פלעגט ניט אזוי טאהן. אז זיינע אריסין פלעגין ניט האבין קיין ווייץ צו פר זייען. פלעגט ער זיי בארגין ווייץ צום פר זייען. אז מען וועט אראפ גענומען די ביינע ווייץ פון פעלד. זאלין זיי אים צו ריק געבין די ווייץ וואס ער האט זיי פאר בארגט. פון זייער חלק (ביוקר והוזלו) אויב ווייץ איז געוועזן טייער ווען ער האט זיי פר בארגט. א סאה ווייץ האט גיקאסט צוויי טאלער. אונ ער האט זייא פארבארגט צעהן סאה ווייץ. וואס זענען ווערט גיוועזן צוואנציג טאלער. דער נאך ווען מען האט אראפ גינומען דיא ביינע ווייץ. איז גיוועזן וועלוועלער. איין טאלער א סאה. האט רבן גמליאל ביא זייא גינומען צעהן סאה ווייץ וואס זענען נאר ווערט צעהן טאלער (או בזול והוקרו

הזול ואשמועינן מתניתין לא שהלכה כן אלא כל אחת ואחת לוה בהיתר: וכן היה הלל
שרצה להחמיר על עצמו: מתני׳ הלויני עד שיבא אומר לא הלוה אשה. ואין הלכה כהלל.
בני. דכיון שיש לו שפיר דמי. דלא גזרו אלא הלכה כחכמים דאומרי׳ לוין סאה ופורעים
רבנן אלא כשאין לו. ואפי׳ אין לו אלא סאה סאה: י נכש עמי. היום ואנכש עמך למחר.
אחת לוה עליה כמה כורין. דכל אחדא ואחדא אמריכן זו תחת זו תחתיה. שהרי אינה קיים למעה ויכול ללוה למכרה ולאכלה. וכהלוה

נכוש. הוא עקירת העשבים הרעים הגדלים בתבואה: עדור. חפור: לא יאמר לו נכש עמי ואעדור עמך. פעמים שזו קשה מזו.

נוטל מהן כשער הזול. ולא מפני שהלכ׳ כן. אלא שרצה להחמיר על עצמו:
מתני׳ לא יאמר אדם לחברו הלויני כור חטים. ואני אתן לך לגורן אבל אומר לו הלויני עד שיבא בני. או עד שאמצא מפתח. והלל אוסר. וכן היה הלל אומר לא תלוה אשה ככר להברתה עד שתעשנו דמים. שמא יוקירו חטים ונמצאו באות לידי רבית: י אומר אדם לחבירו נכש עמי. ואנכש עמך. עדור עמי. ואעדור עמך. ולא יאמר לו נכש עמי. ואעדור עמך. עדור עמי. ואנכש

אדער ווען ער האט פאר בארגט דיא ווייץ. איז געוועזן אטאלער אסאה. אונ ער האט פאר בארגט צעהן סאה. וואס זענין ווערט צעהן טאלער. דער נאך ווען מען האט אראפ גינומען דיא נייע תבואה. איז טייערער געווארען. אסאה ווייץ קאסט צווייא טאלער (נוטל מהן כשער הזול) האט ער גינומען פון זייא אויף דעם וואלוועלן מקח. ער האט נאר גינומען פינף סאה ווייץ וואס זענין ווערט צעהן טאלער (ולא מפני שהלכה כן) ניט דער דין איז מען זאל אזוי נעמין (אלא שרצה להחמיר על עצמו) נאר רבן גמליאל הט גיוואלט אויף זיך שווער מאכען דעם דין פון רבית: ט (לא יאמר אדם לחברו הלויני כור חטים ואני אתן לך לגורן) אמענטש טאר ניט זאגין צוא זיין חבר בארג מיר אכור ווייץ. אונ צום שייער ווען מען וועט אראפ געמין דיא נייע תבואה וועל איך דיר צוריק געבין אכור ווייץ. טאמער וועט ווייץ טייערער ווערן (אבל אומר לו הלויני עד שיבוא בני) אבר ער מעג זאגין צו זיין חבר בארג מיר אכור ווייץ ביז מיין זוהן וועט קומען (או עד שאמצא המפתח) אדר ביז איך וועל געפינען דעם שליסעל. ווייל דאס איז אקורצע צייט האט מען ניט מורא טאמער וועט טייערער ווערין (והלל אוסר) אונ הלל זאגט דאס טאר מען אויך ניט (וכן היה הלל אומר) אונ אזוי האט הלל גיזאגט (לא תלוה אשה ככר לחברתה) אאשה טאר ניט פאר בארגין אברויט צוא איר חברתה זיא זאל איר צוריק געבין אברויט (עד שתעשנו דמים) פידין זיא זאל שאצין דעם ברויט וויא פיל ער איז ווערט אויף געלט. אונ פאר אזוי פיל געלט זאל מען איר צוריק געבין ברויט. ווארום אז זיא וועט צוריק געבין אברויט פאר אברויט (שמא יוקירו חטים) טאמער וועט ווייץ טייערער ווערין. וועט אברויט טייערער קאסטין אונ אז זיא וועט איר צוריק געבין אברויט פאר אברויט (ונמצא באות לידי רבית) וועט דאך דאס זיין פראצענט: י (אומר אדם לחברו נכש עמי) אמענטש מעג זאגין צוא זיין חבר העלף מיר היינט אויס רייסען דיא שלעכטע גראז פון פעלד (ואנכש עמך) מארגין וועל איך דיר העלפין אויס רייסען דיא שלעכטע גראז פון דיין פעלד (עדור עמי) העלף מיר היינט גראבין מיין פעלד (ואעדור עמך) מארגין וועל איך דיר העלפין גראבין דיין פעלד (ולא יאמר לו נכש עמי) אבער ער טאר ניט זאגין צוא זיין חבר העלף מיר אויס רייסין דיא שלעכטע גראז פון מיין פעלד (ואעדור עמך) וועל איך דיר העלפין גראבין דיין פעלד. אדער פאר קערט (עדור עמי)

ויש כאן אגר נטר: כל ימי גריד א'. ולא חיישינן אם יום אחד גדול מחברו. וכן כל ימי רביעה אחד. ומותר לומר עדור עמי יום זה של גריד. ואני אעדור עמך יום אחד של גריד. וכן ברביעה: גריד. ימות החמה: רביעה. ימות הגשמים: ואני אחרוש עמך ברביעה. שימי רביעה קשים למלאכ' שבשדו':

עמך. כל ימי גריד אחד. כל ימי רביעה אחד. לא יאמר לו חרוש עמי בגריד ואני אחרוש עמך ברביעה. רבן גמליאל אומר יש רבית מוקדמת. ויש רבית מאוחרת. כיצד נתן עיניו ללות הימנו. והיה משלח לו ואומר בשביל שתלויני זו היא רבית מוקדמ'. לוה הימנו והחזיר לו את מעותיו. והיה משלח לו ואמר בשביל מעותיך שהיו בטלות אצלי. זו היא רבית מאוחרת. ר"ש אומר יש רבית דברים. לא יאמר לו דע כי בא איש פלוני ממקום פלוני: **יא** ואלו עוברין בלא תעשה. המלוה.

---

העלף מיר גראבין מיין פעלד (עאנכש.עמך) וועל איך דיר העלפין אויס רייסין דיא שלעכטע
גראז פון דיין פעלד. ווייל טאמער איז איין ארבעט שווערער וויא דיא אנדערע איז דאך
דאס רבית (כל ימי גריד א"ד) אלע טעג פון זומער ווערט גירעכנט וויא איינס. ער מעג
זאגין צוא זיין חבר ארבעט מיט מיר היינטיגען זומער טאג. אונ איך וועל מיט דיר אף
ארבעטין איין אנדער טאג פון זומער. אונ מיר האבען ניט מורא טאמער וועט דער אנדערער
טאג זיין גרעסער (כל ימי רביעה אחד) אלע טעג פון ווינטער ווערט גירעכנט וויא איינס.
ער מעג זאגין צוא זיין חבר ארבעט מיט מיר היינטיגען ווינטער טאג אין מיין פעלד. אונ
איך וועל מיט דיר אפ ארבעטין איין אנדער טאג פון ווינטער אין דיין פעלד. אונ מיר האבין
ניט מורא טאמער וועט דער אנדערער טאג זיין שווערער צוא ארבעטען אין פעלד (לא
יאמר לו חרוש עמי בגריד ואני אחרוש עמך ברביעה) אבער ער טאר ניט זאגין צו זיין
חבר האקער מיט מיר דעם היינטיגען טאג פון זומער. וועל איך מיט דיר האקערין אטאג
אום ווינטער. ווארום ווינטער איז שווערער צוא ארבעטין אין פעלד וויא זומער. רבן גמליאל
זאגט (יש רבית מוקדמת) עס איז דא פריערדיגע רבית (ויש רבית מאוחרת) אונ עס איז דא
שפעטערדיגע רבית (כיצד) וויא מיינט מען (נתן עיניו ללות הימנו) ראובן האט גיגעבין זיינע
אויגין ער הט גיטראכט ער זאל בארגין געלט פון שמעון (והיה משלח לו) האט ראובן געשיקט
אמתנה צוא שמעון (ואומר) אונ ראובן האט גיזאגט דיא מתנה גיב איך דיר (בשביל
שתלויני) דוא זאלסט מיר בארגין געלט (זו היא רבית מוקדמת) דאס איז פריערדיגע רבית.
ער גיט פראצענט איידער ער האט נאך די געלט גיבארגט (לוה הימנו) ראובן הט גיבארגט
געלט פון שמעון. און פראצענט (והחזיר לו את מעותיו) אונ ראובן האט צוריק גיגעבין דאס
געלט צוא שמעון (והיה משלח לו) אונ ראובן האט געשיקט אמתנה צוא שמעון (ואמר) אונ
ראובן האט גיזאגט צוא שמעון דיא מתנה גיב איך דיר (בשביל מעותיך שהיו בטלות אצלי)
פאר דייז געלט וואס זענין גיוועז ליידיג ביא מיר. דוא האסט מיט זיא גאר ניט פאר דינט
(זו היא רבית מאוחרת) דאס הייסט שפעטערדיגע רבית. דיא ביידע ערליי רבית טאר מען
ניט. רבי שמעון זאגט (יש רבית דברים) רייד הייסט אויך רבית (לא יאמר לו) דער לוה טאר
ניט זאגין צום מלוה (דע כי בא איש פלוני ממקום פלוני) זאלסט וויסן אז דער מענטש איז גקומן
פון דעם ארט. אונ דער מלוה דארף דאס וויסען. אונ ווען דער לוה וואלט ניט גיבארגט
קיין געלט ביא דעם מלוה. וואלט ער אים דאס גאר ניט דער ציילט. דריבער טאר מען ניט
ועתי"ט: יא (ואלו עוברין בלא תעשה) דיא מענטשין זענין עובר אלאו. אז מען בארגט
געלט מיט פראצענט (המלוה) דער וואס פאר בארגט (והלוה) אונ דער וואס בארגט (והערב)
אונ

**יא** עוברים משום לא תתן וכו'. מלוה עובר בכולן. לוה עובר משום בל תשיך שהוא ל' מפעיל לאחרים לא תגרום שאחיך ישוך ועובר על ולאחיך לא תשיך. ולפני עור לא תתן מכשול. ערב ועדי' עוברים על לא תשימון עליו נשך בלבד:

**השוכר** והטעו זה את זה. אחד מן האומנין ששלחו בעה"ב להשכיר את חבריו והטעה אותם כגון שא"ל בעה"ב לשכור כל אחד בד' דינרים ליום והלך וא"ל בג' ושכרם בג' אין להם עליו אלא תרעומות דהא שכור וקבול בג' אלא שיכולים לומר לו ליה לך אל תמנע טוב מבעליו. פי"א שטעו זה את זה שחזרו בהם ולא רצו ללכת לעשות מלאכתו של בעה"ב כמו ששכרו עמו. או בעה"ב חזר בו כגון שאמר להם אי אפשי בכם

והלוה. והערב. והעדים. וחכמים אומרים אף הסופר. עוברים משום לא תתן. ומשום בל תקח מאתו. ומשום לא תהיה לו כנושה. ומשום ולא תשימון עליו נשך. ומשום ולפני עור לא תתן מכשול ויראת מאלהיך אני ה':

פרק ו **השוכר** את האומנין. והטעו זה את זה. אין להם זה

---

אונ דער וואס נעמט אויף זיך אז דער לוה וועט ניט בצאהלין זאל ער בצאהלין (והעדים) אונ דיא עדות (וחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין (אף הסופר) דער וואס האט געשריבען דעם וועקסיל (עוברים משום לא תתן) זייא זענין עובר אויף דעם לאו וואס עס שטייט דיין געלט זאלסטו ניט געבין צוא בייסין דיין חבר (ומשום בל תקח מאתו) אונ אויף דעם לאו וואס עס שטייט דוא זאלסט ניט נעמין פון דיין חבר רבית (ומשום לא תהיה לו כנושה) אונ אויף דעם לאו וואס עס שטייט דוא זאלסט ניט מאנען ביי דיין חבר אז דוא ווייסט ער האט ניט צו בצאהלין (ומשום ולא תשימון עליו נשך) אונ אויף דעם לאו וואס עס שטייט. איר זאלט ניט טאהן אויף דעם לוה קיין בייסונג. איר זאלט ניט מאכען אז מען זאל דעם לוה בייסין. מען זאל ביי אים נעמין וואס מען האט אים ניט געגעבין. דאס מיינט מען דעם מלוה מיט דעם סופר דיא עדות מיט דעם ערב (ומשום ולפני עור לא תתן מכשול) אונ אויף דעם לאו וואס עס שטייט פאר אבלינדין זאלט איר ניט געבין קיין שטראכלונג. איר זאלט ניט גינארין אזעלכין וואס איז בלינד אין דער זאך. אויב ער וויים ניט אז מען טאר ניט. זאלט איר אים ניט גינארין אונ זאגין מען מעג (ויראת מאלהיך אני ה') דוא זאלסט מורא האבין פאר גאט. איך בין גאט וואס וויים אלץ וואס דער מענטש טראכט אונ טוהט אונ דער לוה איז עובר אויף דעם לאו וואס שטייט „בל תשיך" אונ „לא תשיך". דוא זאלסט ניט מאכין מען זאל דיך בייסין. דוא זאלסט ניט צוא זאגין קיין פראצענט:

פרק ו א (השוכר את האומנין) איינער האט גידונגען בעלי מלאכות (ארבעטער) (והטעו זה את זה) אונ זייא האבין גינארט איינער דעם אנדערין. דער בעל הבית האט גיזאגט צוא איין ארבעטער ער זאל גיין דינגען נאך ארבעטער. אונ זאל זייא צוא זאגין פיר גילדין אטאג. אונ דער ארבעטער האט זייא גינארט אונ האט גיזאגט אז דער בעל הבית האט גיהייסין צוא זאגין דרייא גילדין אטאג. אונ זייא זענען גיגאנגען ארבעטין פאר דרייא גילדין אטאג. דער נאך האבין זייא גיוואסט אז דער בעל הבית האט גיהייסין געבין פיר גילדין אטאג. איז פארפאלין זייא מוזין ארבעטין פאר דרייא גילדין אטאג (אין להם זה על זה אלא תרעומות) דיא אלע ארבעטער האבין נאר אויף דעם ארבעטער ברוגז צו ווערין אויף אים פאר וואס ער האט זיי גינארט. אבער מאנען ביים איהם קענען זייא ניט. נאך אפשט איז אין דער משנה (השוכר את האומנין) ראובן האט

בבקר קודם שילכו אל המלאכה: ואת הקדר. ברי"ם גרסינן כו' בעל סקרון: פרייפרין. עלי' מהופין לעשות אפריון: חלילים. למת או לחתן: המשרה. מים ששורין בהן פשתן: מקום שאין שם אדם. שהוא אינו מוצא פועלי לשכור והפסדן אבד: שוכר עליהם. בני אדם כשיעור שכרן. אבל לא ביותר משיעור שכרן: או מטען. אומר שיתן להם זוז יתר ואינו נותן אלא מה שהתנה מתחלה: ב השוכר את האומנין. בקבלנות כך מלאכה בכך וכך מעות: וחזרו בהם. לאחר שעשו מקצתה: ידן על התחתונה. אם סוקרו פועלים ואינו

על זה אלא תרעומות. שכר את החמר. ואת הקדר להביא פרייפרין וחלילים לכלה או למת. ופועלין להעלות פשתנו מן המשרה. וכל דבר שאבד. וחזרו בהן. מקום שאין שם אדם שוכר עליהן או מטען: ב השוכר את האומנין וחזרו בהן ידן על התחתונה

---

גידונגען ארבעטער (והטעו זה את זה) זייא האבין גינארט איינער דעם אנדערין. אדער דיא ארבעטער האבין גינארט דעם בעל הבית. זייא האבין חרטה גיהאט אונ ווילען ניט גיין ארבעטין. אדער דער בעל הבית האט גינארט דיא ארבעטער. ער הט חרטה גיהאט גאנץ פריא אידער מען גייט נאך צו דר ארבעט אונ וויל זיי ניט נעמען צו די ארבעט (אין להם זה על זה אלא תרעומות) דער בעל הבית קען ניט האבין קיין טענה צו דיא ארבעטער. אז זייא האבין חרטה. אונ דיא ארבעטער קענען ניט האבין קיין טענה צום בעל הבית. אויב ער האט חרטה. זייא קענען נאר ברוגז ווערין איינער אויף דעם אנדערין (שכר את החמר) ער האט גידונגען אאייזיל טרייבער (ואת הקדר) אדער אפורמאן (להביא פרייפרין וחלילים לכלה או למת) זייא זאלין ברייגגען שטעקינס צוא אחופה פר אכלה. אדער פייפלאך צום שפילען פאר חתן אונ כלה. אדער שפילען טרויער לידער פאר אמת. (אזוי איז גיוועזן פארצייטין דיא מאדעו. דאס מוז דאך דער בעל הבית האבין צוא דער צייט (ופועלין להעלות פשתנו מן המשרה) אדער ער הט גידונגען ארבעטער זיי זאלין ארויס נעמען פלאקס פון דיא וואסער וואס דיא פלאקס ווייקין אין זייא. אונ אז זייא וועלין ניט באלד ארויס נעמען דיא פלאקס פון וואסער וועט דיא פלאקס קאליע ווערין (וכל דבר שאבד) אדער ער האט גידונגען דיא ארבעטער צוא אנדערע מלאכות אזעלכע וואס אז מען וועט ניט באלד טאהן דיא מלאכה וועט דער בעל הבית שאדין האבין (וחזרו בהן) אונ דיא ארבעטער האבין חרטה מקום שאין שם אדם) אונ ער איז אויף אזוי אארט וואס איצט קריגט ער ניט קיין אנדערע ארבעטער זייא זאלין ארבעטין פאר דעם געלט וואס ער האט זייא צוגעזאגט. אונ דא שמועסט זייא האבין שוין העלפט ארבעט אפ גיטאהן. אונ איצט ווילען זייא טייערע פאר דיא ארבעט (שוכר עליהן) זאל ער דינגען אויף זייער רעכענונג אנדערע ארבעטער זייא זאלין פארטיג מאכין דיא ארבעט. אונ ער מעג דיא אנדערע ארבעטער בצאהלין דיא גאנצע געלט וואס ער האט בדונגען דיא ערשטע ארבעטער. אונ דיא ערשטע ארבעטער פאר זייער העלפט ארבעט נעמען גאר ניט (או מטען) אדער ער נארט זייא. ער זאגט ער וועט זייא געבין וויא פיל זייא ווילען. דער נאך אז זייא האבין פארטיג דיא ארבעט. גיט ער זייא נאר וויא פיל ער האט בדונגען: ב (השוכר את האומנין) ער האט גידונגען ארבעטער. ניט אויף דעם טאג. נאר זייא האבין אנגינומען ארבעט פאר אזוי פיל געלט. אונ זייא האבין אפ גיארבעט אביסול (וחזרו בהן) אונ האבין חרטה (ידן על התחתונה) איז זייער האנט פון אונטען. למשל. ער האט בדונגען צוא

**התחתונה. אם בעל הבית חוזר בו ידו על התחתונה. כל המשנה ידו על התחתונה. וכל החוזר בו ידו על**

מוצא מי שיגמרנו בשכר שהיה מגיע לאלו על שעתיד לעשות. מעכב משכרם ממה שעשו כל מה שיצטרך להוציא עד שתגמור מלאכתו בשכר שפסק עם אלו. ואם הוזלו פועלים וימצא מי שיגמרנה בפחות. ישומו להם מה שעשו ויתן להם מה שפסק. עשו חציה יתן להם חצי שכרן ואין יכולים לומר לו הרי פועלים אחרים תחתינו לגמור מלאכתך ותן לנו כל שכרנו חוץ ממה שיטלו אלו: ואם בעה"ב חוזר בו ידו על התחתונה. יתן להם מה שעשו. ואם הוזלה מלאכת הפועלים על כרחו יתן להם כמו שפסק חוץ ממה שצריך להוציא בהשלמתה: כל המשנה ידו על התחתונה. כגון נתן צמר לצבע לצבעו אדום וצבעו שחור. אם השבח יתר על היציאה אין נותן לו שכרו שלם אלא דמי יציאות עצים וסממנים. ואם היציאה יתירה על השבח נותן לו את השב': וכל החוז' בו ידו על התחתונה. לאתויי המוכר שדה לחבירו באלף זוז ונתן לו מהם מאתים זוז וחזר בו המוכר יד לוקח על העליונה רצה אומר לו תן לי מעותי. רצה אומר לו תן לי קרקע כנגד מעותי. ואם לוקח חוזר בו. יד מוכר על העליונה רצה אומר לו הילך מעותיך. רצה אומר לו הילך

---

געבין פאר דיא ארבעט הונדערט גילדין. אונ זיא האבין אפ גיארבעט העלפט. אויב ארבעטער זענען טייערער גיווארין אונ ווילען פאר דיא האלבע ארבעט זיבעציג גילדין. זאל ער געבין דיא אנדערע ארבעטער זיבעציג גילדין. אונ דיא ערשטע ארבעטער זאל ער געבין דרייסיג גילדין. אונ אויב ארבעטער זענען וואלוועלער גיווארין. אונ ווילען פאר דיא האלבע ארבעט נאר דרייסיג גילדין. זאל ער געבין דיא אנדערע ארבעטער דרייסיג גילדין. אונ דיא ערשטע ארבעטער פופציג גילדין. אונ צוואנציג גילדין פאר דינט דער בעל הבית (אם בעל הבית חוזר בו ידו על התחתונה) אויב דער בעל הבית האט חרטה. איז זיין האנט פון אונטען. אויב ארבעטער זענען טייערער גיווארין. אונ ער דארף בצאהלין פאר דיא האלבע ארבעט זיבעציג גילדין. מוז ער פון דעסטוועגין בצאהלין דיא ערשטע ארבעטער זייערע פופציג גילדין. אונ אויב ארבעטער זענען וואלוועלער גיווארין אונ ווילען ארבעטין דיא האלבע ארבעט פאר דרייסיג גילדין. זאל ער געבין די אנדערע ארבעטער דרייסיג גילדין. אונ דיא ערשטע ארבעטער זאל ער געבין זיבעציג גילדין (כל המשנה ידו על התחתונה) ווער עס ענדערט איז זיין האנט פון אונטען. אויב ער האט גיגעבין וואל צוא אפארבער ער זאל פארבין רויט. אונ ער האט גיפארבט שווארץ אויב דאס פארבעסערונג פון דיא וואל איז מער וויא דיא פארב מיט האלין קאסט. דהיינו דיא וואל אלין קאסט צעהן גילדין. פארב מיט האלין קאסט צוויא גילדין. איצט איז דיא וואל ווערט פופצעהן גילדין. זאל ער נאר בצאהלין דעם פארבער צוויא גילדין. אונ געמט צוא זיינע וואל. פאר דער ארבעט בצאהלט מען ניט. ווארום ער האט דאך ניט גיפארבט ווי מען הט גיוואלט. דר בעל הבית הט גוואלט רויט אונ ער הט גיפארבט שווארץ. אונ אויב דיא פארב מיט דיא האלין קאסט מער וויא דיא פארבעסערונג. דהיינו דיא וואל קאסט צעהן גילדין. פארב מיט האלין קאסט צוויא גלדין. אונ דיא וואל איז ווערט עלף גילדין. זאל ער נאר געבין דעם פארבאר איין גילדין. אונ ער געמט צוא זיינע וואל (וכל החוזר בו ידו על התחתונה) אונ ווער עס האט חרטה איז זיין האנט פון אונטען. אויב ראובן האט פאר קויפט אפעלד צוא שמעון פאר טויזענד גילדין. אונ שמעון האט אים גיגעבין צוויא הונדערט גילדין. אויב ראובן האט חרטה. איז דיא ברירה ביי שמעון. אויב שמעון וויל זיינע צוויא הונדערט גילדין צוריק. מוז ראובן אים געבין דיא צווי הונדערט

גילדען

התחתונה: ג השוכר את החמור להוליכה בהר. והוליכה בבקעה. בבקעה והוליכה בהר. אפילו זו עשר מילין. וזו עשר מילין. ומתה חייב. השוכר את החמור והבריקה או שנעשי' אנגריא. אומר לו הרי שלך לפניך.

קרקע כנגד מעותיך: ג בהר והוליכה בבקעה חייב. בבקעה והוליכה בהר. בראש ההר ואע"פ שהדרך חלק וישר חייב כשמתה מחמת אוירא שלא הוחלק' ולא הוחמ' דהואיל ושנה בה יכול לומר לו לא מתה זו אלא מחמת שלא היה למודה באויר הר וקשה לה. או לא היה למוד' באויר בקע' וקש' לה. ומשום הכי לא מפליג הכא בין הוחלק' להוחמה כמו דמפליג בסיפא: אם החליקה פטור. שההר היה ראוי להחליק יותר. שראש ההר חד ומשופע לצדדין: אם הוחמה

שהבקעה מעלה הבל לפי שהרים סביבה ואין אויר שולט בה: ואם הוחמה. מחמת העלייה בהר חייב. שהמעלה גרמה לה. והוא שינה להוליכה בהר: והבריקה. נסמית בלוק שבעין. פירוש אחר הקליע רגלה: או שנעשית אנגרי' שנלקח' לעבוד' המלך: אומר לו הרי שלך לפניך. ודוקא כשאומר לו חמור זה ושכרו למשאוי אבל אם שכרו לרכוב עליו ואפילו אמר לו חמור זה. אינו יכול לומר לו הרי שלך לפניך שמא תפול

---

גילדין. אונ אויב שמעון וויל אשטיקל פעלד פאר דיא צוויא הונדערט גילדין. מוז ראובן אים געבין אשטיקל פעלד פאר דיא צוויי הונדערט גילדין. אונ אויב שמעון האט חרטה. איז דיא ברירה ביא ראובן. אויב ראובן וויל זאגט ער צוא שמעון גאדיר דיינע צווייא הונדערט גילדין צוריק. אונ אז ער וויל זאגט ער נאדיר אשטיקל פעלד פאר דיא צווייא הונדערט גילדין: ג (השוכר את החמור להוליכה בהר) ראובן האט גידונגען אאייזיל ביא שמעון ער זאל איר פירען אויף אבארג (והוליכה בבקעה) אונ ער האט איר געפירט אין אטאהל. אדער פאר קערט. ער האט גידונגען דעם אייזיל ער זאל איר פירען (בבקעה) אין אטאהל (והוליכה בהר) אונ ער האט איר געפירט אויף אבארג (אפילו זו עשר מילין וזו עשר מילין) אפילו ביז אויף דעם בארג איז צעהן תחום שבת. אונ ביז אין טאהל איז אויך צעהן תחום שבת. אונ דער אייזיל האט זיך ניט אויס געגליטשט אונ ניט דר ווארעמט (ומתה) אונ זיא איז גיפייגערט (חייב) דארף ראובן בצאהלין. וויל ראובן האט גיענדערט קען שמעון זאגין. דיא לופט פון בארג. אדער דיא לופט פון טאהל. האט איר גיהרגת. זיא איז ניט גיוועזן גיוואהנט מיט דעם לופט (השוכר את החמור) ראובן הט גידונגען אאייזיל ביא שמעון (והבריקה) אונ זיא איז בלינד גיווארין (או שנעשית אנגריא) אדער מען האט גינומען דעם אייזיל צוא דיא ארבעט פון מלך. מאנט ראובן ביא שמעון ער זאל אים געבין איין אנדער אייזיל אויף דיא צייט וואס ער האט גידונגען (אומר לו הרי שלך לפניך) זאגט שמעון צוא ראובן דיין אייזיל שטייט דאך פאר דיר נעם דיר אים. דיין מזל איז שולדיג וואס דער אייזיל איז בלינד גיווארען. אדער וואס ער איז גינומען גיווארין צום מלך (ועתי"ט). דער דין איז נאר אז שמעון האט גיזאגט צוא ראובן דעם אייזיל פאר דינג איך דיר. אונ ער האט אים פאר דונגען דעם אייזיל צוא פירען משא. דא קען שמעון זאגין צוא ראובן הרי שלך לפניך. ווארום אז מען האט גיזאגט דעם אייזיל. האט שמעון גימיינט נאר דעם. אבער אז עס ווערט טרעפין דעם אייזיל אסבה. זאל ער ניט דארפין געבין קיין אנדערין. אונ משא קען מען אויף אבלינדין אייזיל אויך פירען. דער מענטש האלט דעם אייזיל ביא דיא צאם אונ פירט אים. אבער אז ער האט גידונגען דעם אייזיל צום רייטין אויף אים. רייטין קען מען ניט אויף אבלינדין אייזיל. דריבער אפילו שמעון האט גיזאגט דעם אייזיל פאר דינג איך דיר. מוז ער אים אויך געבין אין אנדער אייזיל. אבער אז ער האט ניט

תחתיו בגשר. או שהוליכו באמת ספחתים חייב. המשכיר למכור העור והנבלה לכלבים
וכן אם השכיר לו חמור סתם אפילו למשאוי ולהוסיף מעות ולהעמיד לו חמור או ישכור לו
אינו יכול לומר הרי שלך לפניך אלא חייב חמור אחר בדמי הנבלה. שהרי חמור זה שיעבד
להעמיד לו בהמה אחרת. ואם אינו מעמיד לו. או יחזיר לו שכרו:

לו לבהמה אחרת. אינו חייב ליתן לו כלום מכל שכר הדרך שהלך עמו: מתה או נשברה

מתה או נשברה. חייב להעמיד לו חמור. השוכר את החמור להוליכה בהר והוליכה בבקעה. אם החליקה פטור. ואם הוחמה חייב. להוליכה בבקעה והוליכה בהר. אם החליקה חייב. ואם הוחמה פטור. אם מחמת המעלה חייב: ד השוכר את הפרה לחרוש בהר. וחרש בבקעה. אם נשבר הקנקן פטור. בבקעה. וחרש בהר

ד השוכר את הפרה לחרוש וכו'. וכל כלי המחרישה לבעל הפרה. ונעריו הולכים עם בהמתו ומורשי' בה.

---

גיזאגט דעם אייזיל. נאר ער האט גיזאגט איך פאר דינג דיר א אייזיל. אפילו ער האט אים פאר דונגען צוא משא מזו ער אים אויך געבין איין אנדער אייזיל. אונ אויב שמעון גיט ניט צוא ראובן איין אנדער אייזיל. דארף ניט ראובן בצאהלין דיא שכירות. אפילו פאר דיא צייט וואס ראובן איז גיפארען מיט דעם אייזיל ביז איצט (מתה או נשברה) אויב דער אייזיל איז גיפייגערט אדער ער האט צוא בראכין אפוס (חייב להעמיד לו חמור) דארף שמעון פאר קויפען דיא פעל מיט דיא נבלה אונ צוא לייגין נאך געלט אונ קויפין איין אנדער אייזיל אונ געבין צוא ראובן. אדער דינגען פון ראובנס וועגין איין אנדער אייזיל אויף די צייט וואס ער האט דעם אייזיל גידונגען. אדער ער זאל אים צוריק געבין זיינע שכירות ועתי"ט (השוכר את החמור) ראובן האט גידונגען ביי שמעון א אייזיל (להוליכה בהר) ער זאל איר פירען אויף א בארג (והוליכה בבקעה) אונ שמעון האט איר געפירט אין א טאהל (אם החליקה פטור) אויב דער אייזיל האט זיך אוים געגליטשט. אונ האט צוא בראכין אפוס אדער איין אנדער שאדין. דארף ניט ראובן בצאהלין. וואררום אויף א בארג וואלט זי זיך גיכער אוים געגליטשט (ואם הוחמה) אונ אויב דער אייזיל האט זיך דער היצט. אונ איז קראנק גיווארען (חייב) דארף ראובן בצאהלין. ווייל אין א טאהל קען זיך א אייזיל גיכער דר היצען וויא אויף א בארג. ווייל אויף א בארג קומט צוא א ווינט אונ אין א טאהל קומט ניט צוא קיין ווינט (להוליכה בבקעה) אויב ראובן האט גיזאגט צוא שמעון ער דינגט דעם אייזיל ער זאל איר פירען אין א טאהל (והוליכה בהר) אונ ער האט איר געפירט אויף א בארג (אם החליקה חייב) אויב דער אייזיל האט זיך אוים געגליטשט אונ האט צוא בראכין אפוס אדער איין אנדער שאדין. דארף ראובן בצאהלין (ואם הוחמה פטור) אונ אויב דער אייזיל האט זיך דער היצט אונ איז קראנק גיווארען. דארף ניט ראובן בצאהלין (אם מחמת המעלה) אויב דער אייזיל האט זיך דער היצט ווייל עס איז אים שווער גיוועזן ארויף צוא גיין אויף דעם בארג. אונ איז קראנק גיווארען (חייב) דארף ראובן בצאהלין. ווייל ער האט גיענדערט: ד (השוכר את הפרה לחרוש בהר) ראובן האט גידונגען א קוה מיט א האקער פון שמעון. ער זאל האקערין אויף א בארג (וחרש בבקעה) אונ ער האט גיהאקערט אין א טאהל (אם נשבר הקנקן פטור) אויב דער אייזן וואס גראבט אין די ערד איז צו בראכין גיווארן. דארף ניט ראובן בצאהלין. וואררום אז דער אייזן א'ז אין א טאהל צוא בראכין גיווארען. וואלט ער אויף א בארג געוויס צוא בראכין גיווארען. אבער פאר קערט (בבקעה) ראובן

נשבר הקנקן · יתד שמחרישים בו סגרול : חייב . שהרי' קשים לחרוש מן הבקעה מפני הסלעים שיש שם : ודש בתבואה . פטור אם הוחלק' : ה והביא עליה שעורים . שהן קלים מחטין : חייב . בקלקול' אם הוסיף ג' קבין ולא אמרי' הואיל והשעורים קלין יש לו להוסיף עד כדי כובד לתך חטין שהוא משא החמור : מפני שהנפח קשה לבהמה . כמשאוי אף ע"פ שאין משאו כבד כמשא החטין. הרי נפחן כנפח החטין והנפח כמשאוי:
לתך · חצי כור . והכור שלשים סאין :

בהר . אם נשבר הקנקן חייב . לדוש בקטניות ודש בתבואה. פטור . לדוש בתבואה. ודש בקטניות חייב מפני שהקטנית מחלקת : ה השוכר את החמור להביא עליה חטים . והביא עליה שעורים . חייב . תבואה והביא עליה תבן . חייב . מפני שהנפח קשה למשאוי . להביא לתך חטים והביא לתך שעורים . פטור . ואם הוסיף על

סומכוס

---

האט געזאגט ער וועט האקערין אין א טאהל (וחרש בהר) אונ ער האט געהאקערט אויף א באַרג (אם נשבר הקנקן חייב) אויב דער אייזין וואס גראבט אין דיא ערד איז צוא בראכין געווארען . דארף ראובן בצאהלין . ווייל אויף א באַרג איז שווערער צוא גראבין וויא אין א טאהל . אונ ער האט דאך געענדערט (לדוש בקטניות) ראובן האט געדונגען א בהמה ביי שמעון זי זאל דרעשין ארבעס (ודש בתבואה) אונ ער האט מיט איר גידראשין תבואה . ווייץ . קארין׳ אונ דיא בהמה האט זיך אויס געגליטשט אונ צוא בראכין אפוס אדער איין אנדער שאדין (פטור) דארף ניט ראובן בצאהלין . ווארום אויף ארבעס קען מען זיך מעהר אויס גליטשען (לדוש בתבואה) אבער אז ראובן האט געזאגט ער וועט דרעשין מיט דיא בהמה תבואה (ודש בקטניות) אונ ער האט גידראשין מיט דיא בהמה ארבעס . אונ דיא בהמה האט זיך אויס געגליטשט אונ צוא בראכין אפוס אדער איין אנדער שאדין (חייב) דארף ראובן בצאהלין (מפני שהקטניות מחלקת) ווייל אויף ארבעס קען זיך א בהמה אויס גליטשען . אונ אויף תבואה ניט . אונ ער האט דאך געענדערט : ה (השוכר את החמור) ראובן האט גידונגען ביי שמעון אאייזיל (להביא עליה חטין) ער זאל אויף איר ברייננגען ווייץ ואלתך . דאס איז פופצעהן סאה (והביא עליה שעורים) אונ ער האט גיבראכט אויף איר גערשטין . אלתך מיט דרייא קבין . אפילו דיא וואג איז דיא זעלביגע . גערשטין אלתך מיט דרייא קבין . וועגט אזוי פיל וויא ווייץ אלתך . ווייל גערשטין איז גרינגער . פון דעסטוועגין אויב דער אייזיל האט זיך גיטאהן א שאדין (חייב) דארף ראובן בצאהלין (תבואה) אדער ראובן האט גידונגען אאייזיל ער זאל אויף איר ברייננגען תבואה (והביא עליה תבן) אונ ער האט אויף איר גיבראכט שטרוי . אונ דער אייזיל האט זיך גיטאהן א שאדין (חייב) דארף ראובן בצאהלין (מפני שהנפח קשה כמשאוי) ווייל דיא גרייס פון דעם לתך גערשטין איז אזוי וויא דיא גרייס פון דעם לתך ווייץ . אפילו אין דיא וואג וועגט דער לתך גערשטין ווייניגער ווי דער לתך ווייץ . פון דעסטוועגין ביא דעם אייזיל איז דאס דיא זעלביגע שווערקייט וויא ווייץ . ווייל דער „נפח" דאס אויף גיבלאזין פון דיא משא איז אזוי שווער וויא דיא משא . אונ ער האט דאך ארויף גילייגט אויף דעם אייזיל דרייא קבין מער וויא אלתך . דריבער איז ער חייב . ווארום ער האט גיזאגט ער וועט נאר ארויף לייגין אלתך . האט ער דאך געענדערט (להביא לתך חטים) אויב ראובן האט גיזאגט ער וועט ברייננגען אויף דעם אייזיל אלתך ווייץ (והביא לתך שעורים) אונ ער האט גיבראכט אלתך גערשטין . אונ דער אייזיל האט זיך גיטאהן א שאדין (פטור) איז ראובן פטור צוא בצאהלין . ווייל ער האט גיזאגט אלתך אונ האט גיבראכט אלתך (ואם הוסיף

על

סומכוס אומר וכו'. והל' כסומכוס. ואם הוסיף הרי הוא משא ואילך שומר חנם: שמור לי פחות משעור זה פטור אם הוזק החמור. ואשמור לך. שמור לי היום. ואשמור לך ונותן שכר התוספת בלבד: ו כל האומנין. למחר. אבל שמור לי אתה זה ואני שומר קבלנים שמקבלים עליהם לעשות מלאכה זה האחר במקומו והכל בזמן אחד זו שמירה בבתיהם: שומרי שכר. להתחייב בגניבה ואבדה. דההיא הנאה דתפס ליה אאגרא הוי עליה שומר שכר: וכולן שאמרו טול את שלך. שכבר גמרתיו ואיני מעכבו לתפסו על שכרי. ומאחר שהוליכו הביא מעות.

משאו חייב. וכמה יוסיף על משאו ויהא חייב. סומכוס אומר משום ר"מ סאה לגמל. שלשה קבין לחמור: ו כל האומנין שומרי שכר הן. וכולן שאמרו טול את שלך והבא מעות שומר חנם. שמור לי ואשמור לך שומר ש"ר. שמור לי ואמר לו הנח לפני ש"ח: ז הלוהו על המשכון שומר שכר.

בבעלים היא ופטור: הנח לפני שומר חנם. אבל הנח לפניך או הנח סתם. אפי' שומר חנם לא הוי. דלא קביל עליה נטירותא כלל: ז הלוהו. מעות: על המשכון שומר שכר. בין הלוהו ואח"כ משכנו בין משכנו

---

על משאו) אויב ער האט פאר גרעסערט דיא משא. אונ דער אייזיל האט זיך גיטאהן אשאדין (חייב) דארף ער בצאהלין (וכמה יוסיף על משאו ויהא חייב) וויא פיל זאל ער פאר גרעסערין דיא משא אונ ער זאל חייב זיין (סומכוס אומר משום רבי מאיר) סומכוס זאגט פון רבי מאירס וועגין (סאה לגמל) ביא אקעמיל אז ער לייגט אויף אים ארויף אסאה מעהר וויא ער קען פאר טראגין (שלשה קבין לחמור) אונ ביא אאייזיל אז ער לייגט אויף אים ארויף דרייא קבין מעהר וויא ער קען פאר טראגין. אונ דער קעמיל אדער דער אייזיל האבין זיך גיטאהן אשאדין. דארף ער בצאהלין: ו (כל האומנין שומרי שכר הן) אלע בעלי מלאכות וואס נעמען דיא ארבעט צוא זיך אהיים למשל אשניידער. ער נעמט דיא סחורה פון בעל הבית צוא זיך אהיים ער זאל מאכין אקאפאטע. הייסט ער אשומר שכר. ער נעמט גיצאהלט פאר דעם היטונג פון דיא סחורה. אז דיא ס' ורה ווערט גיגנבת אדער פארלארין מוז ער בצאהלין. פאר דער הנאה וואס ער האט אז ער נעמט צוא זיך דיא סחורה איז ער זיכער מיט זיין ארבעט געלט. ער וועט ניט ארויס געבין דעם מלבוש ביז מען וועט אים בצאהלין זיין ארבעט געלט. דריבער פאר שולדיגט ער זיך צוא היטען דיא סחורה (וכולן שאמרו טול את שלך והבא מעות) אונ דיא אלע ארבעטער אז זייא האבין גיזאגט צום בעל הבית נעם דיין מלבוש ער איז שוין פארטיג. אונ איך וויל אים ניט פאר האלטין פאר מיין ארבעט געלט. אז דוא וועסט אים נעמען אהיים. דער נאך וועסטו מיר ברייגגען מיין ארבעט געלט (שומר חנם) פון דער צייט הייסט שוין דער ארבעטער אויף דעם מלבוש אשומר חנם. ער היט אומזיסט. אז דער מלבוש ווערט גיגנבת אדער פאר לארין. דארף ער ניט בצאהלין (שמור לי ואשמור לך) ראובן זאגט צוא שמעון היט דוא היינט מיין זאך וועל איך מארגין היטען דיין זאך (שומר שכר) ראובן איז אשומר שכר ווען ער היט דיא זאך פון שמעון. אונ שמעון איז אשומר שכר ווען ער היט דיא זאך פון ראובן (שמור לי) ראובן זאגט צוא שמעון היט דיא זאך מיינע (ואמר לו) זאגט שמעון צוא ראובן (הנח לפני) לייג אנידער פאר מיר (שומר חנם) איז שמעון גיווארין אשומר חנם. אז ער גייט אוועק פון דיא זאך אונ היט זיא ניט ודאס הייסט פשיעה) אונ דיא זאך ווערט גיגנבת אדער פארלארין מוז ער בצאהלין. אבער אז שמעון האט גיזאגט לייג אנידער. אונ האט ניט גיזאגט פאר מיר. איז ער קיין שומר חנם אויך ניט: ז (הלוהו

ואת"כ הלוהו ומאי שכר מלוה:הלוהו מעו' שומר חנם. דלית ליה לר' יהודה שכר מלוה לענין דינא: הלוהו פירות שומר שכר. שלך פירות להרקיב ואין הלכה כר' יהודה: מותר לאדם להשכיר לאחרים: משכונו של עני. שבידו: להיות פוסק עליו. שכר והולך תמיד ופוחת מן החוב ודוקא במשכון דנפיש אגריה וזוטר פחתיה כגון מרא וקרדו' וכיוצא בהן וכן הלכה: ח בין שומר חנם בין שומר שכר ישבע. קא סלקא [דעתיה] ישבע שלא פשע ויפטר: ר' אליעזר אומר זה וזה ישבע וכו'. כלומר אף אני שמעתי מרבותי כר"מ דזה וזה ישבע אבל תמה אני על זה ועל זה היאך נפטרין בשבועה דשומר שכר היאך פטור

רבי יהודה אומר הלוהו מעות שומר חנם. הלוהו פירות שומר שכר. אבא שאול אומר. מותר אדם להשכיר משכונו של עני להיות פוסק (עליו) והולך. מפני שהוא כמשיב אבדה:

ח המעביר חבית ממקום למקום ושברה בין שומר חנם בין שומר שכר ישבע. ר' אליעזר אומר זה וזה ישבע. ותמה אני אם יכולין זה וזה לישבע:

פרק ז **השוכר** את הפועלים

בשבועה דלא פשע. הא בלא פשיעה נמי חייב. שאין זה אונס אלא דומיא דגניבה ואבדה. שהן קרובים לפשיעה ולאונס ועוד אי שלא במקום מדרון נשברה אפי' שומר חנם היכי מצי משתבע שלא פשע הא ודאי פשיעה היא ור"מ סבר שבועה זו לא מן הדין היא. אלא תקנת חכמים היא. שאם אי אתה פוטר המעביר חבית ממקום למקום מן התשלומין ע"י שבועה זו אין לך אדם שיעביר חבית לחבירו ממקום למקום לפיכך תקנו שישבע שלא בכונה שברתיה ויפטר:

פרק ז **השוכר** את הפועלים כו'. אינו

---

על המשכון שומר שכר) ראובן האט פארבארגט געלט צוא שמעון אויף א משכון. איז ראובן א שומר שכר. אז דער משכון ווערט גיגנבת אדער פארלארין מוז ראובן בצאהלין. רבי יהודה זאגט (הלוהו מעות שומר חנם) אז ראובן האט פארבארגט געלט צוא שמעון אויף א משכון. איז ראובן א שומר חנם (הלוהו פירות) אז ראובן האט פאר בארגט צו שמעון פירות אויף דעם משכון (שומר שכר) איז ראובן א שומר שכר. אבא שאול זאגט (מותר אדם להשכיר משכונו של עני להיות פוסק עליו והולך) א מענטש מעג פארדינגען דעם משכון פון א ארעם מאן. אונ דיא שכירות וואס ער וועט נעמען זאל ער אפ רעכענען פון חוב. אונ אז דער חוב וועט זיין בצאהלט וועט ער דעם ארעם מאן צוריק געבין דעם משכון אומזיסט (מפני שהוא כמשיב אבדה) ווייל עס איז גלייך וויא ער וואלט אוועק געבין דעם ארעם מאן א פארלארענע זאך. ווארום דער ארעם מאן האט גירעכינט אז זיין משכון וועט זיין פארלארין ער וועט אים ניט קענען אויסלייזין: ח (המעביר חבית ממקום למקום) ראובן האט גיטראגין א פאס פון איין ארט ער זאל זיא שטעלין אויף איין אנדער ארט. אונ דיא פאס גיהער צוא שמעון (ושברה) אונ ראובן האט דיא פאס צוא בראכין (בין שומר חנם בין שומר שכר) סייא ראובן האט גיטראגין דיא פאס אומזיסט. אונ סייא שמעון בצאהלט אים פאר דעם טראגין (ישבע) זאל ראובן שווערין אז ער האט ניט צוא בראכין מיט זיין ווילען. דארף ער ניט בצאהלין (רבי אליעזר אומר זה וזה ישבע) רבי אליעזר זאגט איך האב אויך גיהערט פון מיין רבי אז ביידע (א שומר חנם אונ א שומר שכר) דארפין שווערין. אונ דארפין ניט בצאהלין (ותמה אני אם יכולין זה וזה לישבע) אונ איך וואנדער מיך אויב ביידע קענען פטור זיין פון בצאהלין דורך א שבועה:

פרק ז א (השוכר את הפועלים) איינער האט גידונגען ארבעטער. אונ ווען ער האט זייא

אינו רשאי לכופן. ואף ע"ג דטפא להו אאגרייהו משאר פועלים . לא מצי אמר להו האי דטפאי לכו אאגרייכו אדעתא דמקדמיתו ומחשכיתו בהדאי. דאמרי ליה האי דטפאת לן אדעתא דעבדיק לך עבידתא שפירתא: במתיקה . לפתן: הכל כמנהג המדינה. הכל לאתויי דוכתי דנהיגי פועלים למיכל ולמשתי בצפרא בביתו של בעל הבית קודם שיצאו למלאכתם דהוי אמר להו בעל הבית קדימו לעבידתייהו בהדה . ואביא להו מאכלהם הם אמרו ליה לא אלא נאכל בבית קודם שנצא השדה כמנהג המדינה: מעשה ברבי יוחנן בן מתיא . בגמרא מפרש דחסורי מחסרא והכי קתני . ואם פסק להם מזונות. מזונות רבה להם כלומר כיון דלא הוה צריך לאתויי שהרי ממנהג המדינה היו אוכלים . ואתני בהדייהו ליתן להם מזונות מזוני יתירי קאמר . ומעשה נמי בר"י וכו' : בשעתו .

ואמר להם להשכים ולהעריב מקום שנהגו שלא להשכים ושלא להעריב . אינו רשאי לכופן . מקום שנהגו לזון יזון. לספק במתיקה יספק. הכל כמנהג המדינה . מעשה ברבי יוחנן בן מתיא שאמר לבנו צא שכור לנו פועלים. הלך ופסק להם מזונות. וכשבא אצל אביו א"ל בני אפי' אתה עושה להם כסעודת שלמה בשעתו

נידונגען האט ער גאר ניט גירעט מיט זייא ווען זייא זאלען קומען צו דיא ארבעט (ואמר להם להשכים ולהעריב) דער נאך זאגט ער צוא דיא ארבעטער זייא זאלען קומען צוא דיא ארבעט גאנץ פריה אונ זאלין אוועק גיין פון דיא ארבעט גאנץ שפעט (מקום שנהגו שלא להשכים ושלא להעריב) אויב אויף דעם ארט איז דער מנהג ארבעטער קומען ניט פריא צוא דיא ארבעט אונ ארבעטין ניט ביז שפעט (אינו רשאי לכופן) קען ער זייא ניט גייטין זייא זאלין קומען פריא אונ אוועק גיין שפעט (מקום שנהגו לזון יזון) ווא דער מנהג איז דער בעל הבית זאל געבין דיא ארבעטער עסין . מוז ער זייא אויך געבין . געבין (לספק במתיקה יספק) ווא דער מנהג איז דער בעל הבית זאל געבין דיא ארבעטער זיסע שפייז צום ברויט . מוז ער זייא אויך געבין זיסע שפייז צום ברויט (הכל כמנהג המדינה) אלץ זאל זיין ווייא דער מנהג איז אין דיא מדינה . אויב דער מנהג איז אז דיא ארבעטער עסין אן דער פריא איידער זייא גייען צו דיא ארבעט . ביי דעם בעל הבית אין שטוב . זאלען דיא ארבעטער אויך אזוי טאהן . אונ דער בעל הבית קען ניט זאגין צוא זייא גייט ארבעטין אונ מען וועט אייך בריינגען עסין צו דיא ארבעט . נאר זייא עסין פריער ביי דעם בעל הבית אין שטוב . דער נאך גייען זייא צוא דיא ארבעט . אונ אויב דער בעל הבית האט גיזאגט צוא דיא ארבעטער ווען ער האט זייא נידונגען . איך וועל אייך געבין עסין אויך . צוא וואס האט ער בדארפט זאגין ער וועט זייא געבין עסין . אלע ארבעטער גיט דאך דער בעל הבית עסין . געווים האט ער גימיינט ער וועט זייא געבין בעסערע עסין ווייא מען גיט אלע ארבעטער . מוז ער זייא געבין בעסערע עסין (מעשה ברבי יוחנן בן מתיא שאמר לבנו צא שכור לנו פועלים) עס האט גיטראפען אמאהל אז רבי יוחנן בן מתיא האט גיזאגט צוא זיין זוהן גייא דינג ארבעטער פון אונזערט וועגין (הלך ופסק להם מזונות) איז ער גיגאנגען אונ האט זייא צוא גיזאגט צוא געבין עסין . דארף מען דאך זייא געבין בעסערע עסין ווייא מען גיט אנדערע ארבעטער (כשבא אצל אביו) אז ער איז גיקומען צום פאטער (אמר ליה) האט דער פאטער צוא אים גיזאגט (בני) מיין זוהן (אפילו אתה עושה להם כסעודת שלמה בשעתו) אפילו דוא וועסט מאכען פון זייערט וועגין אזו אסעודה ווייא שלמה המלך פלעגט

לא יצאת ידי חובתך עמהן. שהן בני אברהם יצחק ויעקב. אלא עד שלא יתחילו במלאכה צא ואמור להם ע״מ שאין לכם עלי אלא פת וקטנית בלבד. רבן שמעון בן גמליאל אומר לא היה צריך לומר הכל כמנהג המדינה:

ב ואלו אוכלין מן התורה. העושה במחובר לקרקע בשעת גמר מלאכה. ובתלוש מן הקרקע עד שלא נגמרה מלאכתו בדבר שגדולו מן הארץ. ואלו שאין אוכלין. העושה במחובר לקרקע בשעה שאין גמר מלאכה.

...עת מלכותו דמלך וסליוע סיה: שהם בני אברהם יצחק ויעקב. וסעודתו של אברהם גדולה משל שלמה דאילו אברהם שלשה פרים לשלשה אנשים. ובסעודת שלמה יהודה וישראל רבים כחול אשר על ספת הים: עד שלא יתחילו במלאכה. דאין כאן אלא דברים. דאילו משיתחילו לא תוכל לחזור: רבן שמעון בן גמליאל אומר וכו׳. והלכה כר״ש בן גמליאל: ב ואלו. פועלים: אוכלים מן התורה. בשעה שעוסקין בו: גמר מלאכה.

כשתולשין אותו דכתיב (דברים כג) ואל כליך לא תתן בשעה שאתה נותן לכליו של בעל הבית אתה אוכל דהיינו כשתולשין אותו: ובתלוש מן הקרקע. אם מתעסק בדבר התלוש אוכל באותו דבר: עד שלא נגמרה מלאכתו. למעשר. אם הוא דבר מעשר. או עד שלא נגמרה מלאכתו לחלה. אם הוא דבר חלה. דאמר קרא (שם כה) לא תחסום שור בדישו. ומדלא קאמר לא תדוש בחסימה. שמע מינה לאקושי חוסם לנחסם ונחסם לחוסם. מה

---

זאָגען אין דער צייט וואס ער איז געוועזען אמלך (לא יצאת ידי חובתך עמהם) האסטו נאך זייא ניט בצאהלט דעם חוב. ווארום דו דארפסט זייא געבין גוט עסין (שהן בני אברהם יצחק ויעקב) ווארום זייא זעגין דיא קינדער פון אברהם יצחק און יעקב. זייערע סעודות זענען געוועזען גרעסערע וויא דיא סעודות פון שלמה המלך (אלא עד שלא יתחילו במלאכה) נאר איידער זייא וועלין אן הייבען ארבעטין (צא ואמור להן) גייא זאג זייא (על מנת שאין לכם עלי אלא פת וקטנית בלבד) איר זאלט גיין ארבעטין אויף דעם תנאי אז איר האט ניט ביי מיר צוא מאנען נאר ברויט מיט ארבעס. רבן שמעון בן גמליאל זאגט (לא היה צריך לומר ער דארף גאר ניט גיין זאגין זייא וואס ער וועט זייא געבין עסין (הכל כמנהג המדינה) ער דארף זייא גאר געבין עסין וויא דער מנהג איז אין דיא מדינה. וואס מען גיט אלע ארבעטער צום עסין: ב (ואלו אוכלין מן התורה) אויף דיא ארבעטער דאט דיא תורה גיזאגט זייא מעגין עסין פון דיא זאך וואס זייא ארבעטין (העושה במחובר לקרקע בשעת גמר מלאכה) אז ער ארבעט ביי אזוי אזאך וואס איז בהעפט צוא דיא ערד. און דיא פירות זענען שוין צייטיג מען קען זייא שוין אפ רייסען. דהיינו מען האט אים גידונגען ער זאל אפ רייסען פירות פון אבוים. ווען ער רייסט דיא פירות מעג ער עסין פון זייא וויא פיל ער וויל (ובתלוש מן הקרקע עד שלא נגמרה מלאכתו) און אויב ער ארבעט ביי אזוי אזאך וואס איז אפ געריסען פון דיא ערד. איידער דיא זאך איז פערטיג גיווארען צוא געבין דר פון מעשר אדער צוא געבין דער פון חלה און מיט זיין ארבעט וועט שוין פערטיג ווערין צוא געבין דער פון מעשר אדער חלה מעג דער ארבעטער עסין פון דיא זאך (בדבר שגדולו מן הארץ) אויב ער ארבעט ביי אזוי אזאך וואס וואקסט פון דיא ערד. מעג ער עסין פון דיא זאך (ואלו שאין אוכלין) און דיא ארבעטער טארין ניט עסין פון זייער ארבעט (העושה במחובר לקרקע בשעה שאין גמר מלאכה) אז ער ארבעט ביי אזוי אזאך וואס איז בהעפט צוא דיא ערד. און ער רייסט זיא ניט אפ פון דיא ערד ווייל זייא זענען נאך ניט

ובתלוש מן הקרקע מאחר שנגמרה מלאכתו ובדבר שאין גדולו מן הארץ: ג היה עושה בידיו אבל לא ברגליו. ברגליו אבל לא בידיו. אפי׳ בכתפו הרי זה אוכל. רבי יוסי בר״י אומר עד שיעשה בידיו וברגליו: ד היה עושה בתאנים לא יאכל בענבים. בענבים לא יאכל בתאנים. אבל מונע את עצמו עד שמגיע למקום היפות ואוכל. וכולן לא אמרו אלא בשעת מלאכה. אבל משום השב אבדה לבעלים אמרו פועלים אוכלין בהליכתן מאומן לאומן. ובחזרתן

נחסם שהוא שור אוכל בתלוש כשעושה בו מלאכ׳. כדאוסם שהוא אדם אוכל בתלוש כשעוש׳ בו מלאכה. ומה חוסם וכו׳. ומה דיש מיוחד. דבר שהוא גדולי קרקע. ולא נגמרה מלאכתו למעשר. ובשעת גמר מלאכה פועל אוכל בו. אף כל דבר שהוא גדולי קרקע ולא נגמר׳ מלאכתו למעשר. כשהוא בשעת גמר מלאכה פועל אוכל בו. יצא החולב. והמחבץ. והמגבן. שאינו גדולי קרקע. ויצא המבדיל בתמרים ובגרוגרות המחוברים יחד שנגמרה מלאכתן למעשר. ויצא המנכש בשומי׳ ובבצלי׳ שמסיר הקטנים שאינן גדלים לעולם מבין האחרים להרחיב מקום לגדולים שאין זו שעת גמר מלאכה. שכל אלו וכיוצא בהן אין פועל אוכל בהן: ג עד שיעשה בידיו וברגליו. מה שור בידיו וברגליו אף פועל בידיו וברגליו דהא אתקש חוסם לנחסם. ואין הלכה כר״י ברבי יהודה: ד מפני השב אבדה לבעלים. שלא יבטל ממלאכתו ויאכל: אמרו פועלים אוכלים בהליכתן מאומן לאומן. כשגמרו שורה זו והולכים להתחיל בחברת׳. ואע״ג דהשתא לאו שעת מלאכה היא ניחא ליה

---

צייטיג (ובתלוש מן הקרקע מאחר שנגמרה מלאכתו) אדער ער ארבעט ביי אזוי אזאך וואס איז אפ געריסען פון דיא ערד. אונ דיא זאך איז שוין אין גאנצין פארטיג מען דארף שוין געבין דער פון מעשר (ובדבר שאין גדולו מן הארץ) אדער ער ארבעט בייא אזוי אזאך וואס וואקסט ניט פון ד א ערד. ער מאכט קעז אדער פוטער אדער ער מעלקט בהמות. פון דיא אלע זאכען. טאר ניט דער ארבעטער עסין: ג (היה עושה בידיו אבל לא ברגליו) אז דער ארבעטער האט גיארבעט מיט דיא הענט אונ ניט מיט דיא פים (ברגליו אבל לא בידיו) אדער ער האט גיארבעט מיט דיא פים אונ ניט מיט דיא הענט (אפילו בכתפו) אפילו ער האט גיארבעט מיט זיין אקסיל ער האט גיטראגין פירות אויף זיין אקסיל (הרי זה אוכל) מעג ער עסין פון דיא זאך וואס ער האט גיארבעט. רבי יוסי ברבי יהודה זאגט ער טאר אנדערש ניט עסין (עד שיעשה בידיו וברגליו) ביז ער זאל ארבעטין בייא דיא פירות מיט דיא הענט אונ דיא פים: ד (היה עושה בתאנים) אז ער האט גיארבעט בייא פייגין (לא יאכל בענבים) טאר ער ניט עסין קיין וויינטרויבין (בענבים) אז ער האט גיארבעט ביי וויינטרויבין (לא יאכל בתאנים) טאר ער ניט עסין קיין פייגין (אבל מונע את עצמו עד שמגיע למקום היפות ואוכל) אבער אז ער ארבעט ביי שלעכטע פירות מעג ער זיך אויף האלטען אונ ניט עסין פון זייא. ביז ער וועט קומען צוא דיא גוטע פירות. פון דעם זעלביגען מין אדער פון זיין אנדער מין (וכולן לא אמרו אלא בשעת מלאכה) אויף דיא אלע ארבעטער וואס מען האט גיזאגט אז זייא מעגין עסין. נאר ווען זייא ארבעטין. ער ארבעט אונ עסט. אבער ווען ער שטעלט אוועק דיא ארבעט. טאר ער ניט עסין (אבל משום השב אבדה לבעלים) אבער אוועק צוא געבין דעם בעל הבית זיין פאר לארענע זאך. דאס מיינט מען אז דער ארבעטער וועט עסין ווען ער ארבעט. וועט ער דער וויל ניט ארבעטין. וועט דאך דער בעל הבית שאדין האבין (אמרו פועלים אוכלין בהליכתן מאומן לאומן) האט מען גיזאגט אז דיא

ארבעטער

ובחזירתן מן הגת. ובחמור כשהיא פורקת: ה אוכל פועל קישות אפילו בדינר. וכותבת אפילו בדינר. ר"א בן חסמא אומר לא יאכל פועל יתר על שכרו. וחכמים מתירין. אבל מלמדין את האדם שלא יהא רעבתן ויהא סותם את הפתח בפניו: ו קוצץ אדם על ידי עצמו. על ידי בנו ובתו הגדולים. על ידי עבדו ושפחתו הגדולים. על ידי אשתו מפני שיש בהן דעת. אבל אינו קוצץ על ידי בנו ובתו הקטנים. ולא על ידי עבדו ושפחתו הקטנים. ולא ע"י בהמתו מפני שאין בהם דעת:

לבעל הבית בסא: וחמור כשהיא פורקת. בהליכתה אוכלת ממה שיש על גבה עד שתסתא פורקת: ה אפי' בדינר. אפי' הוא שוה דינר: לא יאכל פועל יותר על שכרו. דאמר קרא כנפשך כשכירתו. שעליו הוא מוסר את נפשו לעלות בכבש ולתלות באילן: מלמדין. אומרי' לו דרך עלה הוגנת ותנא קמא פליג אחכמים ואמר אין מלמדים. והלכה כחכמים: ויהא סותם את הפתח. שימנעו מלשכרו: ו קוצץ. לטול מעות. ולא יאכל: על ידי עצמו. בשביל עצמו: מפני שיש בהם דעת. וידעי וקא מחלי

---

ארבעטער מעגן עסן ווען זיי גייען פון איין זאנאן צום אנדערן זאנאן ווען זיי האבן אפגעשניטען די תבואה פון דעם זאנאן. און גייען אנהייבן שניידן איין אנדער זאנאן. זיי גייען סיי ווי ליידיג זאלין זיי דער ווייל עסן (ובחזירתן מן הגת) און ווען זיי גייען צוריק פון קעלטער (ובחמור כשהיא פורקת) און אאייזיל עסט פון די פירות וואס ליגט אויף איס. ביז מען נעמט זיי אראפ פון איס: ה (אוכל פועל קישות אפילו בדינר) דער ארבעטער וואס ארבעט ביי פלוצערין מעג ער עסן אפילו אפלוצער וואס איז ווערט אגילדין (וכותבת אפילו בדינר) און אז ער ארבעט ביי טייטלען מעג ער עסן אפילו אטייטל וואס איז ווערט אגילדין. רבי אליעזר בן חסמא זאגט (לא יאכל פועל יתר על שכרו) אארבעטער זאל ניט עסן פון די זאך וואס ער ארבעט מער ווי זיינע שכירות איז. אויב זיינע שכירות איז למשל צוויא גילדין אטאג. זאל ער יעדין טאג ניט עסן מער ווי פאר צוויא גילדין (וחכמים מתירין) און די חכמים זאגין ער מעג עסן וויא פיל ער וויל (אבל מלמדין את האדם שלא יהא רעבתן ויהא סותם את הפתח בפניו) נאר מען לערינט דעם מענטשין ודעם ארבעטער ער זאל ניט זיין קיין פרעסער. ווארום ער וועט פאר מאכין די טיר זיינע. דאס מיינט מען קיינער וועט אים ניט וועלין דינגען צוא די ארבעט: ו (קוצץ אדם על ידי עצמו) אמענטש (אארבעטער) מעג אום ריידין מיט דעם בעל הבית ער זאל אים צאהלין מער געלט פאר די ארבעט און ער זאל ניט עסן פון די פירות. פאר זיך מעג ער אזוי אוים ריידין (על ידי בנו ובתו הגדולים) און פאר זיין זוהן און פאר זיין טאכטער וואס זענען שוין גרויסע (על ידי עבדו ושפחתו הגדולים) און פאר זיין קנעכט און פאר זיין דינסט וואס זענען גרויסע (על ידי אשתו) און פאר זיין ווייב (מפני שיש בהן דעת) ווייל זיי האבין שכל פארשטייען זיי מוחל צוא זיין דאס עסן פאר די שכירות (אבל אינו קוצץ על ידי בנו ובתו הקטנים) אז ער פאר דינגט זיין קליינעם זוהן אדער זיינע קליינע טאכטער צוא די ארבעט (ולא על ידי עבדו ושפחתו הקטנים) אדער ער פאר דינגט זיין קליינעם קנעכט אדער זיין קליינע דינסט צוא די ארבעט (ולא ידי בהמתו) אדער ער פאר דינגט זיינע אבהמה צוא די ארבעט. ביי די אלע טאר ער גיט אוים ריידין מער שכירות און זיי זאלין ניט עסן פון די ארבעט (מפני שאין בהן דעת) ווייל זיי האבין ניט קיין שכל מוחל צוא זיין. זייער עסן וואס עם קומט זיי פון די תורה

ז השוכר את הפועלים לעשות בנטע רבעי שלו. הרי אלו לא יאכלו. אם לא הודיען פודה ומאכילן. נתפרסו עיגוליו. נתפתחו חביותיו הרי אלו לא יאכלו. אם לא הודיען מעשר ומאכילן:

ח שומרי פירות אוכלין מהלכות

מחלי: ז נטע רבעי. פירות של אילן בשנה הרביעית. שאין נאכלין אלא בירושלים. או פודה אותן ומעלה הדמים לירושלים: נתפרסו עגוליו. עגולי דבלה שנתפרדו ושכר פועלים לחברן. או חביות שנפתחו ושכר פועלים לסתמן: הרי אלו לא יאכלו. שכבר נגמר מלאכתם ונוקבעו למעשר. והרי הן טבל:

ח שומרי פירות׳. שומרי גנות ועריסות ופירות תלושים אבל שומרי גנות ופרדסים אין אוכלים לא מהלכות מדינה ולא מן התורה · דשומר לאו כעושה מעשה דמי: מהלכות מדי׳ שכבר

דיא תורה האט געהייסן זייא זאלין יא עסין : ז (השוכר את הפועלים לעשות בנטע רבעי שלו) אז איינער האט געדונגען ארבעטער זייא זאלין אראפ נעמען פירות פון דעם בוים. אונ ער האט זייא געזאגט אז דער בוים וואקסט איצט פירות דעם פערטין יאהר. וואס מען מוז פירען דיא פירות אין ירושלים. אדער זייא אויס טאהשין אויף געלט (הרי אלו לא יאכלו) טארין זייא ניט עסין קיין פירות ווייל זייא האבין דאך געוואוסט אז דיא פירות טאר מען ניט עסין. ווענען זייא געגאנגען ארבעטין אויף דער דעה ניט צוא עסין קיין פירות (אם לא הודיען) אז ער האט זייא ניט געזאגט אז דיא פירות טאר מען ניט עסין (פודה ומאכילן) מוז ער אויסלייזין דיא פירות אויף געלט. זייא זאלין קענען עסין דיא פירות (נתפרסו עגוליו) ער האט געהאט געפרעסטע פייגין קיילעכדיגע שטיקער. אונ זייא זענען צוא בראכין געווארין. האט ער געדונגען ארבעטער מען זאל דאס צוריק צוא זאמען קלעבין (נתפתחו חביותיו) זיינע פעסער ווין זענען געעפונט געווארין. האט ער געדונגען ארבעטער זייא זאלין צוריק פאר מאכין דיא פעסער (הרי אלו לא יאכלו) טארין זייא ניט עסין פון דיא פייגין אונ ניט טרינקען פון דיא ווין. ווייל דיא פייגין אונ דיא ווין זענען שוין לאנג פערטיג געוועזן צוא געבין פון זייא מעשר. טאר מען דאך ניט עסין אומגימעשרת. אונ זייא האבין דאך געוואוסט אז זייא וועלין ניט קענען עסין דיא פייגין אונ ניט טרינקען דיא ווין. האבין זייא זיך פארדונגען אויף ניט צוא עסין פון דיא פייגין אונ ניט צוא טרינקען פון דיא ווין (אם לא הודיען) אויב ער האט זייא ניט געזאגט אז דיא פייגין זענען געוועזן אמאהל געפרעסט גאר זייא זענען צוא בראכין געווארין. אדער דיא פעסער זענען שוין געוועזן אמאהל פאר מאכט גאר זייא האבין זיך ניט לאנג געעפינט. אונ זייא האבין געמיינט מען פרעסט איצט דיא פייגין דאס ערשטע מאהל. אונ מען פאר מאכט איצט דיא פעסער דאס ערשטע מאהל. האבין זייא זיך דאך פארדונגען אז זייא זאלין עסין פייגין אונ טרינקען ווין (מעשר ומאכילן) מוז דער בעל הבית געבין מעשר פון דיא פייגין אונ פון די ווין די ארבעטער זאלין מעגין עסין פון דיא פייגין אונ טרינקען פון דיא ווין : ח (שומרי פירות) דיא וואס היטען פארטיגע פירות זייא זאלין ניט גיגנבעט ווערין (אוכלין מהלכות מדינה אבל לא מן התורה) מעגין זייא עסין פון דיא פירות וואס זייא היטען. אבער נאר ווייל אין דיא מדינה איז אזוי דער מנהג אז דער שומר זאל עסין פון דיא פירות וואס ער היט. אבער ניט דיא תורה האט אזוי געהייסן. דיא תורה האט נאר געהייסן אז ארבעטער זאל עסין. אבער אשומר הייסט ניט קיין ארבעטער. אויב עס איז דא אמדינה וואס דארט איז ניטא דער מנהג אשומר זאל עסין

שכבר נהגו כן: נשבע על הכל. על כל תלמוד לומר אם גנוב יגנב מכל מקום - שמאורעות הכתובות בשאר שומרים לחיוב ועוד קל וחומר ומה גנבה שקרובה לאונס שבע שכך עלתה לו ופ ור: משלם את הכל. חייב. אבדה שקרובה לפשיעה לכ״ש. ושוכר גנבה ואבדה ואונסים: נושא שכר וכו׳. כולהו כיון שאין כל הנאה שלו דינו כשומר שכר.

מדינה. אבל לא מן התורה. ארבעה שומרין הן. שומר חנם והשואל. נושא שכר והשוכר. שומר חנם נשבע על הכל. והשואל משלם את הכל. ונושא שכר והשוכר. נשבעים על השבורה. ועל השבויה. ועל המתה. ומשלמין את האבידה. ואת הגנבה: **ט** זאב אחד אינו אונס שני זאבים אונס. רבי יהודה אומר בשעת משלחת זאבים אף זאב אחד אונס. שני כלבים אינו אונס ידוע הבבלי (אומר) משום רבי מאיר

נפקא לן מקראי פרשת ואלה המשפטים פרשה ראשונה כי יתן איש אל רעהו וגו׳ נאמרה בשומר חנם. שכן פטור בו גנבה ואבדה. שנית כי יתן איש אל רעהו חמור או שור או שה. נאמרה בשומר שכר. שכן חייב בו גנבה ואבדה. דכתיב בה אם גנב יגנב מעמו ישלם לבעליו. אין לי אלא גנבה. אבדה מנין

והשואל. מפורש בפרשה שלישית. וכי ישאל איש מעם רעהו ונשבר או מת בעליו אין עמו שלם ישלם: **ט** זאב אחד אינו אונס. ונושא שכר ושוכר חייבין עליו דכתיב הטרפה לא ישלם יש טרפה שהוא משלם ויש טרף שאינו משלם: בשעת משלחת זאבים. כשהיא

רעה משולחת קופלת היא על אדם אחד ואין הלכה

---

פון די פירות וואס ער היט. טאר ער גיט עסין (ארבעה שומרין הן) פיר ערלייא היטערס זענען דא (שומר חנם) ער היט אומזיסט (והשואל) ער האט גיבארגט אזאך. מוז ער זיא היטען (נושא שכר) מען האט אים גידונגען ער ז״ל היטען (והשוכר) אונ דער וואס דינגט אזאך צוא זיין ארבעט. מוז ער דיא זאך היטען שומר חנם נשבע על הכל) דער וואס היט אומזיסט אויף אלע סבות וואס עס זאגט ער האט ביא דיא זאך גיטראפין. דארף ער שווערין אויב עס איז אמת וויא ער זאגט. אונ דארף ניט בצאהלין (ועתי״ט) (והשואל משלם את הכל) אונ דער וואס בארגט אזאך וועלכע סבה עס האט בייא דיא זאך גיטראפין דארף ער אלץ בצאהלין (ועתי״ט) (ונושא שכר והשוכר) אשומר שכר אונ אשוכר האבין ביידע איין דין (נשבעים על השבורה ועל השבויה ועל המתה) אויב דער שומר שכר האט געהיט אבהמה אדער דער שוכר האט גידונגען אבהמה. אונ זייא זאגין דיא בהמה האט זיך צוא בראכין אפוס גייענדיג. אדער גזלנים האבין גיפאנגען דיא בהמה. אדער זיא איז גיפיינגערט. דארפין זייא שווערין אז אזוי איז גיוועזן אונ דארפין ניט בצאהלין (ומשלמין את האבדה ואת הגנבה) אונ אויב זייא זאגין די בהמות איז גיגנבת גיווארען אדער פאר לארין גיווארען דארפין זייא בצאהלין: ט (זאב אחד אינו אונס) אויב איין וואלף איז גיקומען אונ האט גיהרגת דיא בהמה. איז דאס ניט קיין סבה. ווארום פון איין וואלף האט מען גיקענט מציל זיין. דארף דער שומר שכר אדער דער שוכר בצאהלין (שני זאבים אונס) אבער אז צווייא וועלף זענין גיקומען. דאס קען מען ניט מציל זיין. רבי יהודה זאגט (בשעת משלחת זאבים) ווען דיא וועלף זענין צוא רייצט (אף זאב אחד אונס) קען מען פון איין וואלף אויך ניט מציל זיין (שני כלבים אינו אונס) צווייא הינט איז ניט קיין אונס. מען קען פון זייא מציל זיין (ידוע הבבלי) זאגט פון רבי מאירס וועגין (מרוח אחת אינו אונס) אויב דיא ביידע הינט זענין גיקומען פון איין זייט. איז ניט קיין

הלכה כר׳ יהודה . ולא כידוע הבבלי : הלסטם. חד לסטים הרי זה אונס : י סגפה. עינה אותה ברעב . או שהושיבה בקיץ בחמה . ובחורף בצנה: עלתה לראשי צוקין . שתקפתו ועלתה לראשי הרים גבוהים :מתנה שומר חנם להיות פטור משבועה. והאי לאו מתנה על מה שכתוב בתורה הוא אלא שאומר לו אי אפשי להיות שומר לך אלא בכך ושומר לא נחית לשמירה עד דמשיך לבהמה . והאי כי משך הכי משך על מנת שאין לו עליו שבועה ולא שעבד נפשיה לירד בתורת שומרין אלא למקצת . ולמה

**מרוח אחת אינו אונס . משתי רוחות אונס . הלסטם הרי זה אונס . הארי והדוב והנמר . והברדלס והנחש הרי זה אונס . אימתי . בזמן שבאו מאליהן . אבל אם הוליכן למקום גדודי חיות ולסטים אינו אונס : י מתה כדרכה הרי זה אונס . סגפה ומתה אינו אונס . עלתה לראשי צוקין ונפלה ומתה הרי זה אונס . העלה לראשי צוקין ונפלה ומתה אינו אונס . מתנה שומר חנם להיות פטור משבועה . והשואל להיות פטור מלשלם . נושא שכר והשוכר להיות**

---

אונס . מען קען פון זיא מציל זיין (משתי רוחות אונס) אויב דיא הינט זענין גיקומען פון צוויא זייטין . איינער פון דעם זייט אונ איינער פון דעם זייט קען מען ניט מציל זיין (הלסטם הרי זה אונס) איין גזלן איז אויך אאונס . מען קען ניט מציל זיין פון אים (הארי והדוב והנמר והברדלס והנחש הרי זה אונס) אלייב אונ אבער אונ אלעמפערט אונ אברדלס אונ אשלאנג . דאס איז אסכנה וואס מען קען פון זיא ניט מציל זיין (אימתי) ווען איז דער שומר שכר אונ דער שוכר פטור אויף דיא אלע זאכען (בזמן שבאו מאליהן) אז דיא אלע זאכען זענין פון זיך אליין גיקומען צוא דיא בהמה (אבל אם הוליכן למקום גדודי חיות ולסטים אינו אונס) אבער אז דער שומר שכר אדער דער שוכר האבין געפירט דיא בהמה אויף דעם ארט ווא חיות אונ גזלנים זענין . איז דאס ניט קיין אונס . דארף מען בצאהלין : י (מתה כדרכה הרי זה אונס) אויב דיא בהמה איז גיפיינגערט וויא דער שטייגער איז . זיא איז קראנק גיווארען אונ גיפיינגערט . דאס איז אאונס אונ מען איז פטור (סגפה ומתה אינו אונס) אז ער האט איר גיפייניגט מיט הונגער אדער מיט אנדערע זאכען . אונ דורך דעם איז זיא גיפיינגערט . איז דאס ניט קיין אונס . דארף מען בצאהלין (עלתה לראשי צוקין ונפלה ומתה הרי זה אונס) אז דיא בהמה איז ארויף גיגאנגען אויף אבארג ודער שומר שכר אדער דער שוכר האבין איר ניט גילאזט ארויף גיין . זיא איז אבער שטארקער גיוועזן אונ איז ארויף גיגאנגען . אונ איז אראפ גיפאלען אונ גיפיינגערט . דאס איז אאונס . איז מען פטור (העלה לראשי צוקין ונפלה ומתה אינו אונס) אז דער שומר שכר אדער דער שוכר האט ארויף גיבראכט דיא בהמה אויף אבארג אונ דיא בהמה איז אראפ גיפאלען אונ גיפיינגערט . דאס איז ניט קיין אונס . דארף מען בצאהלין (עתי״ט) (מתנה שומר חנם להיות פטור משבועה) אשומר חנם מעג אוים נעמין אתנאי מיט דעם בעל הבית . ער וויל אנדערש ניט נעמען דיא זאך צום היטען . סיידין אויב עס וועט טרעפין אאומגליק אויף דער זאך זאל ער ניט דארפין שווערין (בצאהלין גיוויס ניט) נאר ווי ער וועט זאגין זאל מען אים גלויבין (והשואל להיות פטור מלשלם) אונ אשואל מעג אוים נעמין אתנאי מיט דעם בעל הבית . ער וויל אנדערש ניט בארגין דיא זאך . סיידין אויב עס וועט טרעפין אאומגליק אויף דיא זאך זאל ער ניט דארפין בצאהלין (נושא שכר והשוכר להיות פטורין משבועה ומלשלם) אשומר שכר אונ אשוכר מעגין אוים נעמען אתנאי מיט דעם בעל הבית . ער וויל

פטורין משבועה ומלשלם : **יא** כל המתנה על מה שכתוב בתורה תנאו בטל. וכל תנאי שיש מעשה בתחלתו תנאו בטל. וכל שאפשר לו לקיימו בסופו והתנה עליו מתחלתו תנאו קיים :

## פרק ח

**השואל** את הפרה ושאל בעליה עמה. או שכר בעליה עמה. שאל הבעלים או שכרן ולאחר כך שאל את הפרה ומתה

ולמה שירד ירד : **יא** כל המתנה על מה שכתוב בתורה תנאו בטל. כולה מתני' רבי מאיר היא דסבר המתנה על מה שכתוב בתורה אפי' בדבר שבממון תנאו בטל. ואינה הלכ' אלא בדב' שבממון אפי' שהתנה על מה שכתוב בתורה תנאו קיים : כל תנאי שיש בו מעשה מתחלתו. שהקדים מעשה שיש עליו לעשות לתנאי שהוא מבקש ממנו. כגון הרי מעשה זה שלך אם תעשה דבר פלוני דלא דמי לתנאי בני גד ובני ראובן אם יעברו ונתתם היינו תנאי קודם למעשה : תנאו בטל. והוי מעשה קיים. ואע"פ שלא קיים בעל התנאי את התנאי : וכל שאפשר לו לקיימו בסופו. והיה תנאו קודם למעשה : תנאו קיים. אבל אי אפשר לו לקיימו. התנאי בטל והמעשה קיים. שאינו אלא כמפליג בדברים שאין בלבו לשום תנאו אלא להקניטו בעלמא מרחיק ודוחק את חברו בדברים : **השואל** את הפרה ושאל

אנדערש ניט גענומען דיא בהמה אדער איין אנדער זאך צו זיך . סיידין אויב עס וועט טרעפען אאומגליק אויף דיא זאך זאל ער ניט דארפין שווערין אונ ניט בצאהלין : יא (כל המתנה על מה שכתוב בתורה תנאו בטל) דער וואס נעמט אויס אתנאי עס זאל זיין אנדערש וויא אין דיא תורה שטייט איז זיין תנאי גאר נישט . אונ עס בלייבט וויא אין דיא תורה שטייט (וכל תנאי שיש מעשה בתחלתו) אונ יעדער תנאי וואס מען הייבט אן צוא ריידען פריער פון דיא זאך דער נאך פון תנאי . דהיינו ראובן זאגט צוא שמעון איך שיינק דיר די זאך אויב דוא וועסט גיין אויף דעם ארט (תנאו בטל) איז דער תנאי גאר גישט . דיא זאך איז גישיינקט צוא שמעון אפילו שמעון האט ניט גיטאהן וואס ראובן האט פון אים פאר לאנגט (וכל שאפשר לו לקיימו בסופו והתנה עליו מתחלתו תנאו קיים) אונ דער תנאי וואס מען קען אים מקיים זיין אין סוף . אונ ער האט גיזאגט דעם תנאי פריער פאר דיא זאך . איז דער תנאי גוט . דהיינו ראובן זאגט צוא שמעון אויב דוא וועסט גיין אויף דעם ארט וועל איך דיר שיינקען הונדערט גילדין . אונ שמעון קען גיין אויף דעם ארט . איז דער תנאי גוט . אויב שמעון איז גיגאנגען . דארף ראובן אים געבין הונדערט גילדין . אונ אויב שמעון איז ניט גיגאנגען . דארף אים ראובן ניט געבין דיא הונדערט גילדין . אבער אז ראובן זאגט צוא שמעון אזוי אזאך וואס שמעון קען דאס גאר ניט טאהן . אפילו דער תנאי איז פריער . איז אויך דער תנאי בטל אונ דיא מעשה איז גוט . דהיינו ראובן זאגט צוא שמעון אויב דוא וועסט ארויף גיין אויף דעם הימעל וועל איך דיר געבין הונדערט גילדין . דארף ראובן געבין צוא שמעון הונדערט גילדין . אונ שמעון דארף ניט גיין אויף דעם הימעל :

פרק ח א (השואל את הפרה) ראובן האט גיבארגט אקוה פון שמעון צום האקערין מיט איר (ושאל בעליה עמה) אונ ער האט שמעון אויך באלד מיט גיבארגט . ער זאל בייא איהם ארבעטין (או שכר בעליה עמה) אדער ער האט שמעון באלד מיט גידונגען . ער זאל בייא איהם ארבעטין . סייא דיא זעלביגע ארבעט וואס דיא קוה ארבעט סיי איין אנדער ארבעט (שאל הבעלים או שכרן ולאחר כך שאל את הפרה) אדער ער האט פריער גיבארגט שמעון אדער ער האט אים גידונגען צו זיין ארבעט . דער נאך האט ער גיבארגט די קוה

ושאל בעליה עמה. אם היו בעלים של פרה אצל השואל לעשות מלאכתו בין שהיו שאולים אצלו. או שכורים. בין באותה מלאכה של פרה בין לעשות מלאכה אחרת אם מתה פטור: שנאמר אם בעליו עמו לא ישל׳. והכי משמע אם בעל השור עמו. עם השואל שכוא שאול או שכיר לו. לעשות מלאכתו בשעה שהשאיל לו פרתו. לא ישלם: אבל שאל את הפרה וכו׳. אם היה עמו בשעת אונסים ולא היה עמו בשעת שאלה חייב דלא הוי שאלה בבעלים לאפטורי אא״כ היה עמו בשעת שאלה: שנאמר בעליו אין עמו שלם ישלם. והכי אשמועינן קרא בעליו אין עמו בשעת שאלה אע״פ שהיה עמו בשעת שבורה ומיתה שלם ישלם: ב המשאיל אומר שאולה מתה. ואתה חייב באונסים: איני יודע.

פטור. שנאמר (שמות כב) אם בעליו עמו לא ישלם. אבל שאל את הפרה ואח״כ שאל את הבעלים או שכרן ומתה חייב. שנאמר (שמות כב) בעליו אין עמו שלם ישלם: ב השואל את הפרה שאלה חצי יום ושכרה חצי יום. שאלה היום ושכרה למחר. שכר אחת ושאל אחת ומתה. המשאיל אומר שאולה מתה. ביום שהיתה שאולה מתה. בשעה שהיתה שאולה מתה. והלה

---

(ומתה) אונ די קוה איז גיפייגערט. (פטור) דארף ניט ראובן בצאהלין (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (אם בעליו עמו לא ישלם) אויב דער בעל הבית פון די בהמה איז מיט דעם שואל. ער ארבעט אוך ביי דעם שואל. סיי ער איז אוך פר בארגט אונ סיי ער איז פארדונגען. אין דיא זעלביגע צייט ווען דער שואל בארגט דיא קוה. אונ דיא קוה פייגערט. דארף ניט דער שואל בצאהלין פאר איר (אבל שאל את הפרה) אבער אז פריער האט ראובן גיבארגט ביא שמעון דיא קוה (ואחר כך שאל את הבעלים או שכרן) דער נאך האט ער גיבארגט דעם בעל הבית פון די קוה אדער ער האט אים גידונגען צוא זיין ארבעט (ומתה) אונ דיא קוה איז גיפייגערט (חייב) דארף ראובן בצאהלין פאר דיא קוה (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (בעליו אין עמו שלם ישלם) אויב דער בעל הבית פון דיא קוה איז ניטא מיט דעם שואל ביא זיין ארבעט ווען ער האט פאר בארגט דיא קוה. אונ דיא קוה איז גיפייגערט. דארף דער שואל פאר איר בצאהלין (ועתי״ט): ב (השואל את הפרה) ראובן האט גיבארגט אקוה ביא שמעון (שאלה חצי יום) אויף איין האלבין טאג האט ער זיא גיבארגט (ושכרה חצי יום) אונ אויף דעם אנדערין האלבין טאג האט ער זיא גידונגען. אדער (שאלה היום) ער האט איר גיבארגט אויף היינטיגין טאג (ושכרה למחר) אונ ער האט איר גידונגען אויף מארגעדיגין טאג. אדער ראובן האט גינומען פון שמעון צווייא קיה (שכר אחת) איינע האט ער גידונגען (ושאל אחת) אונ איינע האט ער גיבארגט (ומתה) אונ אקוה איז גיפייגערט (המשאיל אומר) דער וואס האט פארבארגט זאגט (שאולה מתה) דיא גיבארגטע קוה איז גיפייגערט (ביא צווייא קיה. אדער ער זאגט (ביום שהיתה שאולה מתה) אין דעם טאג וואס זיא איז גיוועזן גיבארגט איז זיא גיפייגערט. (ביי איין קוה. אויף צווייא טעג) אדער ער זאגט (בשעה שהיתה שאולה מתה) אין דער צייט (אין דעם האלבין טאג וואס זיא איז גיוועזן גיבארגט איז זיא גיפייגערט (ביא איין קוה אויף צווייא האלבע טעג (והלה אומר) אונ דער וואס האט גיבארגט זאגט (איני יודע) איך ווייס ניט וועלכע קוה איז גיפייגערט טאמער איז דיא גידונגענע גיפייגערט. אונ איך ווייס ניט אין וועלכין טאג אדער אין וועלכין האלבין טאג זיא איז גיפייגערט טאמער אין דער צייט וואס זיא איז גיוועזן ביא מיר פאר דונגען איז זיא גיפייגערט (חייב) דער וואס זאגט איך ווייס ניט דארף בצאהלין

אומר איני יודע חייב. השוכר אומר שכורה מתה. ביום שהיתה שכורה מתה. בשעה שהיתה שכורה מתה. והלה אומר איני יודע פטור. זה אומר שאולה וזה אומר שכורה. ישבע השוכר ששכורה מתה. זה אומר איני יודע וזה אומר איני יודע יחלוקו: ג השואל את הפרה ושלחה לו ביד בנו ביד עבדו ביד שלוחו. או ביד בנו. ביד עבדו.

שמא שכורה מתה. ופטור אני מן האונסים: חייב. הא מתני' לא אפשר לאוקמה כמשמע'. דהא קיימא לן מנה לי בידך והלה אומר איני יודע. ישבע שבועת היסת שאינו יודע ופטור. להכי מוקמינן לה בגמ' כגון שיש עסק שבוע' דאורייתא ביניהם כגון דאמר ליה ב' פרות מסרתי לך חד יומא בשאלה וחד יומא בשכירות ומתו תרווייהו בעידן שאלה. ואמר ליה שואל. הדא אין בעידן שאלה מתה. והדא לא ידענא. והוה ליה מודה במקצת וחייב שבועה. ומתוך שאינו יכול לישבע משלם. ודמי' להך מנה לי בידך וא"ל האיך חמשין ידענא וחמשין לא ידענא. הוה ליה מחוייב שבועה. ואינו יכול לישבע ומתוך שאינו יכול לישבע משלם: ישבע השוכר ששכורה מתה. הא נמי לא אפשר לאוקמה כמשמעה דהא קיי"ל טענו חטים והודה לו בשעורים פטור. אף מדמי שעורים. והכא נמי מה שהודה לו לא טענו. ומה שטענו לא הודה לו. ומה מקום יש לשבועה זו. להכי מוקמינן בגמרא דשבועה זו על ידי גלגול דאמר ליה אשתבע לי שבועת השומרים שאתה חייב לישבע לי דכדרכה מתה. ומגו דמשתבע דכדרכה מתה משתבע נמי על ידי גלגול דשכורה מתה: יחלוקו. מתניתין סומכוס היא דאמר ממון המוטל בספק חולקים ואינה הלכה. אלא הלכה הממע"ה. וישבע הנתבע שאינו יודע ופטור: ג ביד בנו המשאיל שלחה לשואל ביד בנו. ועבדו ושלוחו של משאיל: או ביד בנו ועבדו. ושלוחו של שואל. פטור

---

(השוכר אומר שכורה מתה) אבער אז ראובן זאגט דיא גידונגענע קוה איז גיפייגערט ביי צוויא קיהו (ביום שהיתה שכורה מתה) אין דעם טאג וואס זיא איז גיוועזן פאר דונגען איז זיא גיפייגערט ביי איין קוה אויף צוויא טעג (בשעה שהיתה שכורה מתה) אין דער צייט וואס זיא איז גיוועזן פארדונגען איז זיא גיפייגערט ביי איין קוה אויף צוויא האלבע טעג (והלה אומר איני יודע) אונ דער וואס האט פארבארגט זאגט איך ווייס ניט וועלכע קוה איז גיפייגערט. טאמער איז דיא פארבארגטע גיפייגערט. אונ איך ווייס ניט אין וועלכין טאג אדער אין וועלכין האלבין טאג זיא איז גיפייגערט. טאמער אין דיא צייט וואס זיא איז גיוועזן ביי דיר פארבארגט איז זיא גיפייגערט (פטור) דארף ניט ראובן בצאהלין (וזה אומר שאולה) אויב שמעון זאגט געוויס דיא פארבארגטע קוה איז גיפייגערט. אדער אין דעם טאג אונ אין דעם האלבין טאג וואס זיא איז גיוועזן פאר בארגט איז זיא גיפייגערט (וזה אומר שכורה) אונ ראובן זאגט געוויס דיא פארדונגענע קוה איז גיפייגערט. אדער אין דעם טאג אדער אין דעם האלבין טאג וואס זיא איז גיוועזן פאר דונגען איז זיא גיפייגערט (ישבע השוכר ששכורה מתה) זאל ראובן שווערין אז דיא גידונגענע קוה איז גיפייגערט. אונ אין דעם טאג אונ אין דעם האלבין טאג וואס זיא איז גיוועזן פארדונגען איז זיא גיפייגערט. אונ דארף ניט בצאהלין (זה אומר איני יודע וזה אומר איני יודע) ראובן זאגט איך ווייס ניט אונ שמעון זאגט איך ווייס ניט (יחלוקו) זאלין זיא זיך ביידע צוטיילין. דארף ראובן נאר בצאהלין פאר אהאלבע קוה ועיין בהרע"ב ותי"ט: ג (השואל את הפרה) ראובן האט גיזאגט צוא שמעון בארג מיר דיין קוה (ושלחה לו) אונ שמעון האט געשיקט דיא קוה צוא ראובן (ביד בנו) דורך זיין זוהן (ביד עבדו) אדער דורך זיין קנעכט (ביד שלוחו)

ביד שלוחו של שואל ומתה פטור. אמר לו השואל שלחה לי ביד בני. ביד עבדי ביד שלוחי. או ביד בנך. ביד עבדך. ביד שלוחך. או שאמר לו המשאיל הריני משלחה לך ביד בני. ביד עבדי. ביד שלוחי. או ביד בנך. ביד עבדך ביד שלוחך. ואמר לו השואל שלח. ושלחה ומתה חייב. וכן בשעה שמחזירה: **ד** המחליף

אם מתה בדרך. והאי שלוחו של שואל. היכא דתוקי לה (בב"ק דף ק"ד) בשכירו ולקיטו שדר בביתו. אבל לא עשאו שליח בעדים. דאי איכא עדים דשליח שוייה חייב השואל באונסי' משמסרה לו. ואיכא דאמרי אפי' עשאו שליח בעדים אינו מתחייב על ידו באונסים דהכי קאמר ליה אינש מהימנא הוא בעית לפדורי בידיה שדור: אמר לו השואל שלח לי וכו' ביד עבדך חייב. האי עבדך כעבד עברי קאמר. דאינו עבד כנעני. יד עבד כיד רבו. והוי כאילו לא יצאת מרשות משאיל וכאילו המשאיל עצמו הוליכה לו ופטור השואל אם

כאנסה בדרך: וכן בשעה שמחזירה. אם שלח השואל ביד בנו ועבדו או שלוחו או ביד בנו ועבדו ושלוחו של משאיל. לא יצאת מרשותו של שואל. עד שתבא ליד המשאיל ואם נאנסה בדרך חייב. אמר לו המשאיל שלחה לי. או שאמר השואל הריני משלחה וכו' ואמר לו המשאיל שלח ושלחה. ונאנסה בדרך פטור. ומתני' דוקא כשמחזירה בתוך ימי שאלתה שהשואל חייב באונסים אבל אם החזירה לאחר ימי שאלתה. דין שומר שכר יש לו שואל והכא מהנה ולא דין שואל. ואם שלחה ביד בנו ועבדו או שלוחו. בין שלו בין של משאיל

אדער דורך זיין שליח. פון שמעון (או ביד בנו ביד עבדו ביד שלוחו של שואל) אדער שמעון האט געשיקט די קוה צו ראובן דורך דעם זוהן אדער דורך דעם קנעכט אדער דורך דעם שליח (ועבר"ב) פון ראובן (ומתה) אונ אין וועג איז די קוה געפיגערט (פטור) דארף ניט ראובן בצאהלין פאר די קוה צו שמעון (אמר לו השאל) אויב ראובן האט געזאגט צו שמעון (שלחה לי) שיק מיר די קוה (ביד בני) דורך מיין זוהן. אדער (ביד עבדי) דורך מיין קנעכט. אדער (ביד שלוחי) דורך מיין שליח (או ביד בנך ביד עבדך ביד שלוחך) אדער דוא לאזסט מיר שיקען די קוה דורך דיין זוהן אדער דורך דיין יודישען קנעכט אדער דורך דיין שליח (או שאמר לו המשאיל) אדער שמעון האט געזאגט צו ראובן (הריני משלחה לך איך וועל צא דיר שיקען די קוה (ביד בני ביד עבדי ביד שלוחי) דורך מיין זוהן אדער דורך מיין יודישען קנעכט אדער דורך מיין שליח (או ביד בנך ביד עבדך ביד שלוחך) אדער דורך דיין זוהן אדער דורך דיין קנעכט אדער דורך דיין שליח (ואמר לו השואל שלח) האט ראובן געזאגט צו שמעון שיק אזוי וויא דוא זאגסט (ושלחה) אונ שמעון האט געשיקט (ומתה) אונ די קוה איז געפיגערט אין וועג (חייב) דארף ראובן בצאהלין (וכן בשעה שמחזירה) אונ אזוי איז דער דין ווען ראובן שיקט אפ די קוה צוריק צו שמעון. אונ ער האט זיא געשיקט דורך זיין זוהן אדער דורך זיין קנעכט אדער דורך זיין שליח. אדער דורך דעם זוהן אדער דורך דעם קנעכט אדער דורך דעם שליח פון שמעון. אונ די קוה איז געפיגערט אין וועג. דארף ראובן בצאהלין. אונ אויב שמעון האט געהייסן צו ראובן ער זאל דורך זיי שיקען. אדער ראובן האט געזאגט צו שמעון איך וועל דורך זייא שיקען. האט שמעון געזאגט שיק. אונ ראובן האט געשיקט אונ זיא איז געפיגערט אין וועג. דארף ניט ראובן בצאהלין: ד (המחליף פרה בחמור וילדה) ראובן האט געהאט אקוה אונ שמעון האט געהאט אאייזיל. האבין זייא געטאהשט איינע אויף דיא אנדערע. אונ ראובן האט גינומען דעם אייזיל פון שמעון. געהער שוין די קוה צוא שמעון.

ונאנסה בדרך פטור: ד המוכר שפחתו וולד׳. דעבד כנעני נקנה בכסף. וכשנתן המעות נקנית לו השפחה בכל מקום שהיא. ואין ידוע אם עד שלא ילדה נתן הכסף. והעובר שלו. או לאחר שילדה והולד של בעלים. אבל פרה אינה נקנית בכסף אלא במשיכה. וכיון דמשך מידע ידע אי ילדה כבר. אי לא ילדה. להכי אצטריך למתני המחליף דע״י חליפין

פרה בחמור וילדה. וכן המוכר שפחתו וילדה זה אומר עד שלא מכרתי. וזה אומר משלקחתי. יחלוקו. היו לו שני עבדים. אחד גדול ואחד קטן. וכן שתי שדות אחת גדולה ואחת קטנה. הלוקח אומר גדולה לקחתי. והלה אומר איני יודע. זכה בגדול. המוכר אומר קטן מכרתי. והלה אומר איני יודע. אין לו אלא קטן. זה אומר גדול וזה אומר קטן

כיון שמשך האחד נקנה האחר בכ״מ שהוא. לפיכך אין ידוע אם ילדה אם לא ילדה: יחלוקו. ומתני׳ סומכוס היא ולית הלכתא כוותיה: זה אומר גדול וזה אומר קטן. זה אומר דמי עבד גדול. וזה אומר דמי עבד קטן דהוא עבד ממש הא קיימא לן דאין נשבעין על העבדי׳. ועוד מה שטענו לא הודה לו. ומה שהודה לו לא טענו. ולא הוה כאן מקום

---

אפילו זיא שטייט נאך ביא ראובן. אונ עס איז גיפונגען גיווארין דיא קוה האט גיבאהרין אקאלב. אונ מען ווייס ניט ווען די קאלב איז גיבארין גיווארין. אויב זיא איז גיבארין גיוואהן איידער ראובן האט גינומען דעם איזיל. גיהער דיא קאלב צוא ראובן. אונ אויב זיא איז גיבארין גיווארין דער נאך וויא ראובן האט שוין גינומען דעם איזיל. גיהער דיא קאלב צוא שמעון (וכן המוכר שפחתו וילדה) ראובן האט גיהאט אשפחה כנענית אונ ער האט זי פאר קויפט צוא שמעון. אונ ער האט שוין גינומען ביי שמעון געלט פאר איר. גיהער שוין דיא שפחה כנענית צוא שמעון אפילו ווען זיא איז נאך ביא ראובן אין שטוב. אונ די שפחת האט גיהאט אקינד (זה אומר עד שלא מכרתי) ראובן זאגט דאס קינד איז גיבאהרין גיוואהן איידער איך האב זיא פאר קויפט. גיהער דאס קינד צוא מיר (וזה אומר משלקחתי) אונ שמעון זאגט דער נאך וויא איך האב שוין גיקויפט דיא שפחה איז דאס קינד גיבאהרין גיווארין. גיהער דאס קינד צוא מיר (יחלוקו) זאלין זיך ביידע צוא טיילען. משאצט ווי פיל דיא קאלב אונ דאס קינד איז ווערט. אונ מען פאר קויפט זייא. אונ דער נעמט העלפט געלט אונ דער נעמט העלפט געלט. אדער איינער צאהלט ארויס דעם אנדערין די העלפט געלט. אונ ער נעמט דיא קאלב אדער דאס קינד (היו לו שני עבדים) ראובן האט גיהאט צווייא קנעכט (אחד גדול ואחד קטן) איינער אגרויסער אונ איינער אקליינער (וכן שתי שדות) אדער ער האט גיהאט צווייא פעלדער (אחת גדולה ואחת קטנה) איינע אגרויסע אונ איינע אקליינע. אונ ער האט גיזאגט צוא שמעון איך פאר קויף דיר איין קנעכט. אדער איין פעלד. אונ מען האט ניט גיזאגט וועלכע (הלוקח אומר גדולה לקחתי) דער וואס האט גיקויפט זאגט איך האב גיקויפט דעם גרויסען קנעכט. אונ דיא גרויסע פעלד (והלה אומר איני יודע) אונ דער וואס האט פאר קויפט זאגט איך ווייס ניט. איך גידיינק ניט וועלכין קנעכט אונ ניט וועלכע פעלד איך האב פאר קויפט (זכה בגדול) דער וואס האט גיקויפט איז זוכה דעם גרויסען קנעכט אונ דיא גרויסע פעלד (המוכר אומר קטן מכרתי) דר וואס האט פאר קויפט זאגט איך האב פאר קויפט דעם קליינעם קנעכט אונ דיא קליינע פעלד (והלה אומר איני יודע) אונ דער וואס האט גיקויפט זאגט איך ווייס ניט. איך גידיינק ניט וועלכין איך האב גיקויפט (אין לו אלא קטן) נעמט ער נאר דעם קליינעם קנעכט אונ דיא קליינע פעלד (זה אומר גדול וזה אומר קטן) שמעון זאגט איך האב געוויס גיקויפט

דעם

קטן. ישבע המוכר שהקטן מכר. זה אומר איני יודע וזה אומר איני יודע. יחלוקו: ה המוכר זיתיו לעצים ועשו פחות מרביעית לסאה הרי אלו של בעל הזיתים. עשו רביעית לסאה זה אומר זיתי גדלו וזה אומר ארצי גדלה יחלוקו. שטף נהר זיתיו ונתנם לתוך שדה חברו זה אומר זיתי גדלו וזה אומר

לשבועה: ה המוכר זיתיו לעצים. שיקוץ אותם לשרפה. והשהה אותן בקרקע: ועשו. זיתים רעים שאין בסאה שלהם רביעית שמן: הרי אלו של בעל הזיתים. דבפחות מרביעית לא קפדי איניש. ורביעית שאמרו הוא מן הסאה שהוא מוציא במסיקתן ובצירתן. ומתניתין כשמכר זיתיו על מנת לקוץ סתם. אבל אם אמר לו לקוץ מיד אפי' פחו' מרביעי' לבעל הקרקע. ואם אמר לקוץ לכשתרצה אפי' יתר מרביעי' לבעל הזיתי': וזה אומר ארצי גדלה יחלוקו. בגמרא מוקי לה כגון ששטף נהר הזיתים עם גושיהן. דהיינו עם הקרקע שבסביבותיהן שהן יכולין לחיות על ידו ומפני כן הם פטורי' מערלה וכל ג' שני' הראשונות הוא דיחלוקו. דאף ע"ג דקרקע של זה מגדלן מ"מ אי לאו גושיהן לא הוה מצי אכיל מנייהו משום ערלה. אבל לאחר שלש שנים הכל לבעל

דעם גרויסן קנעכט אונ דיא גרויסע פעלד. אונ ראובן זאגט איך האב געוויס פאר קויפט דעם קליינעם קנעכט אונ דיא קליינע פעלד (ישבע המוכר שהקטן מכר) זאל דער פערקויפער ראובן שווערין אז ער האט פאר קויפט דעם קליינעם קנעכט אונ דיא קליינע פעלד. ווען שמעון מוזין נעמען דעם קליינעם קנעכט אונ דיא קליינע פעלד (זה אומר איני יודע וזה אומר איני יודע) ראובן זאגט איך וייס ניט וועלכעס איך האב פאר קויפט. אונ שמעון זאגט איך וייס ניט וועלכעס איך האב גיקויפט. זייא גידיינקען ביידע נישט (יחלוקו) זאלין זייא זיך צוא טיילען וויא פיל דער גרעסערער קנעכט איז מער ווערט פאר דעם קלענערין. אונ דיא גרעסערע פעלד איז מער ווערט וויא דיא קלענערע. נעמט דער מוכר העלפט אונ דער לוקח נעמט העלפט: ה (המוכר זיתיו לעצים) ראובן האט גיהאקט בוימער וואס וואקסט אויף זייא איילבירטין. האט ער זייא פאר קויפט צוא שמעון ער זאל זייא אפ האקין. אונ שמעון האט זייא ניט באלד אפ גיהאקט. נאר ער האט זייא נאך גילאזט שטיין אין פעלד (ועשו פחות מרביעית לסאה) אונ אויף דיא בוימער האט גיוואקסין איילבירטין. נאר שלעכטע. אז מען ווערט אוים קוועטשין אסאה איילבירטין ווערט פון זייא ניט זיין קיין קוואטירול איל (הרי אלו של בעל הזיתים) גיהערין דיא איילבירטין צוא דעם וואס האט גיקויפט דיא בוימער (עשו רביעית לסאה) אויב פון אסאה איילבירטין קען מען אוים קוועטשין אקוואטירול אייל (זה אומר זיתי גדלו) שמעון זאגט דיא איילבירטין האבען גיוואקסין אויף מיינע בוימער. גיהערין זייא צוא מיר (וזה אומר ארצי גדלה) אונ ראובן זאגט אויף מיין ערד האבען גיוואקסען דיא איילבירטין. אז דוא וואלסט דיא בוימער אפ האקין וואלט אויף זייא ניט גיוואקסין קיין איילבירטין (יחלוקו) זאלין זייא זיך צוא טיילין מיט דיא איילבירטין. דער נעמט העלפט אונ דער נעמט העלפט (שטף נהר זיתיו ונתנם לתוך שדה חברו) א וואסער האט אוים געריסען איילבירט בוימער פון ראובנס פעלד. מיט דיא ערד וואס ארום דיא ווארצלען. אונ זייא זענין אריין גישוואמען אין דיא פעלד פון שמעון. אונ זיי האבן זיך דארט איינגיווארצילט. אונ אויף די בוימער הט גיוואקסין איילבירטין (זה אומר זית גדלו) ראובן זאגט אויף מיינע בוימר זענין גיוואקסין דיא איילבירטין גיהערין זייא צוא מיר (וזה אומר ארצי גדלה) אונ שמעון זאגט אויף מיין ערד זענין גיוואקסין דיא

ארצי גדלה יחלוקו: ו המשכיר בית לחברו בימות הגשמים. אינו יכול להוציאו מן החג ועד הפסח. בימות החמה ל׳ יום. ובכרכים אחד ימות החמה ואחד ימות הגשמים שנים עשר חדש. ובחנויות אחד עיירות ואחד כרכים שנים עשר חדש. רבן שמעון

לבעל הקרקע דאמר ליה אי הוה נטעי להו שלא מי לא הוה אכילנא : ו המשכיר בית לחברו. סתם : בימות הגשמים אינו יכול להוציאו מן החג ועד הפסח בימות החמה שלשים יום. כלומר אם בא להוציאו קודם הפסח צריך שיודיענו שלשים יום מימות החמה. דהיינו מט״ו באלול שלשים יום עד החג. שהוא התחלת ימות הגשמים. ואם לא הודיעו מט״ו באלול אינו יכול להוציאו עד הפסח. וממילא שמעינן שהמשכיר בית סתם בימות החמה צריך להודיעו שלשים יום קודם שיוציאנו : ובכרכים. שהכל נשכרים שם לגור. והבתים אין מצויין לשכור צריך להודיעו י״ב חודש קודם יציאתו. בין בימות החמה. בין בימות הגשמים. וכשם שהמשכיר צריך להודיעו. כך שוכר צריך להודיע בעיירות

איילבירטין געהערין זיא צוא מיר (יחלוקו) זאלין זיא זיך ביידע צוא טיילין מיט דיא איילבירטין. ראובן נעמט העלפט איילבירטין אונ שמעון נעמט העלפט איילבירטין (אונ נאר דיא ערשטע דריי יאהר נעמט ראובן אויך אחלק אין דיא איילבירטען. ווייל שמעון קען ניט זאגין דורך זיין ערד האט געוואקסין דיא איילבירטען. ווארום אז זיא וואלטין געוואקסין פון זיין ערד. וואלט מען זיא ניט טארין עסין ווארום זיא וואלטין געוועןערלה. אונ וואס מען מעג עסין דיא איילבירטין איז נאר דורך דיא ערד וואס ארום דיא ווארצלען ווייל אפילו זיא וואלטין זיך ניט איינגעווארצילט אין שמעונס פעלד וואלט אויך אויף זיא געוואקסין איילבירטין פון זייער אייגענע ערד וואס ארום דיא ווארצלען. דריבער דארף ראובן נעמין אחלק אין דיא איילבירטען. אבער נאך דיא דריי יאהר געהער דיא גאנצע איילבירטין צוא שמעון. ווארום שמעון קען זאגין ווען דוא וואלסט ניט געלאזט שטיין דיינע בוימער וואלט איך געפלאנצט בוימער אויף דעם ארט אונ איצט נאך דרייא יאהר וואלט איך שוין געמעגט עסין פון זיא די איילבירטען : ו (המשכיר בית לחברו) איינער האט פאר דונגען אשטוב צוא זיין חבר. אונ ער האט ניט געזאגט ביז וויא לאנג ער פאר דינגט זיא אים. איז דער דין (בימות הגשמים אינו יכול להוציאו) ווינטער קען ער אים ניט אויס ציהען פון די וואהנונג (מן החג ועד הפסח) פון סוכות ביז פסח הייסט ווינטער (בימות החמה שלשים יום) סיידין ער האט אים אן געזאגט דרייסיג טעג פאר ווינטער (ווען עס איז נאך זומער. ער זאל אויס ציהען פון דיא דירה. (דאס איז פופצעהן טעג אין אלול. דרייסיג טעג פאר סוכות) מעג ער אים אויס ציהען פון דיא דירה אפילו ווינטער. אבער אז ער האט אים ניט אפ געזאגט דיא דירה פופצעהן טעג אין אלול. מעג ער וואהנען אין דירה ביז פסח. אונ זומער אז איינער וויל זיין חבר זאל אויס ציהען פון אדירה מוז ער אים אויך זאגין דרייסיג טעג פריער (ובכרכים אחד ימות החמה ואחד ימות הגשמים שנים עשר חודש) אונ אין גרויסע שטעט. סיי זומער אונ סיי ווינטער. מוז אפ זאגין איינער דעם אנדערין (דער בעל הבית דעם איינוואהנער אונ דער איינוואהנער דעם בעל הבית) מיט צוועלף חדשים פריער (ובחנויות אחד עירות ואחד כרכים שנים עשר חודש) אונ ביא אקראם סיא אין אקליינע שטאט אונ סיא אין אגרויסע שטאט. מוז אפ זאגין איינער דעם אנדערין (ווי פריער) צוועלף חדשים פריער. רבן שמעון בן גמליאל זאגט (חנות של נחתומים ושל

שלשים יום ובכרכי׳ שנים עשר חדש. ואם לא הודיעו אינו יכול לצאת אלא נותן לו שכרו: של נחתומים ושל צבעים שלש שנים. מפני שהקיפן מרובה לזמן ארוך. והל׳ כרבן שמעון בן גמליאל: ז ובנגר. שנועלין בו את הדלת ותוחבים אותו בקורת המשקוף: הזבל של בעל הבית. וכגון שנעשה זבל מתורי דאתו מעלמא. דאי מתורי דשוכר. הזבל של השוכר: היוצא מן התנור. אפר ונעשה זבל: ח נתעברה לשוכר. לא יתבע לו שכר חדש שהעבור בכלל שנה: מעשה בצפורי. בגמרא פריך מעשה לסתור דהא רישא תנא או כולה דשוכר

בן גמליאל אומר חנות של נחתומים ושל צבעים שלש שנים: ז המשכיר בית לחבירו המשכיר חייב בדלת בנגר במנעול ובכל דבר שמעשה אומן. אבל דבר שאינו מעשה אומן השוכר עושהו. הזבל של בעל הבית ואין לשוכר אלא היוצא מן התנור ומן הכירים בלבד: ח המשכיר בית לחבירו לשנה. נתעברה השנה נתעבר׳ לשוכר. השכיר לו לחדשים נתעברה השנה נתעברה למשכיר. מעשה בציפורי באחד ששכר מרחץ מחבירו בשנים עשר זהב לשנה מדינר זהב לחדש

---

צבעים שלש שנים) אקראם פון אבעקער וואס מען פאר קויפט איר ברויט אונ פון אפארבאר מוז מען אם וואגין דריי יאהר פריער. וויילי זיי דארפען איין מאנגען זייערע חובות: ז (המשכיר בית לחברו) ראובן פאר דינגט אשטוב צוא שמעון (המשכיר חייב בדלת בנגר במנעול ובכל דבר שמעשה אומן) דער וואס פאר דינגט דארף מאכין אטיר אונ ארינגל אונ אשלאס אונ אלע זאכען וואס מען דארף דער צוא אבעל מלאכה (אבל דבר שאינו מעשה אומן) אבער דיא זאכען וואס מען דארף ניט צוא קיין בעל מלאכה. יעדער מענטש קען דאס אליין מאכען (השוכר עושהו) דער וואס האט גידונגען מאכט דאס אליין (הזבל של בעל הבית) אויב אין הויף זענין אריין גיגאנגען פרעמדע בהמות אונ האבין גימאכט מיסט. גיהער דיא מיסט צום בעל הבית (ואין לשוכר אלא היוצא מן התנור ומן הכירים בלבד) דער וואס האט גידונגען דיא דירה האט ניט קיין אנדערע מיסט נאר דיא מיסט וואס ווערט פון דיא אש וואס ער נעמט ארויס פון קוימען אונ פון אויבין (ועתי״ט): ח (המשכיר בית לחברו לשנה) ראובן זאגט צוא שמעון איך פאר דינג דיר דיא שטוב אויף איאהר פאר פופציג רובל (ועתי״ט (נתעברה השנה) אויב דער יאהר איז גיווארען מעובר (דרייצעהן חדשים) (נתעברה לשוכר) גיהער דער דרייצעהנטער חודש צוא דעם וואס האט גידונגען. ער דארף ניט בצאהלין פאר דעם חודש (השכיר לו לחדשים) אויב ער האט פאר דונגען דיא שטוב אויף חדשים. מען האט נאר ניט גירעט פון קיין יאהר. נאר ער הט גיזאגט איך פאר דינג דיא שטוב פאר פינף רובל אחודש (נתעברה השנה) אונ דער יאהר איז גיווארען מעובר (דרייצעהן חדשים) (נתעברה למשכיר) גיהער דער דרייצעהנטער חודש צו דעם וואס האט פאר דונגען. מען דארף אים פאר דעם חודש אויך בצאהלין. אבער אז ראובן האט גיזאגט צוא שמעון איך פאר דינג דיר דיא שטוב פאר צוועלף הענדרטאך איאהר ארענדיל אחודש. ער האט דער מאנט ביידע. דעם יאהר אונ דעם חודש. ראובן זאגט ער האט פאר דונגען אויף דעם חודש. אונ שמעון זאגט ער האט גידונגען אויף דעם יאהר. זאלין זייא זיך טיילין מיט דעם דרייצעהנטין חודש. ער זאל נאר בצאהלין פאר אהאלבין חודש (מעשה בציפורי באחד ששכר מרחץ מחבירו) עס האט ג טראפין אין דיא שטאט ציפורי איינער האט גידונגען אבאד פון זיין חבר. אונ דער וואס האט פאר דונגען האט גיזאגט. איך פאר דינג דיר דיא באד (בשנים עשר זהב לשנה מדינר זהב ל חדש) פר

צוועלף

לחדש ובא מעשה לפני רשב"ג ולפני רבי יוסי ואמרו יחלקו את חדש העבור:

ט המשכיר בית לחברו ונפל חייב להעמיד לו בית. היה קטן לא יעשנו גדול. גדול לא יעשנו קטן. אחד לא יעשנו שנים. שנים לא יעשנו אחד. לא יפחות מהחלונות ולא יוסיף עליהן אלא מדעת שניהם:

פרק ט

המקבל שדה מחבירו.

או כולה דמשכיר. ומייתי מעשה דיחלוקו. ומשני חסורי מחסרא והכי קתני. ואם אמר לו בי"ב זהובים לשנה מדינר זהב לחודש יחלוקו דלא ידעינן אי תפוס לשון ראשון או לשון אחרון. ומעשה נמי וכו' ואין הלכה כר' שמעון בן גמליאל ור' יוסי אלא הלך אחר פשוטו' שבלשונו'. דקרקע בחזקת מרה קיימה לפיכך כולו למשכיר בין בהאי לשון ראשון פשוט. בין בהאי לשון אחרון פשוט: ט חייב להעמיד לו בית. [לימי שכירותיו]: היה גדול לא יעשנו קטן וכו'. והוא דהראה לו בית. ואמר לו בית כזה אני משכיר לך אבל שעמידו על הבית. ואמר לו בית זה אני משכיר לך ונפל. אינו חייב לבנותו ואם אמר לו בית סתם יעמיד לו מקום שיקרא בית. בין גדול בין קטן: המקבל שדה. בארישות למחצה. לשליש. ולרביע. ט בחכירות

---

צוועלף הענדלאך איאהר ארענדיל אחודש (ובא מעשה לפני רבן שמעון בן גמליאל ולפני רבי יוסי) איז מען גיקומען צוא אדין תורה פאר רבן שמעון בן גמליאל אונ רבי יוסי (ואמרו יחלקו את חודש העבור) האבען זייא גיזאגט מען זאל צוא טיילין דעם דרייצעהנטין חודש. ער זאל בצאהלין פאר אהאלבין חודש: ט (המשכיר בית לחברו ונפל) ראובן האט פאר דונגען אשטוב צוא שמעון. ער זאל אין איר וואהנען איאהר. אונ דיא שטוב איז איין גיפאלן (חייב להעמיד לו בית) דארף ראובן געבין צוא שמעון איין אנדער שטוב צום וואהנען ביז צום יאהר (היה קטן לא יעשנו גדול) אויב דיא ערשטע דירה איז גיוועזן אקליינע (לא יעשנו גדול) טאר ער ניט מאכען קיין גרויסע דירה (גדול) אויב דיא ערשטע דירה איז גיוועזן אגרויסע (לא יעשנו קטן) טאר ער ניט מאכען קיין קליינע דירה (אחד) אויב דיא ערשטע דירה איז גיוועזן איין שטוב (לא יעשנו שנים) טאר ער ניט מאכען אדירה מיט צווייא שטובין (שנים) אויב דיא ערשטע דירה איז גיוועזן צוויי שטובין (לא יעשנו אחד) טאר ער ניט מאכען אדירה מיט איין שטוב (לא יפחות מהחלונות ולא יוסיף עליהן) ער טאר ניט מאכען ווייניגער פענסטער אונ ניט מעהר. נאר אזוי וויא עס איז גיוועזן אין דיא ערשטע דירה (אלא מדעת שניהן) נאר אז ביידע ווילען מען זאל מאכען דיא אנדערע דירה אנדערש וויא די ערשטע. זאלין זייא מאכען וויא ביידע ווילען (דער דין איז נאר אז ראובן האט געוויזען צוא שמעון אשטוב אונ האט גיזאגט אזו אשטוב פאר דינג איך דיר. אבער אז ראובן האט גיזאגט צוא שמעון דיא שטוב פאר דינג איך דיר. אונ ער האט זיא אים געוויזען אונ דיא שטוב איז איין גיפאלען. דארף ניט ראובן געבין צוא שמעון איין אנדער דירה. אונ אז ראובן האט גיזאגט צוא שמעון איך פאר דינג דיר אשטוב אונ ער הט אים גיגעבין אשטוב צום וואהנען. אונ דיא שטוב איז איין גיפאלען זאל ער אים נאר געבין איין אנדער שטוב צום וואהנען. וועלכע שטוב ראובן ווילו:

פרק ט א (המקבל שדה מחברו) ראובן האט גינומען אפעלד פון שמעון. ער זאל איר האקערין אונ זייען אונ שניידין אונ אנדערע ארבעט טאהן וואס מען דארף נאר צוא דיא תבואה. אונ וויא פיל תבואה מען וועט ארויס נעמען פון פעלד זאלין זיך ביידע טיילען. אונ ער זאל נעמען פאר זיין ארבעט העלפט אדער אדריטעל אדער אפערטיל. דאס הייסט

בחכירו׳ כך וכך כורין לשנה: לחרוש אחריו. אחר הקצירה או העקירה. כדי להפוך שרשי׳ של עשבים רעים שבו וימותו: ובקני׳. המעמידים את הגפנים: ושניהם מספקים את הקנים. מה טעם אמר. מה טעם חולקי׳ בקנים לפי ששניהם מספקים את הקנים שהדפים בכל שנה: ב בית השלחין. קרקע יבשה שאין די לה מי גשמים: או בית האילן. ובשביל האילן היא חביבה על החורים. שנוטל חלק בפירות בלא טורח: יבש המעין. שנה. שממנו משקין אותה: מן חכורו. אם קבלה בחכירות כך וכך לשנה. דמעיקרא לא גלי דעתיה דמשום מעין או אילן עפי לה בחכירותיה: חכור לי בית השלחין זו. גלי

**מקום שנהגו לקצור יקצור לעקור יעקור לחרוש אחריו יחרוש. הכל כמנהג המדינ׳. כשם שחולקין בתבוא׳ כך חולקין בתבן ובקש. כשם שחולקין ביין כך חולקין בזמורות ובקנים. ושניהם מספקין את הקנים: ב המקבל שדה מחבירו והיא בית השלחין או בית האילן. יבש המעין. ונקצץ האילן אינו מנכה לו מן חכורו. אם אמר לו חכור לי שדה בית השלחין זה או**

---

אריס. אונ אויב ראובן גיט צוא שמעון פאר דיא ערד גיין געלט דאס הייסט ער דינגט בייא איהם דיא ערד פאר צעהן קארין תבואה אַיאהר ומעהר אדער וויניגער. אויב עס וועט זיין פיל תבואה פון פעלד וועט ער איהם ניט מעהר געבין. אונ אויב עס וועט וויניג וואקסען. מוז ער איהם אלין געבין דיא תבואה וואס ער האט איהם צוא גיזאגט צו געבין. דאס הייסט אחוכר. זאגט דיא משנה סיא ראובן האט אן גינומען אפעלד צוא זיין אין איר אאריס. אונ סיא ער זאל זיין אחוכר. איז אלין דער דין (מקום שנהגו לקצור) ווא דער מנהג איז דער אריס אדער דער חוכר זאל שניידין דיא תבואה (יקצור) מוז ער אויך שניידין (לעקור) מען זאל אויס רייסן דיא תבואה (יעקור) מוז ער אויך אויס רייסן (לחרוש אחריו) מען זאל האקערין נאך דעם שניידין אדער נאך דעם אויסבּרייסן (יחרוש) מוז ער אויך האקערין נאך דעם שניידין אדער נאך דעם אויסרייבין הכל כמנהג המדינה) אזוי וויא אלע בעלי בתים פון דיא מדינה טוהען מיט זייערע אריסים אונ חוכרים. אזוי זאל דער אריס אונ דער חוכר אויך טאהן (כשם שחולקין בתבואה) אזוי וויא דער בעל הבית טיילט זיך מיט דעם אריס מיט דיא תבואה (כך חולקין בתבן ובקש) אזוי זאלין זייא זיך טיילין מיט דיא שטרוי אויך (כשם שחולקין ביין) אזוי וויא זייא טיילין זיך מיט דיא ווין (כך חולקין בזמורות ובקנים) אזוי זאלין זייא זיך טיילין מיט דיא צווייגין אונ מיט דיא שטעקלאך וואס מען שטעלט אונטער דיא ווינשטאקין. פאר וואס זאלין זייא זיך טיילין מיט דיא שטעקלאך (ושניהם מספקין את הקנים) ווייל ביידע דער בעל הבית אונ דער אריס) מוזין געבין דיא שטעקלאך: ב המקבל שדה מ׳ ברו) ראובן האט אנגינומען אפעלד פון שמעון. ער זאל אים געבין צעהן קארין תבואה אַיאהר (והיא בית השלחין) אונ דיא פעלד איז טרוקענע ערד וואס רעגינוואסער איז פאר איר וויניג. מען מוז איר בגיסין מיט וואסער. אונ ווען ער האט אנגינומען דיא פעלד איז אין איר גיוועזן אקוואל וואסער. איז גרינג גיוועזן צוא בגיסין דיא פעלד (או בית האילן) אדער אין דיא פעלד איז גישטאנען אבוים וואס דער חוכר האט פון אים גינומען פירות אן ארבעט (יבש המעין) אונ דער קוואל איז אויסגעטריקנט גיווארין (ונקצץ האילן) אונ דער בוים איז אפ גיהאקט גיווארין (אינו מנכה לו מן חכורו) טאר ער אים ניט אפרעבענען פון דיא חכירות. נאר ער מוז אים געבין דיא צעהן קארין תבואה אזוי וויא זייא האבין גירעט. ווייל דער חוכר ווען ער האט גידונגען. האט ער גאר ניט גירעט פון דעם קוואל אונ ניט פון דעם בוים (אם אמר לו

**שדה בית האילן זה יבש המעין ונקצץ האילן מנכה לו מן חכורו: ג המקבל שדה מחבירו והובירה שמין אותה כמה ראויה לעשות ונותן לו. שכך כותב לו אם אוביר ולא אעביד אשלם במיטבא: ד המקבל שדה מחבירו ולא רצה לנכש ואומר לו מה אכפת לך הואיל ואני נותן לך חכורך אין שומעין לו. מפני שיכול לומר לו למחר אתה יוצא ממנה ומעלה לפני עשבים: ה המקבל שדה מחבירו ולא עשתה אם**

דעתיה דבשביל שהיא בית השלחין טפי לה וחכרה ממנו: ג המקבל שדה. למחצה לשליש ולרביע: והובירה. שלא חרש בה. ולא זרעה: אם אוביר. אעשנה בורה: ולא אעביר. ולא אעשה בה פעולה הראויה לה: אשלם במיטבא. כפי מה שהיתה ראויה לעשות אם היתה חרושה וזרועה כראוי:

ד ולא רצה לנכש. לנקות התבואה מעשבים רעים. שמתישים כח הקרקע ומעכבין התבוא' מלעלות: מה אכפת לך. אם יחסר חלקי שהעשבי' מכחישין השבלים אתן לך חכירות כך וכך כורין שפסקתי עמך: ה המקבל שדה מחברו. למחצה. לשליש. ולרביע. כאריס: ולא עשתה. תבואה אלא מעט. ובא לו

חכור לי שדה בית השלחין זה) אויב דער חוכר האט געזאגט צום בעל הבית פאר דינג מיר דעם בית השלחין (דיא טרוקענע פעלד) האט ער געמיינט אויב זיא וועט זיין וויא זיא איז איצט מיט דעם קוואל. וועט ער אים געבין צעהן כורין (או שדה בית האילן זה) אדער דער חוכר האט געזאגט צום בעל הבית פאר דינג מיר דיא פעלד וואס אין איר איז דא דער בוים. האט ער געמיינט וויל אין דיא פעלד איז דא דער בוים. דריבער וועט ער אים געבין צעהן כורין (יבש המעין) אז דער קוואל איז טרוקען געווארין (ונקצץ האילן) אדער דער בוים איז אפ געהאקט געווארין (מנכה לו מן חכורו) זאל ער אים אפ רעכענען פון דיא חכירות. זאל ער אים געבין ווייניגער וויא צעהן כור. וויא פיל מען וועט אפ שאצין (ועתי"ט): ג (המקבל שדה מחברו) ראובן האט אנג נומען אפעלד פון שמעון. ער זאל זיין אריס (והובירה) אונ ער האט געלאזט ליידיג דיא פעלד. ער האט ניט געזייט (שמין אותה. כמה ראויה לעשות) שאצט מען וויא פיל עס וואלט געוואקסין אין דיא פעלד אז מען וואלט אין איר געזייט (ונותן לו) אונ ער זאל געבין דעם בעל הבית זיין חלק. וויא ער האט מיט אים בדונגען (שכך כותב לו) ווארום אזוי שרייבט דער אריס צום בעל הבית (אם אוביר ולא אעביד אשלם במיטבא) אויב איך וועל ליידיג לאזין דיא פעלד אונ וועל ניט ארבעטין אין איר. זאל איך דיר באצאהלין דיין חלק פון דיא בעסטע תבואה: ד (המקבל שדה מחברו) ראובן האט אנגינומען אפעלד פון שמעון אויף חכירות (ולא רצה לנכש) אונ ראובן האט ניט געוואלט אויס רייסין דיא שלעכטע גראז וואס צווישן דיא תבואה (ואומר לו מה אכפת לך) אונ ראובן זאגט צוא שמעון וואס הארט דיך ווס איך רייס ניט אויס דיא שלעכטע גראז (הואיל ואני נותן לך חכורך) איך גיב דאך דיר דיינע חכירות (אין שומעין לו) פאלגט מען אים ניט נאר ער מוז אויסרייסין דיא גראז (מפני שיכול לומר לו) ווייל שמעון קען זאגין צוא ראובן (למ"ר אתה יוצא ממנה ומעלה לפני עשבים) מארגין אדער איין אנדער טאג וועסטו ארויס גיין פון דיא פעלד וועט דיא גראז אויף וואקסין פאר מיר. איך זאל זיא מוזין אויס רייסין: ה (המקבל שדה מחברו) ראובן האט אנגינומען אפעלד פון שמעון. ער זאל זיין אין איר אריס (ולא עשתה) אונ עס האט ניט געוואקסין נאר אביסול תבואה. זאגט ראובן פאר דעם ביסול תבואה לוינט אים ניט צוא ארבעטין (אם יש בה כדי להעמיד

האריס למנוע מלהתעסק בה עוד שאין בה כדי עמלו: אם יש בה כדי. לעשות מתנולת׳ כרי. שיש בו כדי לכנוס הרחת שזורים בה התבואה והוא קרוב לסאתים חייב לטפל בה בה חייב לטפל בה ואין הל׳ כר״י: ן המקבל שדה בחכירות קדוקדירין מכה מדינה. שאכלה חגב. או נשתדפו רוב שדות של אותה מדינה לא אותה בקעה: אינו מנכה דאמר לו מזלך גרם: בין כך ובין כך. אפי׳ היא מכת מדינה אינו מנכה. שעל המעות לא נגזרה גזירה: ז ולקתה. שהיו החטי׳ שדופות: נותן לו. עשרה כורים שפסק עמו מחטים שדופות שלו. ולא מלי

בע״כ מה קצבה בכרי אין קצבה ע רא״ה שתהיה שדה גדולה בשיעור כרי. והשדה קטנה בשיעור כרי. ואינה דומה טפולה של שדה גדולה לטפולה של שדה קטנה: אלא כו׳ כלו׳ כשיעור מה שזרע

אם יש בה כדי להעמיד כרי חייב לטפל בה. א״ר יהודה מה קצבה בכרי אלא אם יש בו כדי נפילה: ן המקבל שדה מחבירו ואכל׳ חגב או נשדפה אם מכת מדינה היא מנכה לו מן חכורו. אם אינו מכת מדינה אין מנכה לו מן חכורו. רבי יהודה אומר אם קבלה הימנו במעות בין כך ובין כך אינו מנכה לו מחכורו: ז המקבל שדה מחברו בעשרה כור חטים לשנה ולקתה נ׳תן

---

כרי) אויב מען קען פון דיא תבואה אויף שיטען אבארג . אז מען וועט ארייז שטעלין דיא שופלע וואס מען שופלעוועט מיט איר דיא תבואה) אין דעם בארג תבואה וועט מען זיא ניט ארויס זעהן . דאס איז נאנט פון צווייא סאה תבואה. (חייב לטפל בה) מוז ער זיך מטריח זיין צוא ארבעטין בייא דיא תבואה (אמר רבי יהודה) האט רבי יהודה גיזאגט (מה קצבה בכרי) וויא אזוי קען מען זאגין אאויסגיזעצטע זאך בייא אלע פעלדער גלייך . אויב עס איז דא אבארג תבואה פון צווייא סאה מוז דער ארים ארבעטין בייא דיא תבואה . עס איז דא אגרויסע פעלד אונ אקליינע פעלד . בייא אקליינע פעלד קען לוינע צוא ארבעטין בייא דיא גאנצע פעלד פאר דיא צווייא סאה . אבער בייא אגרויסע פעלד קען געווים ניט לוינען צוא ארבעטין בייא דיא גאנצע פעלד פאר דיא צווייא סאה תבואה (אלא אם יש בו כדי נפילה) נאר אויב עס איז דא אזוי פיל תבואה וויא פיל מען האט פאר זייט . מוז דער ארים ארבעטין אין דיא פעלד . אונ אויב עס איז דא וויינינער וויא מען האט פאר זייט . קען מען ניט נייטין דעם ארים ער זאל ארבעטין אין דיא פעלד : ו (המקבל שדה מ׳ בר׳) ראובן האט אנגינומען אפעלד פון שמעון אויף חכירות (ואכלה חגב) אונ אהיישעריק האט אויף גיגעסין דיא תבואה פון פעלד (או נשדפה) אדער דיא תבואה איז אויסגיקלאפט גיווארין (אם מכת מדינה היא) אויב דיא מכה איז גיוועזן אין דיא מדינה בייא פיל מענטשין . דיא הייישעריקין האבין אויף גיגעסין תבואה פון נאך אנדערע פעלדער אויך (מנכה לו מן חכורו) זאל ער מינערין פון דיא חכירות . ער זאל אים געבין וויינינער וויא ער האט אים צוא גיזאגט (אם אינו מכת מדינה) אויב דיא מכה איז ניט גיוועזן אין דיא מדינה . דיא היישעריקן האבין נאר גיגעסין דיא תבואה פון דיא פעלד . אונ ניט פון אנדערע פעלדער (אין מנכה לו מן חכורו) זאל ער ניט מינערין פון דיא חכירות . וואהם מען זעהט אז דאס איז נאר דער שלעכטער מזל פון ראובן . פאר וואס זאל שמעון שאדין האבין דורך ראובן . רבי יהודה זאגט (אם קבלה הימנו במעות) אויב ראובן האט נידונגען דיא פעלד פון שמעון ער זאל אים בצאהלין געלט (בין כך ובין כך) סייא אזוי אונ סייא אזוי סייא דאס איז אמכת מדינה אונ סייא ניט קיין מכת מדינה (אינו מנכה לו מן חכורו) טאר ער אים ניט אפ רעכענען פון דיא חכירות : ז (המקבל שדה מחברו בעשרה כור חטים לשנה) ראובן האט אנגינומען אפעלד פון שמעון . ער זאל אים געבין צעהן כור ווייץ איאהר (ולקתה) אונ דיא

הלכך למימר ליה חטים יפות קא בעינא מינך: ח המקבל שדה מחבירו לזרעה שעורים. בתבואות כך וכך שעורים או חטים או מעות: לא יזרענה חטים. שהחטים מכחישות הקרקע (יותר) מן השעורים: רשב״ג אוסר שקשה לקרקע כשזורעים אותה שנה ממין זה, ושנה ממין אחר. ולענין פסק הלכה. הכל לפי הקרקע ולפי המקום. אם התנה עמו בדבר שמכחיש הקרקע מעט. אינו יכול לשנות ולזרוע דבר שמכחיש הרבה. והלכה

לו מתוכה. היו חטים יפות. לא יאמר לו הריני לוקח מן השוק אלא נותן לו מתוכה: **ח** המקבל שדה מחבירו לזרעה שעורים לא יזרענה חטים חטים יזרענה שעורים. רבן שמעון בן גמליאל אוסר (תבואה לא יזרענה קטנית. קטנית יזרענה תבואה). רבן שמעון בן גמליאל אוסר: **ט** המקבל שדה מחברו לשנים מועטות לא יזרענה פשתן ואין לו בקורת שקמה. קבלה הימנו לשבע שנים. שנה הראשונה יזרענה פשתן ויש לו בקורת שקמה:

פרי: ט לשנים מועטות. פחות משבע שנים: לא יזרענה פשתן. שזרע פשתן מכחיש בארץ הרבה ושרשיו נשארים בקרקע עד שבע שנים: ואין לו בקורות שקמה. עץ האלה של יער הוא וקוצצים ענפיו לקורות הבנין. והם חוזרים וגדלי׳. ופחות משבע שנים אינן נעשות קורות. הלכך קבלה לפחות משבע שנים. לא יקוץ קורות שבה. דלאו אדעתא דקורות נחית. דבשנים מועטות אינם חוזרים לקורות. אבל קבלה לשבע שנים. שנה

---

די תבואה איז אויסגיקלאפט גיווארין. די קערנער זענען דין אונ קליין (נותן לו מתוכה) גיט ער אים צעהן כור ווייץ פון די פעלד (היו חטים יפות) אויב אין די פעלד האט גיוואקסין גוטע ווייץ. בעסערע ווי אין אנדערע פעלדער (לא יאמר הריני לוקח מן השוק) טאר ניט ראובן זאגין צו שמעון איך וועל קויפין צעהן כור ווייץ פון מארק אונ וועל דיר געבין (אלא נותן לו מתוכה) נאר ער מוז אים געבין צעהן כור ווייץ פון די פעלד: ח (המקבל שדה מחברו) ראובן האט אנגינומען א פעלד פון שמעון (לזרעה שעורים) ער זאל אין איר זייען גערשטין (לא יזרענה חטים) טאר ער אין איר ניט זייען קיין ווייץ (חטים) אז ער האט אויס גירעט ער זאל אין איר זייען ווייץ (יזרענה שעורים) מעג ער אין איר זייען גערשטין. ווארום ווייץ מאכט מער מאגער די ערד ווי גערשטין (רבן שמעון בן גמליאל אוסר) רבן שמעון בן גמליאל זאגט ער טאר ניט זייען קיין גערשטין אויב ער האט אויס גירעט ער זאל זייען ווייץ (תבואה) אז ער האט אויס גירעט ער זאל זייען אין די פעלד תבואה (לא יזרענה קטנית) טאר ער ניט זייען אין איר קיין ארבעס (קטנית) אז ער האט אויס גירעט ער זאל זייען אין די פעלד ארבעס (יזרענה תבואה) מעג ער אין איר זייען תבואה (רבן שמעון בן גמליאל אוסר) רבן שמעון בן גמליאל זאגט אויב ער האט אויס גירעט ער זאל זייען ארבעס טאר ער ניט זייען קיין תבואה: ט (המקבל שדה מחברו לשנים מועטות) אז ראובן האט אן גינומען א פעלד פון שמעון אויף ווייניג יאהרין ווייניגער ווי זיבען יאהרן (לא יזרענה פשתן) טאר ער ניט זייען אין די פעלד קיין פלאקס (ואין לו בקורת שקמה) אונ אויב אין די פעלד שטייט א בוים פון ווילדע פייגן טאר ער ניט אפ האקין פון אים די צווייגין. ווארום די ווארצלען פון די פלאקס בלייבין אין די ערד ביז זיבען יאהר אונ די צווייגין פון די שקמה דארפט אויך זיבען יאהר ביז זיי וואקסען אויף צוריק ווי זיי זענין גיוועזין (קבלה הימנו לשבע שנים) אז ער האט אן גינומען די פעלד אויף זיבען יאהר (שנה הראשונה יזרענה פשתן ויש לו בקורת שקמה) קען ער שטין יאהר

י המקבל שדה מחברו לשבוע אחת בשבע מאות זוז. השביעית מן המנין. קבלה הימנו שבע שנים בשבע מאות זוז אין השביעית מן המנין: יא שכיר יום גובה כל הלילה. שכיר לילה גובה כל היום. שכיר שעות גובה (כל הלילה וכל היום) שכיר שבת שכיר חדש. שכיר שנה. שכיר שבוע יצא ביום גובה כל היום. יצא בלילה גובה כל

להשוקה זורעה פשתן. וקולן שיאמס שנה:

יא שכיר יום גובה כל הלילה. שלאחריו שנאמר (ויקרא יט) לא תלין פעולת שכיר אתך עד בקר. ואי אפשר לומר שבשכיר לילה מדבר שהרי אין שכירות משתלמת אלא בסופה. דכתיב (שם כה) כשכיר שנה בשנה. ודרשי' מינה שכירו' של שנה זו משתלמ' בתחל' שנה אחרת. אלמא לא משתעבד ליה לשכיר יום עד שקיעת החמה. וכי כתיב לא תבא על כרחך בשכיר לילה מוקי' דמשתעב' לו לבקר משכל' שכירותו. וכן לא תלין נמי לא תוקמיה בשכיר לילה דהא לא משתעבד ליה עד הבקר: שכיר שעות גובה כל היום וכל הלילה. הכי קאמר שכיר שעות דיום גובה כל היום. שכיר שעות דלילה גוב' כל הלילה: שכיר שבוע. שמטה: יצא ביום. שכלתה שכירתו בבקר. או ביום גובה כל היום. וכיון שפקעה חמה עובר עליו: יצא בלילה. שכלתה שכירתו בלילה: גובה

מעג. ער זייען אין דיא פעלד פלאקס אונ מעג אפ האקן דיא צווייגין פון שקמה : (המקבל שדה מחברו לשבוע אחת בשבע מאות זוז) ראובן האט גיזאגט צוא שמעון פאר דינג מיר דיין פעלד אויף א שמטה פאר זיבען הונדערט גילדין (השביעית מן המנין) איז דער זיבעטער יאהר אויך אין צאהל פון דיא יאהרין. אפילו דיא פעלד איז דאך לידיג דעם זיבעטין יאהר. ווארום שמטה טאר מען דאך ניט זייען. פון דעסטוועגין מוז ער איהם בצאהלין דיא גאנצע זיבען הונדערט גילדין. ווייל ער האט גיזאגט ער דינגט אויף א שמטה. אונ אלע ווייסין אז אין א שמטה זייעט מען זעקס יאהר. אונ דעם זיבעטין יאהר נעמט מען נאר אראפ פון פעלד וואס עס וואקסט פון זיך אליין (קבלה הימנו שבע שנים בשבע מאות זוז) אז ראובן האט גיזאגט צוא שמעון פאר דינג מיר דיא פעלד אויף זיבען יאהר פאר זיבען הונדערט גילדין (אין השביעית מן המנין) איז דער זיבעטער יאהר פון שמטה ניט אין חשבון פון דיא גידינגענע זיבען יאהר. נאר ער האלט דיא פעלד זיבען יאהר אויסער דעם יאהר פון שמטה: יא (שכיר יום גובה כל הלילה) אז איינער דינגט א ארבעטער אויף א טאג. הט דער בעל הבית צייט א גאנצע נאכט צוא בצאהלין זיינע שכירות (שכיר לילה גובה כל היום) אז איינער דינגט א ארבעטער אויף א נאכט. האט דער בעל הבית צייט א גאנצע טאג צוא בצאהלין זיינע שכירות (שכיר שעות גובה כל הלילה וכל היום) אז איינער דינגט א ארבעטער ביא טאג אויף א שעה אדער אויף עטליכע שעה. מוז ער איהם בצאהלין דעם זעלביגען טאג איידער עס ווערט נאכט. אונ אויב ער דינגט איהם ביי נאכט אויף עטליכע שעה. מוז ער איהם בצאהלין די זעלביגע נאכט איידער עס ווערט טאג (שכיר שבת שכיר חודש שכיר שנה שכיר שבוע) אז איינער דינגט א ארבעטער איף א וואך אדער אויף א חודש אדער אויף א יאהר אדער אויף א שמטה (יצא ביום) אז דער ארבעטער גייט אוועק פון דיא ארבעט ביא טאג. דיא צייט ביז וויא לאנג ער האט איהם גידונגען האט זיך אויס גילאזט ביי טאג (גובה כל היום) מוז איהם דער בעל הבית בצאהלין זיינע שכירות דעם זעלביגען טאג איידער עס ווערט נאכט (יצא בלילה) אז דער ארבעטער גייט אוועק פון דיא ארבעט ביא נאכט. דיא צייט ביז וויא לאנג ער האט איהם גידונגען האט זיך אויס גילאזט ביי נאכט (גובה כל הלילה וכל היום) האט דער בעל הבית צייט איהם צוא בצאהלין דיא גאנצע

הלילה וכל היום: יב אחד שכר אדם ואחד שכר בהמה ואחד שכר כלים יש בו משום ביומו תתן שכרו ויש בו משום לא תלין פעולת שכיר אתך עד בקר. אימתי בזמן שתבעו. לא תבעו אינו עובר עליו. המחהו אצל חנוני או אצל שולחני אינו עובר עליו. שכיר בזמנו נשבע ונוטל. עבר זמנו אינו

כל הלילה וכל היום. דכיון דמשכם פעולתו מסתלק ה"ל שכיר לילה. ואינו עובר עליו בבקר עד למחרת בשקיעת החמה: יב אחד שכר בהמה. ואחד שכר כלים. דכתיב לא תלין פעולת שכי' אתך. כל שפעולתו אתך. ואפי' בהמה וכלים: לא תבעו אינו עובר עליו דכתי' אתך לדעתך ולא מדעתו: המחהו. נתקו מאצלו והעמידו אצל חנוני ואמר לו תן לפועל זה בדינר פירות ואני אשלם. או אמר לשולחני תן לו בדינר מעות: אינו עובר עליו. דכתיב אתך ולא שהמחהו אצל חנוני: שכיר בזמנו נשבע ונוטל. משום דבעל הבית טרוד בפועליו ולפעמי' סבור שנתן והוא לא נתן. תקנו לשבועה מבעל הבית והטילוה אשכיר: שלא בזמנו. הע"ג דבעל הבית טרוד בפועליו כי מטא זמן

נשבע

גאכט אונ אויף מארגין דעם גאנצין טאג ביז פארין נאכט: יב (אחד שכר אדם ואחד שכר בהמה ואחד שכר כלים) סיי ער האט גידונגען אמענטשין צוא דיא ארבעט. אונ סיי ער האט גידונגען אבהמה צוא דיא ארבעט. אונ סיי ער האט גידונגען אכלי צו דיא ארבעט. אויב ער האט זייא גידונגען צוא ארבעטן ביי נאכט (יש בו משום ביומו תתן שכרו) מוז ער בצאהלין פאר זייער ארבעט מארגענדיגין טאג. אונ אויב ער בצאהלט ניט איז ער עובר אמצוה "ביומו תתן שכרו" אין דעם זעלביגען טאג זאלסטו געבין זיינע שכירות ועתי"ט. אונ אויב ער האט זייא גידונגען צוא ארבעטין ביי טאג. מוז ער בצאהלין פר זייער ארבעט דיא נאכט וואס נאך דעם טאג ביז אין דער פריא. אונ אויב ער בצאהלט ניט (ויש בו משום לא תלין פעולת שכיר אתך עד בקר) איז ער עובר אויף אלאו "די געלט פון דיין ארבעטער טאר ניט נעכטיגין בייא דיר ביז אין דער פריא (אימתי) ווען איז ער עובר אויף אלאו אז ער צאהלט ניט צו די צייט (בזמן שתבעו) אז דער ארבעטער הט אים גימאנט (לא תבעו) אז דער ארבעטער האט אים ניט גימאנט. אונ ער הט ניט גיצאהלט (אינו עובר עליו) איז ער ניט עובר אויף קיין לאו (המחהו אצל חנוני) אז דר בעל הבית איז גיגאנגן מיט דעם ארבעטער צו אקרעמער. אונ הט גיזאגט צום קרעמער גיב דעם פועל סחורה אדער אנדערע זאכען פאר זיינע שכירות. אונ איך וועל דיר בצאהלין. אונ דער פועל האט אזוי גיוואלט (או אצל שולחני) אדער דער בעל הבית איז גיגאנגען מיט דעם פועל צוא אוועקסלין וואס טאהשט געלט אונ ער האט גיזאגט צוא אים גיב דעם פועל קליין געלט פאר זיינע שכירות. אונ איך וועל דיר בצאהלין. אונ דער פועל האט אזוי גיוואלט. אפילו דער קרעמער אונ דער וואס טאהשט דיא געלט האבין ניט גיגעבין דעם פועל פאר זיינע שכירות צוא דיא צייט. פון דעסטוועגין (אינו עובר עליו) איז דער בעל הבית ניט עובר אויף קיין לאו (שכיר בזמנו נשבע ונוטל) אפועל וואס קומט מאנען בייא דעם בעל הבית זיין ארבעט געלט. אונ דער בעל הבית זאגט איך האב דיר בצאהלט. איז דער דין אזו. אז דער פועל קומט צוא דיא צייט (דהיינו ער האט גיארבעט בייא נאכט אונ ער קומט מאנען בייא טאג. אדער ער האט גיארבעט בייא טאג אונ ער קומט מאנען בייא נאכט). דארף דער ארבעטער שווערין אז ער האט נאך ניט גינומען זיין ארבעט געלט. אונ דער בעל הבית מוז אים בצאהלין (עבר זמנו) אבער אז דיא צייט איז שוין אריבער גיגאנגען. ער איז

נשבע ונוטל. אם יש עדים שתבעו בזמנו הרי זה נשבע ונוטל. גר תושב יש בו משום ביומו תתן שכרו ואין בו משום לא תלין פעולת שכיר אתך עד בוקר: יג המלוה את חברו. לא ימשכננו אלא בב״ד ולא יכנס לביתו ליטול משכונו שנאמר (דברים כד) בחוץ תעמוד. היו לו ב׳ כלים נוטל אחד.

חובא למי תכפתיה ומדכר. ולא חשיד בעל הבית משום עובר על לא תלין: גר תושב. שקבל עליו שלא לעבוד עבודת כוכבים ואוכל נבלות אין בו משום לא תלין. דכתיב ברישא דקרא רעך לעך ולא גר תושב: יג המלוה את חברו. והגיע זמן ולא פרעו: לא ימשכננו. ליקח ממנו משכון בעל כרחו ואפי' בשוק. אלא ע"י שליח בית דין. שיקח ממנו ברשות ב"ד: לא יכנס לביתו. אפי' שליח ב"ד לא יכנס לביתו. וכל שכן בעל חוב עצמו: היו לו שני כלים. וחובו כנגד שניהם ומשכנו

ניקומען מאנען זיין ארבעט געלט נאך דיא צייט וואס פריער שטייטו. אונ אין דיא צייט דאט ער ניט גמאנט (אינו נשבע ונוטל) זאל ער ניט שווערין אונ ניט נעמען (אם יש עדים שתבעו בזמנו) אויב דער פועל האט עדות אז ער האט אים גימאנט צוא דער צייט אונ ער האט אים ניט גיגעבין. אונ איצט נאך דער צייט איז ער גיקומען מיט דעם בעל הבית צוא דין תורה (הרי זה נשבע ונוטל) זאל דער פועל שווערין אז דער בעל הבית האט אים נאך ניט בצאהלט. אונ דער בעל הבית מוז אים בצאהלין (ועתי״טו) (גר תושב) אז איינער האט גידונגען איין ארבעטער אין ארץ ישראל וואס ער האט אויף זיך גינומען ער זאל ניט דינען צוא קיין אנדערין גאר צוא גאט. אבער דיא מצות וואס שטייט אין דיא תורה האלט ער ניט. אונ מען רופט אים גר תושב. ווייל אזוי אבנעני האט גימעגט וואהנען אין ארץ ישראל צווישין יודין. אויב מען האט אים גידונגען ער זאל ארבעטין ביא נאכט. דארף מען אים בצאהלין מארגענדיגין טאג. אויב עס איז אוועק גינאנגען דער טאג אונ מען האט ניט בצאהלט (יש בו משום ביומו תתן שכרו) איז דער בעל הבית עובר אויף דיא מצות עשה וואס עס שטייט אין דיא תורה "ביומו תתן שכרו" אין דעם זעלביגען טאג זאלסטו בצאהלין זיינע שכירות. אונ אויב מען האט אים גידונגען ער זאל ארבעטין ביא טאג. דארף מען אים בצאהלין דיא נאכט וואס נאך דעם טאג. אויב עס איז אוועק גינאנגען דיא נאכט אונ מען האט אים ניט בצאהלט (ואין בו משום לא תלין פעולת שכיר אתך עד בקר) איז דער בעל הבית ניט עובר אויף דעם לאו פון "לא תלין פעולת שכיר אתך עד בקר" דיא ארבעט געלט פון דעם גידונגענעם זאל ניט גענעכטיגין ביא דיר ביז אין דער פריא. ווייל אין דעם פסוק שטייט דער ווארט רעך. אויב דער פועל איז אזוי איוד וויא דוא ביזט. מוזטו זיין ארבעט געלט ביא נאכט בצאהלין. אבער אז ער איז אבנעני גיוועזן אונ איצט איז ער אגר תושב. מעגסטו אים שפעטער בצאהלין:

יג (המלוה את חברו) ראובן האט פר בארגט געלט צו שמעון. אונ עס איז גיקומען דיא צייט שמעון זאל בצאהלין אונ ער האט ניט בצאהלט (לא ימשכננו אלא בבית דין) טאר ניט ראובן נעמען אמשכון ביא שמעון. נאר דורך ביתדין. ביתדין שיקען זייער שליח צוא שמעון אונ ער נעמט ביא אים אמשכון (ולא יכנס לביתו ליטול משכונו) אונ דער שליח פון ביתדין טאר ניט אריין גיין צוא שמעון אין שטוב נעמען ביא אים אמשכון (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (בחוץ תעמוד) דוא זאלסט שטיין אויסער דיא שטוב. אונ דער וואס איז שולדיג דאס געלט זאל דיר ארויס טראגין דעם משכון (היו שני כלים) אויב שמעון האט גיהאט צוויא כלים. אונ דער חוב איז אזוי פיל וויא דיא ביידע כלים זענען ווערט.

ומניח אחד. ומחזיר את הכר בלילה. ואת המחרישה ביום. ואם מת אינו מחזיר ליורשיו. רבי שמעון בן גמליאל אומר אף לעצמו אינו מחזיר אלא עד שלשים יום. ומשלשים יום ולהלן. מוכרן בב"ד. אלמנה בין שהיא עניה בין שהיא עשירה אין ממשכנין אותה שנאמר (שם) ולא תחבול בגד אלמנה. החובל את הריחים. עובר בלא תעשה וחייב משום שני כלים שנאמר (דברים כד) לא יחבול רחים ורכב. ולא רחים ורכב בלבד אמרו. אלא כל דבר שעושין

בטניסס: נוטל אחד ומחזיר אחד. בטעם סבוא לריך לזס. יחזירנו. ויעכב בסני הללו כדמפרש ואזיל. מחזיר את הכר בלילה. ואת סמחרים' ביום: מת הלוה. אין משיב סעבוט ליורשים שאין כאן מלות סשב' סעבוט. דסשב משיב לו את סעבוט כתי' (דברים כד) לו ולא ליורש: עד שלשים יום. זמן בית דין. ואין סלכס כרבן שמעון בן גמליאל: בין שהיא עניה

בין שהיא עשירה כו'. משום דאיכא למאן דאמר עניה. הוא דאין ממשכנין. שאתה לריך לחזור לה. וסיא נכנסת ויולאת אצלך. אתה משיאה שם רע בשכנותיה. אבל עשירה. דליכא למימר הכי. ממשכנין. קמ"ל האי תנא דלא. דכתיב לא תחבול בגד אלמנה. אחד עניה ואחד עשירה במשמע: משום שני כלים. שעליונה רכב. ותחתונה רחים:

טאר מען ניט נעמען ביידע כלים (נוטל אחד ומניח אחד) איין כלי נעמט ער ביי שמעון און איין כלי לאזט ער ביי שמעון. ווען שמעון דארף דיא כלי ניט ער אים דיא אנדערע כלי. און ווען ער דארף דיא אנדערע כלי. גיט ער אים דיא ערשטע און נעמט דיא אנדערע (ומחזיר את הכר בלילה) אקישין גיט ער אוועק צוא שמעון ביי נאכט. און דעם האקער האלט ער ביי זיך (ואת המחרישה ביום) און דעם האקער גיט ער אוועק צוא שמעון ביי טאג. און דיא קישין נעמט ער צוא זיך (ואם מת) און אויב דער לוה איז נישטארבין (אינו מחזיר ליורשיו) דארף ער ניט צוריק געבין דעם משכון צוא זיינע יורשים. נאר ער האלט אים ביי זיך ביז מען בצאהלט אים זיין חוב. רבי שמעון בן גמליאל זאגט (אף עצמו אינו מחזיר אלא עד שלשים יום) אפילו צוא דעם לוה אליין דארף ער נאר צוריק געבין דעם משכון ביז דרייסיג טעג (ומשלשים יום ולהלן) און פון דרייסיג טעג און ווייטער (מוכרן בבית דין) פאר קויפט ער דיא משכנות דורך בית דין און נעמט אפ זיין חוב (אלמנה בין שהיא עניה בין שהיא עשירה אין ממשכנין אותה) אאלמנה אז זיא איז שולדיג געלט און בצאהלט ניט. סייא זיא איז ארעם און סייא זיא איז רייך. טאר מען ניט נעמען ביי איר קיין משכון (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (ולא תחבול בגד אלמנה) דיא קלייד פון אאלמנה זאלסטו ניט נעמען פאר קיין משכון. און ניט נאר דיא קלייד. נאר קיין משכון טאר מען ניט נעמען ביי איר (החובל את הרי־ים) אז ער נעמט אמשכון אמיהל שטיין (עובר בלא תעשה) איז ער עובר אויף אלאו (וחייב משום שני כלים) און אים קומט צוויא מאהל מלקות. אויף דיא ביידע שטיינער פון דעם מיהל שטיין (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק (לא יחבול רחים ורכב) מען זאל ניט נעמען קיין משכון אמיהל שטיין ניט דעם אונטערשטין שטיין און ניט דעם אויבערשטין שטיין. און אז ער נעמט ביידע שטיינער קומט אים צוויא מאהל מלקות (ולא רחים ורכב בלבד אמרו) און ניט נאר אמיהל שטיין אליין האט מען גיזאגט אז מען טאר ניט נעמען קיין משכון (אלא כל דבר שעושין בו אוכל נפש) נאר יעדער זאך וואס דער לוה פארדינט דער מיט צום עסן. און אז מען וועט דיא זאך ביי אים צוא נעמען פאר אמשכון וועט ער ניט האבין פון וואנען צוא לעבין. טאר

פרק י הבית והעליה של שנים. הבית של אחד ועליה של אחד: שניהם חולקים. לפי שאין ניכר אלו אבנים של עליון ואלו אבנים של תחתון: ורואין אלו אבנים הראוי׳ להשתבר. אם נתבע הבית מיסודו ונפל תחתיו יש לדעת שהתחתונות נשתברו. ואם עליונו של כותל נפל נראה ממנו הרבה שהעליונות נשתברו שנפלו ממקום גבוה והתחתונות שלמות שנפלו ממקום נמוך. ורישא דתנא שניהם חולקים. איירי שנפל הכותל בלילה ופנו את האבנים מיד וליכא למיקם אי בחבטה נפל. ותתאה אתבור. אי בחבטה נפל ועליתא אתבור: מקצת אבניו. וכן שלמות: נוטלן. וכגון שהלה טוען בקצת מהן שהוא אמת. ובקצת אומר שאינו יודע. שכיון שהוא מודה במקצת הוה ליה מחוייב שבועה דאורייתא ואינו יכול לישבע. וכל המחוייב שבועה ואינו יכול לישבע משלם.

בו אוכל נפש. שנאמר (שם) כי נפש הוא חובל:

פרק י **הבית** והעליה של שנים שנפלו. שניהם חולקי׳ בעצים ובאבנים ובעפר. ורואים אלו אבנים הראויות להשתבר. אם היה אחד מהן מכיר מקצת אבניו נוטלן

---

מען ניט נעמען דיא כלי פאר אמשכון (שנאמר) ווארום עס שטייט אין פסוק אטעם פאר וואס טאר מען ניט נעמען דעם מיהל שטיין (כי נפש הוא חובל) ווארום ער נעמט בייא איהם דעם נפש. ער וועט ניט האבין פון וואנען צוא לעבין וועט ער שטארבין פאר הונגער אזוי יעדער זאך וואס דער מענטש לעבט דער פון טאר מען דאס ניט נעמען בייא איהם פאר אמשכון:

פרק י א (הבית והעליה של שנים שנפלו) אאונטערשטע שטוב און אאויבערשטע שטוב וואס געהער צוא צווייא מענטשין. דיא אונטערשטע שטוב געהער צוא איין בעל הבית. און דיא אויבערשטע שטוב געהער צוא איין אנדער בעל הבית. און ביידע זענען איין געפאלען (שניהם חולקין בעצים ובאבנים ובעפר) זאלין זיך ביידע גלייך טיילין מיט דיא האלץ און מיט דיא שטיינער דאס מיינט מען ציגול. עתי״ט און מיט דיא ערד וואס מען בעקלעבט ארום דיא שטיינער (עתי״ט). דער דין איז נאר אז דיא וואנט איז איין געפאלען ביי נאכט. און מען האט דיא שטיינער באלד אפ געראמט. און מען האט ניט אכטונג געגעבין צוא זעהן וויא אזוי דיא וואנט איז איין געפאלען. דריבער טיילען זיך ביידע גלייך מיט דיא גאנצע שטיינער און מיט דיא צו בראכענע (ורואים אלו אבנים הראויות להשתבר) אבער אז דיא וואנט איז איין געפאלען און דיא ציגול ליגען נאך. זעהט מען וועלכע ציגול האבען געדארפט צוא בראכין ווערין. פון דיא אויבערשטע שטוב אדער פון דיא אונטערשטע שטוב. אויב דיא וואנט האט זיך אראפ געלאזין פון פונדאמענט. און דיא וואנט האט זיך גלייך אראפ געלאזין. זענען דיא אונטערשטע ציגול צוא בראכין געווארען און ניט דיא אויבערשטע. און אויב דיא וואנט איז פון הויבין איין געפאלען. זענין דיא אויבערשטע ציגול צוא בראכין געווארען און ניט דיא אונטערשטע. וועמעס ציגול זענין דיא גאנצע. דער נעמט זייא. און וועמעס ציגול זענין דיא צוא בראכענע. דער נעמט זייא. און מען טיילט ניט גלייך דיא צוא בראכענע מיט דיא גאנצע (אם היה אחד מהן מכיר מקצת אבניו) אויב איינער פון זייא דער קענט אביסול גאנצע ציגול אז זייא זענין זיינע (נוטלן) נעמט ער זייא (עתי״ט והרע״ב) (ועולות לו מן החשבון) און זייא ווערין איהם איין גיציילט אין רעכענונג. וויא פיל גאנצע ער נעמט. נעמט דער אנדערער אויך אזוי פיל

ועולות לו מן החשבון: ב הבית והעליה של שנים נפחתה העליה. ואין בעל הבית רוצה לתקן. הרי בעל העליה. יורד ודר למטה עד שיתקן לו את העליה. רבי יוסי אומר התחתון נותן את התקרה והעליון את המעזיבה: ג הבית והעליה של שנים שנפלו. אמר בעל העליה לבעל הבית לבנות והוא אינו רוצה לבנות. הרי בעל העליה בונה את הבית ודר בתוכו

אבל הא אמר על כולן איני יודע ישבע שאינו יודע. וחולק עם חברו בשוה: ב הבית והעלי'. שמשכיר לחברו עליה שעל גבי ביתו ואמר לו עליה זו שעל גבי בית זה אני משכיר לך ונפחתה העליה ד' טפחים על ד' טפחים דהשתא אם בא זה להשתמש בעליה צריך שיהא חציו למעלה וחציו למטה: ואין בעל הבית רוצה לתקן. העלי': הרי בעל עליה יורד ודר למטה. לגמרי דהא שעבד ביתו לעליה ולא כפינן ליה לדור חציו למעל' וחציו למטה: מעזיבה. טיח של טיט שנותנים על התקרה. רבי יוסי סבר מעזיב'. אשוויי גומות היא ואשוויי גומות על העליון לאשוויי. ורבנן סברי מעזיבה אחזוקי תקרה היא. ואחזוקי תקרה תחתון בעי לאחזוקי. והלכה כחכמים: ג הבית והעליה של שנים. בית של זה ועליה של זה: אמר בעל העליה לבעל הבית לבנות. החומה והתקרה שהתחתונה כמוטלת עליו לבנות: בונה הבית. ותקרה שהתחתונה

גאנצע וועתי"ט): ב (הבית והעליה של שנים) אאונטערשטע שטוב וואס אין איר וואהנט דער בעל הבית. אונ דיא אויבערשטע שטוב האט ער פאר דונגען צוא איין אנדערן (וועתי"ט). אונ ער האט גיזאגט צוא אים דיא אויבערשטע שטוב וואס שטייט אויף דיא אונטערשטע שטוב פאר דינג איך דיר (נפחתה העליה) אונ דיא פאדלאגע פון די אובערשטע שטוב איז צוא בראכען גיווארין אונ עס איז דא אלאך פון פיר טפחים דיא ברייט אונ פיר טפחים דיא לייג. פון דיא אויבערשטע שטוב אין דיא אונטערשטע שטוב אריין (ואין בעל הבית רוצה לתקן) אונ דער בעל הבית וויל ניט פאריכטין (הרי בעל העליה יורד ודר למטה עד שיתקן לו את העליה) מעג דער איינוואהנער פון דיא אויבערשטע שטוב אראפ ציהען מיט זיין גאנצע ווערטשאפט אונ וואהנען אין דיא אונטערשטע שטוב ביז מען וועט פאריכטין דיא אויבערשטע שטוב. רבי יוסי זאגט (התחתון נותן את התקרה) דער בעל הבית וואס וואהנט אונטען זאל געבין די בעלקעס (והעליון את המעזיבה) אונ דער איינוואהנער וואס וואהנט אויבין זאל געבין ליים צוא בעקלעבין פון דויבין אויף דיא בעלקעס: ג (הבית והעליה של שנים) אאונטערשטע שטוב אונ אאבערשטע שטוב וואס גיהער צוא צוויא מענטשין. דיא אונטערשטע שטוב גיהער צוא איין בעל הבית. אונ די אובערשטע שטוב גיהער צוא איין אנדער בעל הבית (שנפלו) אונ זענין ביידע איינגיפאלין (אמר בעל העליה לבעל הבית לבנות) דער בעל הבית פון דיא אויבערשטע שטוב זאגט צוא דעם בעל הבית פון דיא אונטערשטע שטוב. ער זאל אויף באהען דיא אונטערשטע שטוב. ווייל ער וויל אויף דיא שטוב באהען זיין אויבערשטע שטוב (והוא אינו רוצה לבנות) אונ דער בעל הבית פון דיא אונטערשטע שטוב וויל ניט באהען זיין שטוב (הרי בעל העליה בונה את הבית) זאל דער בעל הבית פון דיא אויבערשטע שטוב אויף באהען דיא אונטערשטע שטוב אין גאנצין (ודר בתוכו) אונ זאל וואהנען אין דיא שטוב (עד שיתן לו את יציאותיו) ביז דער בעל הבית פון דיא אונטערשטע שטוב וועט איהם בצאהלין אלע הוצאות וואס ער האט איהם גיגעבין אויף דיא שטוב. וועט ער אויף באהען דיא אויבערשטע שטוב. אונ

התחתונה שעליו. ויושב בבית עד שיתן זה נהנה וזה אינו חסר חייב. אלא בונה את יציאותיו. והה"נ יוצא ממנו ובונה עלייתו: הכל: ומקרה את העליה. למעלה וכל הצריך ר׳ יהודה אומר אף זה דר בתוך של חברו. לה: ויושב בבית. התחתון דהוה ליה זה לא א"כ הוא בעל העליה זו כשזה מחזיר לו הבית שהרי עלייתו מוכנת לו לדור בה. וזה יציאותיו כמלא שדר כל הימים הללו בתוך של חברו. ואף ע"פ שזה אינו חסר דהא בלאו הכי לא הוה בני לה. מ"מ זה נהנה. שאלולי בית זה לא היה לו דירה לדור שם. וקסבר

עד שיתן לו את יציאותיו. רבי יהודה אומר אף זה דר בתוך של חבירו צריך להעלות לו שכר אלא בעל העליה בונה את הבית ואת העליה ומקרה את העליה ויושב בבית. עד שיתן לו את יציאותיו: ד וכן בית הבד שהוא בנוי בסלע. וגנה אחת על גביו. ונפחת. הרי בעל הגנה יורד וזורע למטה. עד

לא חסר דהא לא הוה בני לה ולא חזיא ליה: ד בית הבד. בית לעצור זתים: וגנה אחת על גביו. ובית הבד של אחד. וגנה של אחר: ונפחת. כארבעה טפחים על ארבעה טפחים

וועט וואהנען אין דיא אובערשטע שטוב אזוי וויא פריער. רבי יהודה זאגט (אף זה דר בתוך של חברו) אז דער בעל הבית פון דיא אונטערשטע שטוב בצאהלט אלע הוצאות. אין דאך דיא שטוב זיינע פון דעם טאג וואס זיא איז אויף גיבאהט געווארען. האט דאך דער בעל הבית פון דיא אובערשטע שטוב געוואהנט אין דיא אונטערשטע שטוב אזוי לאנג אן דירה געלט. אפילו דער בעל הבית פון דיא אונטערשטע שטוב האט ניט קיין שאדין פון זיין וואהנען. דער וואס האט געוואהנט האט דאך הנאה דאס הייסט „זה נהנה" דער האט הנאה „וזה לא חסר" אונ דער האט ניט קיין שאדין. דארף ער בצאהלין פר זיין הנאה (צריך להעלות לו שכר) דארף דער בעל הבית פון דיא אויבערשטע שטוב אפ רעכענען דיא דירה געלט פון דיא צייט וואס ער האט געוואהנט אין דיא אונטערשטע שטוב (אלא) נאר אזוי זאל זיין (בעל העליה בונה את הבית ואת העליה) דער בעל הבית פון דיא אובערשטע שטוב באהט אויף דיא אונטערשטע שטוב אונ פון הויבין באהט ער דיא אויבערשטע שטוב (ומקרה את העליה) אונ ער לייגט דיא בעלקעס פון דיא אובערשטע שטוב. זיא זאל זיין אין גאנצין פארטיג צום וואהנען (ויושב בבית) אונ ער ציהט אריין וואהנען אין דיא אונטערשטע שטוב (עד שיתן לו את יציאותיו) ביז דער בעל הבית פון די אונטערשטע שטוב וועט אים בצאהלין אלע הוצאות וואס ער האט אויס געגעבין אויף דיא שטוב. דער נאך גייט ער ארויף וואהנען אין דיא אובערשטע שטוב. איצט איז אזו. דער פון דיא אונטערשטע שטוב האט ניט געהאט קיין שאדין וואס דער פון דיא אויבערשטע האט אין איר געוואהנט. אונ דער פון דיא אויבערשטע שטוב האט ניט געהאט קיין הנאה וואס ער האט געוואהנט אין דיא אונטערשטע שטוב. זיין אויבערשטע שטוב. איז דאך געשטאנען לידיג. דריבער דארף מען ניט אפ רעכענען קיין דירה געלט: ד (וכן בית הבד שהוא בנוי בסלע) א שטוב וואס מען טרעט אין איר דיא איילבירטין איז געבאהט אין הארטע ערד (וגנה אחת על גביו) אונ אויף דיא הארטע ערד איז א גארטין. דער גארטין געהער צו איין בעל הבית. אונ דר בית הבד געהער צו איין אנדער בעל הבית (ונפחת) אונ די הארטע ערד איז איין געבראכין געווארען. פיר טפחים די לייגג אונ פיר טפחים דיא ברייט איז דא אלאך פון גארטין ביז אין בית הבד. קען מען ניט האקערין דעם גארטין אזוי וויא פריער (הרי בעל הגנה יורד וזורע למטה) דער בעל הבית פון גארטין מעג אראפ גיין אין בית הבד אונ פאר זייט אונטען אויף דיא ערדענע פאדלאגע (עד שיעשה לבית

והיינו דהוי לזרוע כבתחלה: כיפין. תקרה עשויה בעגול כמין קשת ועליה יתן בעה"ב סגנה עפר ויזרע: פטור מלשלם. דמאי ה"ל למעבד אנוס הוא: נתנו לו זמן. ב"ד ל' יום. לסתור ולקוץ: ה ונפל. לתוך גנת חברו: הגיעוך. זכה בהן והכנס אותן לעצמך: אין שומעין לו. אם אין זה רוצה אין קונה אותן וחייב הלה לפנותן: בתבן ובקש. ללקט לו משלו או משל הפקר: אין שומעין לו. אף ע"ג דבכל דוכתי אית לן שוה כסף ככסף. גבי שכיר אינו כן דלא תלין פעולת שכיר כתיב אמאי

שיעשה לבית בדו כיפין. הכותל והאילן. שנפלו לרשות הרבים והזיקו. פטור מלשלם. נתנו לו זמן לקוץ את האילן ולסתור את הכותל. ונפלו בתוך הזמן פטור. לאחר הזמן חייב:

ה מי שהיה כותלו סמוך לגנת חבירו ונפל (ואמר לו פנה אבניך). ואמר לו הגיעוך. אין שומעין לו. משקבל עליו אמר לו הילך את יציאותיך. ואני אטול את שלי. אין שומעין לו. השוכר את הפועל לעשות עמו בתבן ובקש ואמר לו תן לי שכרי ואמר לו טול מה שעשי' בשכרך. אין שומעין לו. משקבל עליו

ברו כיפין) ביז דער בעל הבית פון בית הבד וועט מאכן קיילעכדיגע בעלקעס אויף דעם בית הבד. וועט דער בעל הבית פון גארטן אנשיטען ערד פון אויבן און וועט פארזייען אזוי וויא פריער (הכותל והאילן שנפלו לרשות הרבים והזיקו) אוואנט אדער אבוים זענען אומגיפאלן אין גאס און האבן גיטאהן אשאדין (פטור מלשלם) דער בעל הבית פון דיא וואנט אדער פון דעם בוים דארף ניט בצאהלין פאר דעם שאדין (נתנו לו זמן לקוץ את האילן ולסתור את הכותל) אויב בית דין האבין גיזאגט דעם בעל הבית ביז דרייסיג טעג מעג שפיין דיא וואנט אדער דער בוים. דעם איין און דרייסיגסטין טאג מוז ער איינווארפין דיא וואנט אדער אפ האקין דעם בוים (ונפלו) און דיא וואנט אדער דער בוים זענען איינגיפאלין און האבין גיטאהן אשאדין (בתוך הזמן אויב זייא זענען איינגיפאלין אין דיא צייט. אין דיא דרייסיג טעג (פטור) דארף ער ניט בצאהלין פאר דעם שאדין (לאחר הזמן) אויב זייא זענען איין גיפאלין נאך דיא צייט. נאך דיא דרייסיג טעג (חייב) דארף ער בצאהלין פאר דעם שאדין: ה (מי שהיה כותלו סמוך לגנת חברו) ראובנס וואנט איז גישטאנען ביי שמעונס גארטין (ונפל) און דיא וואנט איז אריין גיפאלין צוא שמעון אין גארטין (ואמר לו פנה אבניך) זאגט שמעון צוא ראובן נעם ארויס דא שטיינער פון מיין גארטין (ואמר לו הגיעוך) זאגט ראובן צוא שמעון נעם דיר דיא שטיינער פאר זיך. און שמעון וויל ניט דיא שטיינער און וויל זייא ניט ראמען (אין שומעין לו) הערט מען ניט וואס ראובן זאגט. נאר ראובן מוז אפ ראמען דיא שטיינער (משקבל עליו) וויא שמעון האט אנגינומען דיא רייד פון ראובן. און האט אפ גיראמט דיא שטיינער. און האט זייא גינומען פאר זיך (אמר לו הילך את יציאותיך ואני אטול את שלי) זאגט ראובן צוא שמעון נא דיר צוריק וואס דוא האסט בצאהלט פאר דיא שטיינער אפ ראמען. און איך וועל נעמען מיינע שטיינער און שמעון וויל ניט צוריק געבין (אין שומעין לו) הערט מען ניט וואס ראובן זאגט. נאר דיא שטיינער בלייבין ביי שמעון (השוכר את הפועל לעשות עמו בתבן ובקש) ראובן האט גידונגען אארבעטער ער זאל קלויבין שטרוי (ואמר לו תן לי שכרי) און דער ארבעטער האט גיזאגט צוא ראובן בצאהל מיר פאר מיין ארבעט (ואמר לו) האט ראובן גיזאגט צום ארבעטער (טול מה שעשית בשכרך) וואס דוא האסט גיארבעט נעם פאר דיין ארבעט געלט. און דער ארבעטער וויל ניט (אין שומעין לו) הערט מען ניט וואס ראובן זאגט. נאר ראובן מוז דעם ארבעטער בצאהלין (משקבל עליו) וויא דער ארבעטער האט שוין אנגינומען

ואמר לו הילך שכרך ואני אטול את שלי. אין שומעין לו. המוציא זבל לרשות הרבים המוציא מוציא והמזבל מזבל. אין שורין טיט ברשות הרבים. ואין לובנים לבנים אבל גובלין טיט ברשות הרבים. אבל לא לבנים. הבונה ברשות הרבים. המביא אבנים מביא. והבונה בונה. ואם הזיק משלם מה שהזיק. רבן שמעון בן גמליאל אומר אף מתקן הוא מלאכתו לפני שלשים יום: ך שתי גנות זו על גב זו והירק בנתים. רבי מאיר אומר של עליון. ר' יהודה אומר של תחתון. א"ר מאיר אם ירצה העליון ליקח את עפרו אין כאן

דלאתני בהדי' משמע: המוציא מוציא והמזבל מזבל. כשהוא מוליאו מן הרפת לרה"ר יהא מוכן שהוא לזבלו ולא יהא רשאי להשהותו שם: גובלין טיט. לתת מיד בבנין: והבונה בונה. מקבלן מיד המביא וכו': מתקן. מזמן ברה"ר כל שלשים יום. ולא יהא חייב בנזקין. ואין הלכה כרשב"ג: ך שתי גנות. של שני בני אדם. סמוכות זו לזו. האחת קרקעיתה גבוה. והאחרת קרקעיתה נמוך: והירק בנתים. בזקיפת הגבוה. שזו גבוה משל זו: של עליון. שהרי עפרו הוא. ומשלו הוא יונק: של תחתון. שעל אוירו היא מונחת:

דיא שטרוי פאר זיין ארבעט געלט (ואמר לו הילך שכרך ואני אטול את שלי) זאגט ראובן צוא אים. נא דיר דיין ארבעט געלט אונ איך וועל געמען מיינע שטרוי אונ דער ארבעטער וויל ניט צוריק געבין (אין שומעין לו) הערט מען ניט וואס ראובן זאגט. נאר דיא שטרוי בלייבט ביא דעם ארבעטער (המוציא זבל לרשות הרבים) אז ער פירט ארויס מיסט אין גאס (המוציא מוציא והמזבל מזבל) דער וואס פירט ארויס דיא מיסט פון שטאל אין גאס. וויא ער לייגט נאר אנידער דיא מיסט אין גאס. זאל באלד דער אנדערער צוא נעמען דיא מיסט אונ לייגן אויף דיא פעלד. אונ מען זאל ניט לאזין ליגען דיא מיסט אין גאס (אין שורין טיט ברשות הרבים) מען טאר ניט ווייקין ליים אין גאס (ואין לובנים לבנים) אונ מען טאר ניט מאכין ציגיל אין גאס (אבל גובלין טיט ברשות הרבים) אבער מען מעג קנעטין ליים אין גאס מען זאל זיא באלד צוא נעמען (אבל לא לבנים) אבער ציגיל טאר מען ניט קנעטין אין גאס (הבונה ברשות הרבים) דער וואס באהט ער מאהערט אין גאס (המביא אבנים מביא והבונה בונה) אזוי וויא דער ברייננט דיא שטיינער. זאל באלד דער וואס באהט צוא נעמען דיא שטיינער פון גאס איין צוא מאהערין זיא. אונ מען זאל ניט לאזין ליגען דיא שטיינער אין גאס (ואם הזיק משלם מה שהזיק) אויב ער האט גיטאהן אשאדין מיט דיא שטיינער אדער מיט דיא ליים אדער מיט דיא מיסט. דארף ער בצאהלין פאר דעם שאדין. רבן שמעון בן גמליאל זאגט (אף מתקן הוא את מלאכתו לפני שלשים יום) מיט דרייסיג טעג פריער איידער ער גייט באהען אדער מאהערין. מעג ער אנברייטין אין גאס ציגיל האלין ליים אונ נאך אנדערע זאכין וואס ער דארף. אונ אז ער טוהט אשאדין דארף ער ניט בצאהלין: ך (שתי גנות זו על גב זו) צוויא גערטנער איינער איבער דעם אנדערין. דער אויבערשטער גארטין גיהער צוא ראובן. אונ דער אונטערשטער גארטין גיהער צוא שמעון (והירק בנתים) אונ צווישין דיא ביידע גערטנער וואקסט גרינווארג רבי מאיר זאגט (של עליון) דיא ירק גיהער צום אויבערשטין גארטין. רבי יהודה זאגט (של התחתון) די ירק גיהער צום אונטערשטין גארטין (א"ר) האט רבי מאיר גזאגט (אם ירצה העליון ליקח את עפרו אין כאן ירק) אויב דער בעל הבית פון אויבערשטין גארטין וועט וועלין אראפ נעמען דעם בארג. זיין גארטין זאל זיין גלייך מיט דעם אונטערשטין גארטין. וועט דאך ניט זיין קיין ירק אויף דיא זייט פון בארג. ווארום עס וועט דאך קיין בארג ניט זיין.




וואקסט

מאחר ששניהם יכולים למחות. שלא יעלה ירק זה כאן עליון לטול עפרו ותחתון למלאות גנתו: רואין מהיכן ירק זה חי. ממקום שהוא יונק וגדל. ולו ינתן: כל שהעליון יכול לפשוט ידו ולטול הרי הוא שלו. כדקאמר רבי מאיר הואיל ומעפרו הוא חי: והשאר של התחתון. דעליון גופיה אפקורי מפקיר ליה לגבי דתחתון. שנגלאי הוא לו ליטול רשות ליכנס לתוך של חברו ולנקחו. והלכה כר״ש:

ירק. אמר ר״י אם ירצה התחתון למלאות את גנתו אין כאן ירק. אמר ר״מ מאחר ששניהן יכולין למחות זה על זה. רואין מהיכן ירק זה חי. אמר רבי שמעון כל שהעליון יכול לפשוט את ידו וליטול הרי הוא שלו. והשאר של תחתון:

סליק מסכת בבא מציעא

# בבא בתרא פרק א

**השותפין** שרצו לעשות מחיצה. בחצר שאין בה דין חלוקה מיירי שאין בה כדי ארבע אמות לכל אחד מן השותפין. להכי קתני שרצו דמשמע דוקא שניהם רוצים. אבל אין אחד מהם יכול לכוף את חברו. דאילו בחצר שיש בה דין חלוקה כל אחד יכול לכוף את חברו לחלוקה. והשתא אשמועינן דכיון שרצו לחלוק והחזיק כל אחד מהם ברוח המגיע לו כפי מה שנתפשרו בונין את הכותל באמצע. שזה נותן מחלקו חצי

**השותפין** שרצו לעשות מחיצה בחצר בונין את הכותל

וואקסט דאך דיא ירק אויף דיא ערד פון אובערשטין גארטין (אמר רבי יהודה) האט רבי יהודה גיזאגט (אם ירצה התחתון למלאות את גנתו אין כאן ירק) אויב דער בעל הבית פון אונטערשטין גארטין וועט וועלין אויף שיטען ערד אויף זיין גארטין. זיין גארטין זאל זיין גלייך מיט דעם אובערשטין גארטין. מעג ער דאך. וועט דאך דער אובערשטער גארטין ניט האבין קיין ירק ביי דער זייט בארג (אמר רבי מאיר) האט רבי מאיר גיזאגט (מאחר ששניהן יכולין למחות זה על זה) ווייל בידע קענען שטערין איינער דעם אנדערין דא זאל ניט זיין קיין ירק (רואין מהיכן ירק זה חי) זעהט מען פון וועלכין גארטין דיא ירק לעבט. פון וועלכין גארטין זי וואקסט צו דעם זאל מען געבין דיא ירק (אמר רבי שמעון) האט רבי שמעון גיזאגט (כל שהעליון יכול לפשוט את ידו וליטול) וויא ווייט דער בעל הבית פון דעם אובערשטין גארטין קען אויס ציהען דיא האנט אונ נעמען ירק פון דער זייט בארג (הרי הוא שלו) איז דיא ירק זיינע (והשאר של תחתון) אונ דיא איבעריגע ירק גיהער צוא דעם בעל הבית פון דעם אונטערשטין גארטין:

דער דין איז אויב צווייא מענטשין האבען א הויף בשותפות. אויב דער הויף איז ברייט אכט איילין. קען איין שותף גייטין דעם אנדערין מען זאל צוא טיילין דעם הויף אונ מען זאל מאכען אין מיטען הויף א וואנט. דער זאל האבין זיינע פיר איילין באזונדער. אונ דר זאל האבין זיינע פיר איילין באזונדער. אבער אז דער הויף איז קלענער וויא אכט איילין. קען ניט גייטין איין שותף דעם אנדערין מען זאל צוא טיילין דעם הויף. אונ מען זאל מאכין אין מיטען הויף א וואנט. נאר זייא ניצען בידע אין הויף. זאגט דיא משנה:

פרק א א (השותפין שרצו לעשות מחיצה בחצר) אבער אז בידע שותפין ווילען מען זאל מאכען א וואנט אין מיטען הויף. אפילו דער הויף איז ניט ברייט אכט איילין